STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07025

KULISN

L. Dreikurs

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

224

ל. דרייקורס

קוליסן

(ראָמאַן אין צוויי טיילן)

אידישע בוכהאנדלונג ש. סגל
S. SIGAL
J. E. URIBURU 510 - B. AIRES

פאַרלאַג ה. בזשאָזאַ

וואַרשע, 1927

הילע געצייכנט ג. קאָזשען
געדרוקט ביי י. הענדלער, ווארשע, דלוגע 26

L. DREIKURS
KULISY
WYDAWNICTWO CH BRZOZA
Warszawa, Leszno № 27.

Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 26.

159

ערשטער טייל

I

די דאַמען פון בראָדוויי

ער האָט אַ קוק געטון אַרויף און דאָס האַרץ האָט אים גענומען שטאַרקער קלאַפּן. ער האָט זיך איבערצייגט וועגן טיר־נומער און דאַן האָט ער לייכט אָנגעקלאַפּט. קיינער האָט נישט געענטפערט און ווערדער האָט אַרויסגענומען דעם בילעט, וועלכן ער האָט געטראָגן ביי זיך, זייט נעכטן אָוונט. אויפן בילעט, וועלכער האָט געהאַט די גרויס כמעט פון אַ פּאָסט־קאַרטל, איז געשטאַנען אויפגעדרוקט מיט גרויסע דייטלעכע אותיות:

יאַקאָב פּאָגעל

דירעקטאָר

דער דייטש־יודישן שוישפּיל אונד אָפּערעטן

געזעלשאַפט

און אונטן ביים לינקן ראָג פון בילעט איז געווען צוגעשריבן:
„האָטעל צום גאָלדענען אַדלער”, צימער נומער פערצן.

אַלזאָ דאָ איז עס, האָט ווערדער נאָך אַמאָל אַרויפגעקוקט אויפן טיר-נומער: צימער 14. ער האָט ווידער געקלאַפּט; ווען קיי־נער האָט אים נישט געענטפערט, איז ער אַ נישט־דרייסטער אַוועק פון דער טיר און לאַנגזאַם, גלייך ער וואָלט געהאַט זיך מיט עפּעס צו שעמען, האָט ער זיך געלאָזט אַרויס פון קאָרידאָר, צוריק צו די טרעפּ.

שריט ביי שריט, טאַפּנדיק פאָרויס מיט די פיס, מיט אויסגע־שטרעקטע הענט פאַר זיך. פאָרזיכטיק דורכן האַלב־טונקלען האָ־טעל-קאָרידאָר. ווען ער איז שוין געשטאַנען ביי די טרעפּ, האָט ער פּלוצלונג דערהערט אַ זינגענדיקע פרויען-שטים, וואָס האָט זיך דער־נענטערט פון די אונטערשטע טרעפּ אַלץ נענטער און נענטער. איינס ליכט, וואָס איז געפאַלן פון פענסטער אין דער העלפט פון די טרעפּ האָט ער זי דערזען.

פאַר אים איז געשטאַנען אַ געפּודערט און געפאַרבט יונג מיידל, וואָס האָט אים געקוקט אין די אויגן אַריין און געשמייכלט:

— אָ איר דערקענט מיך נישט — ? האָט זי געזאָגט אויף יידיש, און באַלד האָט זי צוגעגעבן אויף פּויליש: איך האָב אייך תיכף דערקענט! איר זענט דאָך דער הער ליטעראַט? דער קריטיק? אַ יאָ?

ווערדער האָט נישט געפונען קיין ענטפער. ער האָט אַרויס־גענומען דעם בילעט מיטן דירעקטאָרס נאָמען, ווי אַ מין לעגיטי־מאַציע.

— איך האָב זיך אָפּגעשמועסט מיטן הער דירעקטאָר — האָט ער געזאָגט — אויף צען אַ זייגער אַינדערפרי. טיר נומער 14, אַיאָ? איך האָב געקלאַפּט און קיינער האָט מיר נישט געענטפערט. אָפּנים דער הער דירעקטאָר איז נישטאָ אין דער היים.

ער האָט איר געפרווט גיין אויסן וועג. ער האָט שוין אַראָפּ־געלאָזט אַ פוס איבער דער ערשטער טרעפּ, אָבער דאָס מיידל האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם און מיט אַ כח האָט זי אים צוריק אַריינגעשלעפּט אין טונקעלן קאָרידאָר. דאָרט איז זי שטיין גע־

בליבן נאָענט נעבן אים. זי האָט אים אָנגעקוקט און מיטאַמאָל האָט זי זיך הויך צעלאַכט:

— וואָס זאָגט מען נישט צו אַזאַ יאָלד? געקלאַפּט האָט ער! טראַמאָסען דאַרפט איר מיט דער טיר, וועט מען אייך שוין עפענען... אַי ביסטו אַ יאָלד — האָט זי אים פּלוצלינג אַ קניפּ געטון אין אָרעם און אַ ביס געטון מיט די ציין, אַז ער האָט אזש פאַר שמערץ זיך גענומען רייבן דעם אָרעם מיט דער אַנדערער האַנט:

— וואָס זאָגט מען נישט צו אים! זע נאָר ווי ער שטייט, ווי אַן אָפּגעמאָלענער!... ס'טוט וויי? — האָט זי אים מיטאַמאָל געפרעגט מיט אַ מיידלשער צערטלעכקייט און אָנגעבויגן זיך צו ווערדערס אָרעם, אַזוי, אז אירע האָר האָבן אים געקיצלט אונטער דער נאָז. — איך האָב וויי געטון, מיין ייִנגעלע? — האָט זי געפּיעשטשעט זיך מיט די ווערטער אויף פּויליש. — מיין ייִנגעלע, טוט עס שטאַרק וויי?

— נו, ס'איז נישט אַזוי געפערלעך, האָט ווערדער געפּרוווט פאַררעכטן. נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן.

דאָס מיידל איז שטיין געבליבן, געטון אַ שריט צוריק און ווערדער האָט ווידער אָנגעהויבן, ווערנדיק אַריבערקומען דאָס פּיינלעכע שווייגן:

— טאָ זאָגט איר, פריילין, אַז דער דירעקטאָר איז דאָ?

— אודאי איז ער דאָ! וואו דען זאָל ער איצט זיין? ס'איז דאָך איצט „פּראָבע"! אַי! — האָט זי זיך געכאַפּט — וויפל איז שוין דער זייגער?

ווערדער האָט נישט באַוויזן צו ענטפערן. פּלוצלונג האָט זיך געעפנט די טיר פון „נומער 14". פון ליכטיקן צימער איז געפאַלן אַ סנאָפּ ליכטשיין אויפן קאָרידאָר און אין דאָזיקן ליכט האָט זיך באַוויזן א ברייטע ייִדענע, וואָס האָט פון דער העלער ווייט גענומען שעלטן.

— טפו, זאָלסטו ווערן! אַ שוואַרץ יאָר אויף דער, קינסט-

לערן מאַמע! וואָס גאַיסטו נישט אַראַן צו פּראָבע? וואָס שטאַיסטו אַרום מיט יינגען אויפן קאָריטאַש? שענהייט מאַמע. ווענוס מאַמע! גאַי שוין אַראַן! מען וואַרט דאָך אויף דער! יאַקאָב — האָט די יידענע אַריינגעשריגן אין שטוב אַריין — ז'ע דאָך שוין דאָ! די גרויסע קינסטלערן! דאָס סובּרעטקאַלע אונזערס איז דאָך שוין דאָ, א קראַם אין די פּיסלעך!

דאָס מיידל איז געבליבן שטיין פאַרשעמט. זי האָט מיט די אויגן געווונקען צו דער יידענע, אָנווייזנדיק אויף דעם פּ־עמרן מענטשן, וואָס איז געשטאַנען און האָט זיך צוגעהערט צו די שעלטווערטער פון דער יידענע, אָבער די „פּאַני דירעק־טאָראָווע" איז ערשט אַריין אין סאַמע רעכטן קוראַש.

— לאָ די גאַנצע וועלט וויסן! עכל שרייען גוואַלד, על־עך שרייען, אַז ס'זאָל זעך צונויפלויפן די גאַנצע שטאָט! דאָ איז כּראָבע, דאָ מוטשעט מען זעך, אַז מען זאָל צוזאַמענשטעלן א „איינגאַמע" און זי שטייט גאָר אויפן קאָריטאַש! עכל שרייען גוואַלד! גוואַלד, געוואַ — א — א — לד.

און די יידענע האָט זיך צעלאָזט אין א מוראַדיקן קוויטש, וואָס האָט ווערדערן געעגבערט די אויערן.

דאָס מיידל איז געשטאַנען און האָט גאָרנישט געענט־פערט. אָבער ווען צו דער יידענעס ווערטער האָט עס נישט געווויזן צו נעמען אַ סוף, האָט זי זיך צעוויינט און מיט אַמאָל האָט אויך זי אָנגעהויבן שרייען:

— שוין גיי איך! איך גיי שוין אוועק פון טרופּע! נישט אַ מינוט לענגער וועל איך דאָ בלייבן! נאָך היינט פאָר איך אוועק צו קנאָפּן אין דער טרופּע! שוין פאָר איך!

— שריי נית קינד מיינס! — האָט זיך איצט שוין אַריינ־מישט דער דירעקטאָר, וועלכער איז אויפן געשריי אַרויסגעקומען פון צימער. — איך זאָג דיר קינד מיינס (דער דורעקטאָר האָט גערעדט די „שריכטשפּראַך" מיט האַרטע „ר"ן און „איך"ן) אויב דו ווילכט גיין, האָט יאַקאָב פּאָגעל נאָך קיין אַקטיאָר נישט

צוריקגעהאַלטן. קינד מיינס — האָט דער דירעקטאָר ווייטער גע־צויגן מיט אַ האָניג־זיסער שטים זיינע ווערטער — איך וועל דיך לאָזן אַרעסטירן, קינד מיינס, פאַר ברעכן דעם קאָנטראַקט, קינד מיינס! אַ קאָנטראַקט, מיין יונגע פריינדין — האָט דער דירעקטאָר אָנגעהויבן רעדן פּלוצלונג דייטש — איסט איינע הייליגע זאַך, קינד מיינס, דו ווערסט אָפּשפּילן די שטאָט, מיין קינד, און דאַן קענסטו פאָרן, מיין יינגע פריינדין! — און איצט „ביטע צו פּראָבע"!

און דיר, סאָרע פאַרך, — האָט זיך דער דירעקטאָר פּלוצלונג איבערגעדרייט מיטן פּנים צו זיין ווייב, דער דיקער יידענע, — סאָרע פאַרך, עך זאָג דיר זאָלסט דיר היטן די ביינער! מיש דיך נישט אריין אין מיין אונטערנעמונג, סאָרע פאַרך!

— ביטע — האָט ער זיך דאַן ווידער געווענדעט צו דער יינגער אַקטריסע — פרייליין, איך בעט גיין צו פּראָבע. און פאַר דער שטוי־דע פאַרשפּעטיגונג וועלן מיר אָפּרעכנען פון דער גאַזשע, קינד מיינס! דו ווייסט דאָך, מיין קינד, — האָט ער דאָס מיידל גענומען אונטערן בערדל — אַז יאַקאָב פּאַגעל פאַרלאַנגט אָרדנונג, מיין קינד.

דאָס מיידל האָט אים אַ קלאַפּ געטון איבער דער האַנט, וואָס האָט נאָך אַלץ נישט נאָכגעלאָזט איר בערדל, און איז אַריין אין שטוב.

ווערדער איז אַזוי איבערראַשט געוואָרן פון דעם געקריגעריי, וועלכע האָט זיך אָט־ערשט־וואָס אָפּגעשפּילט פאַר זיינע אויגן, אַז ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. די טיר האָט זיך דערווייל פאַר־מאַכט און דער קאָרידאָר איז ווידער געלעגן אין האַלב־טונקעל, שווייגנדיק און פאַרלאָזן. ער האָט זיך פּלוצלונג אַנטשלאָסן און האָט מיט גיכע שריט זיך געלאָזט גיין ווידער צו די טרעפּ.

— נאָר אַוועק פון דאַנען! אַוועק וואָס גיכער!

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער שוין געווען אויפן גאַס. ער האָט אויסגעשפּיגן פאַר עקל און איז געגאַנגען אַלע מאָל שנעלער.

אָבער, ווען ער האָט דערהערט רופן זיין נאָמען, איז ער שטיין געבליבן.

דאָס מיידל איז געשטאַנען אין אָפענעם פענסטער פון ערשטן שטאָק און האָט אַראָפּגערופן אין גאַס: — פאַניע ווערדער! פאַניע! פאַניע! ווו אַנטלויפט איר! קומט אַרויף! קומט אַרויף, הער ליטעראַט!

אויך דער דירעקטאָר האָט זיך באַלד באַוויזן אין פענסטער און נאָך אים אַ גאַנצע כאָפּטע מיידלשע קעפּ, וועלכע האָבן אַראָפּגערופן אין גאַס, געמאַכט געוואַלדעס, געלאַכט און געשריגן:

— קומט אַרויף! קומט אַרויף! ווו לויפט איר? — און דער דירעקטאָר האָט צוגעגעבן: — קומט אַרויף מיין יונגער פריינט!

— איך וועל אַרויפגיין — האָט געטראַכט ביי זיך ווערדער — אַנטלויפן האָט דאָך טאַקע קיין שום זינען נישט, האָט ער זיך אליין געפּרוווט שטאַרקן. איך וועל אַרויפגיין און אים זאָגן, אַז איך דאַנק פאַרן רעשט.

און ווידער איז ער שוין געשטאַנען פאַר דער טיר פון „נומער 14". ער האָט זי צעגערנדיק געעפנט, געטראָפן אויף אַ צווייטע טיר, אַ אויסגעבעטעטער מיט שטרוי, און ער איז באַלד געשטאַנען אין סאַמע „צימער נר. 14"

פאַר זיינע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ גאָר מאָדנע בילד.

ביים סאַמע אויבן אָן פון גרויסן טיש, וואָס אין מיט צימער, איז געזעסן דער דירעקטאָר מיטן בלויזן אויבער-לייב די שטאַרק-האָריקע ברוסט גאַנץ פריי, פאַר זיין איינציקן מלבוש האָט ער געטראָגן אַ פּאָר שטעק-שיך אויף די פיס און טריקאָטענע גאַטקעס, וואָס האָבן זיך שטאַרק געשפּאַנט אויף זיין גראָבן בויך.

נעבן אים איז געזעסן דאָס מיידל, וועלכע ער האָט שוין פריער געטראָפן אין קאָרידאָר און ווייטער ביי ביידע זייטן טיש זענען געזעסן ענג ביינאַנד געדרוקט, עטלעכע יונגע מיידלען מיט קורץ-געשוירענע האָר.

דער דירעקטאָר האָט דעם גאַסט געוויזן מיט דער האַנט אויף אַ בענקל און געזאָגט:

— ביטע ניט צו שטערן, מיין יונגער פריינד!

און צו די מיידלעך אַרום טיש: —

— אַלזאָ, מיר הויבן אָן ווידער! ביטע אויפצופּאַסן, מיינע דאַמען!

די אַרבייטען נימער

און וויסן ניכט פון קיין קימער!

די דאָזיקע ווערטער האָט דער דירעקטאָר געזינגען מיט אַ הייזעריקער שטים און מיט אַמאָל האָט דער גאַנצער טיש מיטגעזינגען מיט קוויטשיקע שטימעלעך:

— די אַרבייטען נימער,
אונד וויסן ניכט פון קיין קי-הי-מער,
דאָס זינד די דאַמען פון בראָדוועי!

איצט איז אויפגעשטאַנען דאָס מיידל, וועלכעס די דירעקטאָרשע האָט פריער גערופן „סובּרעטקאַלע", האָט זיך צעטענצלט אויפן אָרט, אָנגענומען דאָס קורצע קליידל מיט ביידע הענט און אונטערגעזינגען.

איין יונגערמאַן האָט מיך באַגעגנט
אָוונטס שפּעט ביינאַכט,
איך האָב אים באַלד אָנגעפרעגט
וואָס ער אַליין דאָ מאַכט,
און ער דער יאָלד
ער ענטפערט באַלד
און האָט נישט לאַנג געטראַכט:
איך זוך, איך זוך
אַט-דיזע די
און דער כאָר איז ווידער אַריינגעפאַלן
„וואָס אַרבייטן נימער

אונד חייסן ניכט פון קיין קי — הי — מער!
דאָס זינד די דאַמען פון בראָדוועי!"

ווערדער איז געשטאַנען אין אַ זייט און האָט געקוקט מיט גרויס פאַרוווּנדערונג. קיינער האָט זיך אָבער אויף אים נישט אומגעקוקט אַחוץ מיידל, דער סאָליסטקע, וואָס האָט אַלעמאָל אין מיטן זינגען און טאַנצן אים געוויזן אין אַ געלעכטערל אירע שיינע ציינדלעך און געווונקען מיט די אויגן.

זעט אויס, אַז דער דירעקטאָר האָט איינגעפונען, אַז דאָס לידל וועגן די דאַמען פון בראָדוועי איז שוין גענוג איינגערעפּעטירט, ווייל ער האָט פּלוצלינג אין מיטן זינגען פון כאָר אַ קלאַפּ געטון מיט דער פּלאַטשיקער האַנט אין טיש אַריין און דאָס זינגען איז אָפּגעהאַקט געוואָרן.

ער איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך אַרויפגעצויגן די טריקאָטענע גאַטקעס אויף זיין גרויסן פּעמפּיק און האָט באַפוילן מיט זיין הייזעריקער קאָמאַנדע:

— אַ היים, קאַטשקעס!

די מיידלעך האָבן זיך אַלע מיט אַמאָל אויפגעשטעלט פון אַרום טיש, וואו זיי זענען געזעסן, ענג צוגעקלעפּט איינע צו דער צווייטער און האָבן גענומען אַרויסלויפן פון צימער, איבערלאָזנדיק אָפן די טיר.

בלויז די „סוברעטקע" האָט דער דירעקטאָר געבעטן בלייבן אין צימער.

— מיר דאַרפן עפּעס רעדן געשעפטלעך — האָט ער געזאָגט.

אַ גוטע ווײַלע האָט זיך נאָך געהערט זייער זינגען איבערן קאָרידאָר פון די „דאַמען, וואָס אַרבעטן נימער" דאַן האָט ווערדער געהערט, ווי די טירן פון די האָטעל-צימערן מאַכן זיך אויף און ווערן ווידער צוגעקלאַפּט..

— גיי גיב אַ קוק, סאָרע-פּאָרך, צי זיי זענען אַלע אַריין אין די שטיבן! — האָט דער דירעקטאָר געזאָגט צו דער דיקער יידענע, דער „פּאַני דירעקטאָראָווע", — אַזעלכע שלעפּלעך — האָט ער גע-

זאָגט — זענען אימשטאַנד און האָרכן אונטער די טירן. איר קענט נאָך נישט דאָס טיאַטער, מיין יונגער פריינט! — האָט ער געזאָגט צו זיין גאַסט.

— נו? — האָט ער געפרעגט די דירעקטאָראָווע, וועלכע איז דערווייל אריין צוריק אין צימער און פאַרמאַכט אונטער זיך ביידע טירן.

— ס'איז שוין קיינער נישטאָ — האָט געענטפערט די יידענע — די מעגסט שוין רעדן, יאַקאָב!

— זעצט אייך צום טיש, הער ווערדער — האָט דער דירעקטאָר איצט געבעטן זיצן — מיר וועלן רעדן וועגן „ביזנעס".

— יאַקאָב — האָט זיך אָפּגערופן די דירעקטאָראָווע צו איר מאַן — אפשר וועל מער דאָס אָפּלייגן אויף שפּעטער. דער הער ליטעראַט איז אוודאי הונגעריק. עך ווייס, אז אַ ליטעראַט האָט נישט תמיד ביי זעך די בייטיקע קלינגערס! האָב עך רעכט הער ליטעראַט? איר האָט אוודאי היינט נאָך נישט געגעסן קיין אָנבייסן! זע נאָר טאַקע — האָט זי פּלוצלינג אָנגעהויבן טאַפּן ווערדערס הענט — דו זעסט יאַקאָב! שפּענדלעך! זאָל מער אַלע אַזוי האָבן אַ גוט יאָר! הוילע שפּענדלעך!

— „פּאַני דירעקטאָראָווע" — האָט זיך איצט שוין אַריינגע-מישט די „סוברעטקע" — אַ פּיסק האָט איר, אז ער מעג אייך טאַקע שטיין פון אונטן! מאַכט אייך גאָר נישט פון איר — האָט זי געבעטן ביי ווערדערן. — זי ווייסט נישט וואָס זי רעדט, אָבער זי האָט אַ גוט האַרץ!

— וואָדען? — האָט זיך שוין געפילט זיכער די יידענע — עך פאַרשטיי נישט קיין כאָכמעס! עך ווייס, אז קודם כל דאַרף מען זיך אָנעסן! און מיט אַ אונזער־איינעם, אַ גוטן ברודער וואָלט עך מעך צעטיילט מיטן לעצטן העמד אפילו!

און די דירעקטאָראָווע האָט געגעבן אַ פּראַל אויף איר „שלאַפּ-ראָק" ווייזנדיק איר נאַקעטן לייב.

— סאָרע פּאַרך! האָט זיך צעשריגן דער דירעקטאָר — נעם

שוין איין אַ לויט-שטומעניש און גיב אַ קלונג אויף דער שיקסע, אַז זי זאָל אַרויפברענגען פיר גלעזער טיי. און רעדט ווייניקער אַ וואָרט, סאָרע פאַרך!

— מיין ווייב — האָט דער דירעקטאָר געזאָגט צו ווערדערן — איז טאַקע אַ שטיק „פלאַק”, אָבער זי איז אַ מענטש! אַ מענטש, איר פאַרשטייט! אונד מענטשליכקייט — האָט ער ווידער גענומען „דייטשעווען” — איז די גרעסטע זויבערליכקייט. די זויבערליכקייט, יוגגער פריינט, איסט איינע זאַכע, די מאַן ניכט קויפן קאַן פאַר קיין געלט אין דער וועלט! זי פערשטעהען דאָך, הער ליטעראַט? — האָט ער אים געקלאַפּט איבער דער פלייצע.

— גאַנץ רעכט — האָט ווערדער צוגעגעבן און איז געזעסן ווי צוגעקלעפּט צום בענקל, בעת אים האָט אָנגעהויבן נעמען עפּעס אַ מאָדנע שלעפריקייט, אַז ער האָט מיט גוואַלטן זיך צוריקגעהאַלטן פון אַ גענעץ.

— איר זענט מיד? — האָט אים שטיל געפרעגט דאָס מיידל. — איר קענט אַריינגיין אין מיין צימער זיך אויסשלאָפן...

האָט נישט קיין מורא — האָט זי צוגעגעבן ווערנדיק רויט פון דער העלער הויט.

— איר וועט דאָרט זיין גאַנץ אַליין! איך וועל אייך חלילה נישט שטערן...

— אוי, איר זעט טאַקע עפּעס אויס זייער בלאַס! — האָט זיך פאַרזאָרגט די דירעקטאָראָווע — אפשר וואָלט איר אייך טאַקע צוגעלייגט אַביסל? אָט מאַך עך אַך שוין דאָס בעט.

— סאָרע, זיץ איין אויף אַ אָרט! — האָט קאָמאַנדעוועט דער דירעקטאָר. — לאָז אָפּ דעם יונגען-מאַן. ער וועט טרינקען אַ גלעזל טיי וועט ער באַלד זיין „ווידער הערגעשטעלט”.

גראָד איז אַריינגעקומען דאָס דינסט-מיידל פון האָטעל און זי האָט אַריינגעברענגט אויף אַ פאַרזשאַווערטער טאַץ פיר גלעזלעך טיי.

זי האָט זיי אַנידערגעשטעלט אויפן טיש, געברומט עפּעס

ווען „פלאטשיט" נאָך דער הער „דירעקטאָר" האָט אויף איר געגעבן אַ געשריי און דאָס מיידל איז אַרויס אונטערוויילעכץ...

— אזאַ חוצפּה! — האָט געשריגן דער דירעקטאָר — סאָ־רע! נאָך היינט טראָגן מיר זיך אַריבער פון דאָזיקן האָטעל! וואָס דענקען זיי זיך עפּעס! וואָס בין איך דאָס עפּעס אַ ביד־נע אַקטיאָרל, צי בין איך אַ דירעקטאָר! אַ דירעקטאָר בין איך! און אָט גיי איך שוין אַראָפּ און האַק איר אָן אַ מאָרדע, אַז די ציין וועלן איר אַרויספליען!

די „דירעקטאָראָווע" האָט אָפּגעהאַלטן איר מאַן, וואָס האָט זיך שוין געלאָזט, אַזוי ווי ער איז געשטאַנען אַ נאַקעטער מיט די גאַטקעס אין האַנט, נאָכלויפן דעם מיידל.

— יאַקאָב! — האָט זי געזאָגט — דו העירסט, יאַקאָב! איך קען דיינע פוילע שטיק! דו ווילסט נאָכלויפן דער שיקסע! איך ווייס, איך ווייס, אַ בראָך איז צו דיר! אַלטער שיקסעניק! — האָט זיך פּלוצלינג צעוויינט די דירעקטאָראָווע און געשנייצט די נאָז, וואָס איז פון דער העלער הויט רויט געוואָרן און אָנגעפּולט, ווי אַ זאַפטיקע אוגערקע.

— נו, שאַ! שאַ! איישעס כאַליע מאַנע! — האָט זי אײַנגע־נומען דער דירעקטאָר. — זאָלסט אַזוי זיין מיט דער נאָז דיינער, צי איך וואָלט אפילו אָנגעקוקט די שיקסע! וואָס בין איך דאָס עפּעס? וואָס איז? אַ אונטערן־אויוון קינד בין איך, צי וואָס?

— נו שוין, נו שוין, איז דאָך גוט, — האָט נאָך געכליפּעט די דירעקטאָראָווע — זיך זשע טאַקע אין שטוב און נעם זיך ווייניקער אָן גאָטס קריוודע... — וואָס לאַכסטו, מאַלפּע? — האָט זי זיך ווייטער געוואָנדן צום מיידל, וואָס האָט געקייכט און געקוויטשטשעט פאַר געלעכטער.

— אַז לאַכן זאָלסטו מיט לאָמפּן־גלעזער, טאַטע געטרייער! עצט זעך מער אַבידער, שטשערעט די ציין און כעכעט!

דער דירעקטאָר האָט איצט גענומען פאַרבעטן ווערדערן:

— טרינקט טיי, יונגער פּריינט, טרינקט און פאַרבייסט

מ׳ט א פוטער=ראָגעלע, איר וועט אָפּעסן וועלן מער רעדן וועגן בעשעפּס.

ווערדער האָט געגעסן און יעדער ביסן איז אים שטעק־ געבליבן אין האַלז, כאָטש ער איז געווען זייער הונגעריק. די „פוטער־ראָגעלעך" האָבן זיך געפילט מיט נאַפט און די פוטער אויף זיי איז געווען אַלט און האָט געקראַצט אין האַלז.

— עסט, עסט! — האָט „די דירעקטאָראָווע" צוגעגעבן מיט איר גאַסט. — עסט, זאָל איך וויל באַקומען! ער איז נעבעך טאקע הונגעריק, וואָ=דען? — האָט זי געשמייכלט צו איר מאַן...

ווען אַלע האָבן אָפּגעגעסן, האָט זיך דער דירעקטאָר אויפגעשטעלט, געטון זיין גאַסט א קלאַפּ אין דער פּלייצע און הויך אויסגעשריגן:

— יונגערמאַן, איר געפעלט מיר! ביי מיר זענט איר שוין א אַקטיאָר! איר עט בלייבן ביי מיר אין טרופּע. איך האָב ליב איגטעליגענטע מענטשן!

— סאָרע! — האָט ער געזאָגט צום ווייב זיינעם — פאַר= שרייב דעם הערן ווערדער אין „דירעקציאָנס=בוך". ביי מיר איז ער פון היינט אָן דער אינטריגאַנט פון דער טרופּע!

— מאָרגן וועט איר שוין שפּילן דעם גראַף ביים „פּינ= טעלע ייד". נישט=קשה, נישט=קשה, — האָט ער אָפּגעוווּנקען מיט דער האַנט, ווען ווערדער האָט געפּרווּט פּראָטעסטירן.

— קלאַרע, נעם אים צו זיך אין צימער אריין. זאָג מיט אים דורך די ראָל „פונם גראַף"! מאַכט נישט אויס, א אינטעליגענ־ טער מענטש (דער דירעקטאָר האָט געזאָגט „טעליגענטער"...) האָט אַזאַ ראָל אין מינדסטן פינגער!

און דער דירעקטאָר האָט זיך צעלאַכט, גראָב און הויך, אַז די גאַטקעס אויף זיין שפּיציקן בויך האָבן געדראָט יעדע מינוט אראָפּצופאַלן.

II

זיך איינגעקויפט אין חברה

אין יענעם אָוונט האָט דאָס טעאַטער נישט געשפּילט, ווייל ס'איז געווען פרייטיק. ווערדער איז געזעסן מיט דער גאַנצער „טרופּע" אין יידישן רעסטאָראַן, וואָס האָט זיך טאַקע געפונען אונטן, אין דעמזעלבן האָטעל. ער האָט מיט פאַרוואונדערטע אויגן געקוקט אויף אַלץ, וואָס אַרום אים.

אַ יעדע ווײַלע האָט זיך געעפנט די טיר און אַלע מאָל איז אַרײַנגעקומען אַ אַנדערער אַקטיאָר, וואָס איז צו צו אים מיט ווירדיקע „בינע-שריט". מען האָט זיך אים פאָרגעשטעלט און געפרעגט, ווי ס'געפעלט אים ביים טעאַטער.

ער האָט אַ יעדן געענטפערט מיט אַ „דאַנק" און האָט זיך צוגעהערט, וואָס מ'רעדט אַרום אים, אָבער דאָס מערסטע האָט ער נישט פאַרשטאַנען. חברה אַקטיאָרן און אַקטריסעס האָבן טאַקע גערעדט יידיש, אָבער זייער שפּראַך איז געווען פאַרשטעלט פול מיט רמזים און ווערטלעך, וואָס ווערדער האָט נישט אָנגעהויבן פאַרשטיין.

אַלעמאָל האָט זיך אַן אַנדערער פון דער חברה געווענדט צו אים מיט אַ פראַגע; די אַקטיאָרן האָבן געברומט שנעל, שנעל איין וואָרט נאָכן צווייטן, געמאַכט דערבײַ ערנסטע מינעס און ווען ווערדער האָט נישט פאַרשטייענדיק, אָנגעשטרענגט געפרעגט — „ביטע, וואָס זאָגט איר?" האָט זיך דער גאַנצער טיש אַרום צעלאַכט...

די אַקטיאָרן האָבן זיך געהאַלטן בײַ די זײַטן, קײַכנדיק, קוויטשנדיק און ליאַרמענדיק אין אַ צעלאָזענער פרײלעכקייט.

— אַ פּנים האָבן זיי עפּעס אַ באַזונדערע שפּראַך, וואָס איך פאַרשטיי זי נישט — האָט בײַ זיך געטראַכט ווערדער -- איך וועל בעסער טון, זיי גאָרנישט צו פרעגן און נישט צו ענטפערן, האָט ער באַשלאָסן בײַ זיך.

אָבער די אַקטיאָרן האָבן נישט אָפּגעלאָזט. זיי האָבן אין דעם גאַסט געפונען דעם „יאָלד", בײַ וועלכן מען קען אָנברענגען אַלע אַקטיאָרסקע „שטיק" און ווידער האָט זיך אָנגעהויבן די אייגענע שפּיל.

בפרט האָט זיך אין דעם אויסגעצייכנט איינער פון די אַקטיאָרען, אַ יונגער, מיט ברענענדיקע שוואַרצע אויגן און אַ זעלטן-שיינעם קאָפּ־האָר: ער האָט זיך אַנידער'געזעצט קנאַפּ בײַ ווערדערן און האָט נישט אויפגעהערט רעדן צו אים, מאַכן מיט די הענט, ווינקען מיט די אויגן און פאַרציִען דאָס פּנים אויף אַלע זײַטן. דאָס האָט ווערדערן באַלד אַרויסגעבראַכט פון די כּלים: ער האָט זיך באַמיט זיך צו באַהערשן, נישט אַרויסצווײַזן, אַז די גאַנצע שפּיל ווערט אים שוין איבער: אָבער ווען דער אַקטיאָר האָט אים שוין גענומען אַרונטער-קריכן מיט זײַנע פינגער אונטער די אויגן האָט ער אָנגעכאַפּט זײַן האַנט און מיט אַ געניטן כאַפּ, וועלכן ער האָט זיך געהאַט נאָך אויסגעלערנט בײַ זײַנע חברים אין גימנאַזיע, האָט ער אויסגעדרייט יענעמס האַנט און דער אַקטיאָר איז אין דערזעלבער רגע געלעגן אויף דער ערד, רײַבנדיק זיך די אויסגעדרייטע האַנט.

— איך וועל אײַך אויספּאַטשן! — האָט ווערדער אויף אים אַ געשריי געטון — איר זאָלט אײַך תּיכּף אָפּטראָגן!

דער יונגער אַקטיאָר איז גיך אויפגעשפּרונגען פון דער ערד און זיך געוואָרפן אויף ווערדערן, וועלכער איז אים אָבער מיט צוויי אויסגעשפּרייצטע פינגער פון דער רעכטער האַנט אַרײַנגעפאָרן אין פּנים אַרײַן און יענעם האָט אָנגעהויבן גיין בלוט פון דער נאָז.

— ווּעסט נאָר אָנהויבן מיט מיר? — איז שוין ווערדער געוואָרן אינגאַנצן נישט באַהערשט. ער האָט געפילט, ווי דאָס בלוט אַנטלויפט אים פון פנים, ווי ער ווערט בלאַס און דער קאָפּ הויבט זיך אָן אים דרייען, וואָס איז ביי אים תמיד געווען אַ סימן פון אומבאַהערשטן צאָרן.

אַלע אַרום טיש זענען אויפגעשפרונגען און האָבן זיך גע־לאָזט גיין צו אים מיט אויפגעהויבענע פויסטן, די אַקטריסעס האָבן געקוויטשעט, אַ טייל ווידער האָבן גיך איינגעטונקען די נאָזטיכלעך אין גלעזער וואַסער, וואָס זענען געשטאַנען אויפן טיש, און האָבן געפּרווּט פאַרהאַלטן דאָס בלוט ביי דעם יונגען אַקטיאָר.

— איך וועל אייך אַלע שפּאַלטן די קעפּ! האָט ווערדער גע־שריגן אויף פוילּיש. איך וועל אייך דאָ אָנלערנען, איר הינטישע זין!

— פּאַניע פּאַליאַק! האָט ער פּלוצלינג דערהערט דעם די־רעקטאָר, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים אין זיין גאַנצער בייכיקער ברייטקייט, און האָט אים אָפּגעטיילט פונם בינטל אַקטיאָרן.

— פּאַניע פּאַליאַק! האָט דער דירעקטאָר געזאָגט מיט זיין הי־סער, הייזעריקער שטים — הערט אייך אויף צו שלאָגן! הערט אייך אויף צו שלאָגן, ווייל שלאָגן קען איך אויך! איר הערט?

און דער דירעקטאָר האָט ווערדערן אָנגענומען מיט צוויי פינגער פאַר דער רעכטער האַנט, אים צוגעדריקט מיטן וויין-און גראָבן-פינגער דעם פּולס און אים געצוואונגען זיך צו זעצן.

— זיצט הער ווערדער און באַרוהיקן זי איבען יונגער פריינט!

— דאָ האָט דער דירעקטאָר ווידער אָנגעהויבן „דייטשעווען“ — זי האָבן אים געגעבן איינע גוטע לעקציאָן און גענוג פאַר היינט!

ווערדער האָט זיך איצט געפילט זייער נישט היימלעך. אים האָט באַנג געטון אויפן גאַנצן געשלעג, בפרט אָבער וואָס ביי דעם שיינעם אַקטיאָר האָט דאָס בלוט פון דער נאָז נאָך אַלץ נישט אויפ־געהערט רינען און די אַקטריסעס האָבן זיך שוין איבערגעקוקט איינע אויף דער אַנדערער און געווונקען זיך, אַז מען דאַרף רופן אַ

דאָקטאָר.

— מען דאַרף נישט קיין דאָקטאָר! — האָט זיך ווערדער אָנ-גערופן.

ער איז שוין אַ פולקאָם רוהיקער צוגעגאַנגען צו דעם הויפן אַקטיאָרן, וואָס זענען אַרומגעשטאַנען זייער חבר. ער האָט זיך גע-מאַכט גלאַך צוצוטרעטן צו דעם פאַרוואונדעטן, האָט אים געטאַפּט די נאָז, צי אַ ביינדל איז נישט געבראָכן געוואָרן און געזאָגט גאַנץ זאַכלעך און קיל:

— ס'וועט גאָר נישט זיין! מ'דאַרף אַביסל יאָדינע און וואַטע ברענגט עמעץ אביסל יאָדינע און וואַטע!

— איך וועל אַראָפּברענגען! — האָט זיך איצט אָפּגערופן קלאַרע; — זי איז בעתן גאַנצן געשלעג געשטאַנען אָן אַ זייט און זיך צוגעקוקט מיט אירע בלישטשנדיקע אויגן, ווי ווערדער האָט דאָס קונציק צעבלוטיקט דעם יונגען אַקטיאָר.

— יאָ, זייט אַזוי גוט. — האָט געזאָגט צו איר ווערדער און ער האָט געפרעגט ביים אַקטיאָר גאַנץ רוהיק:

— טוט אייך עפּעס וויי?

— ניין ס'טוט מיר גאָרנישט וויי!

קלאַרע איז אַראָפּגעקומען אַ פּאַרסאַפּעטע פון איר צימער און האָט איבערגעגעבן ווערדערן דאָס פלעשל מיט יאָדינע און אַ פּעקל פריש-אָנגעהויבענע וואַטע.

— טונקט איין דאָס טיכל אין וואַסער—האָט איר בא-פוילן ווערדער — און וואַשט אים אָפּ דאָס בלוט!

דאָס מיידל האָט אים געפאָלגט און ווערדער האָט דאן גע-זדייט צוויי פּראָפּנס פון דער וואַטע, איינגעטונקען אין פלעשל און אַריינגעלייגט זיי דעם אַקטיאָר אין ביידע נאָזלעכער.

יענער האָט זיך צעניסט און אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— וואָס איז דאָ צו לאַכן? — האָט זיך געבייזערט ווערדער.

— איך ווייס טאַקע נישט, וואָס אויף אייך איז דאָס

פאַר אַ געלעכטער, האָט צוגעגעבן דער יונגער אַקטיאָר.

ער האָט געקוקט מיט דאַנקבאַרקייט אויף ווערדערן, וואָס האָט אים מיט געשיקטקייט אַריינגעלייגט צוויי אַנדערע פּראָפּנס און ווען ווערדער האָט אים געגעבן די האַנט און געזאָגט שטיל: „זייט מיר מוחל!” האָט דער אַקטיאָר אים שטאַרק געדרוקט די האַנט און שטילערהייט צוגעגעבן:

— איך האָב אייך גישט וואָס מוחל צו זיין! ס'איז גאָר גישט געשען!

— טאָ איז גוט! האָט פאַרענדיקט ווערדער.

דער דירעקטאָר, וועלכער האָט זיך צוגעקוקט צו דער גאַנצער סצענע, האָט הויך אויסגעשריגן:

— איר הערט קינדער, וואָס עכ'ל אייך זאָגן? איר הערט ווערדער און באַלאָווסקי וועלן נאָך זיין די בעסטע חברים. איר וועט זען, וואָס עך זאָג אייך!

— איך האָב דען עפּעס צו אים? — האָט זיך, ווי געפּרוווט פאַרענטפערן דער שיינער אַקטיאָר. — איך האָב אים באַליידיקט, האָט ער זיך אָפּגערעכנט מיט מיר. איז הער ווערדער?

— איך רעד שוין נישט וועגן דעם! — האָט זיך פאַרשעמט ווערדער — אַ מענטש איז נישט מער ווי אַ חיה!

— היה, שמאַיע, פאַיע! — האָט זיך פלוצלינג צעזוונגען אַן אַלטער אַקטיאָר. — איך לייג פאָר, אַז ביידע צדדים זאָלן שטעלן וויין! וועט זיין אַן איבערבעטעניש און שוין!

— ס'קען זיין! — האָט מסכים געווען באַלאָווסקי.

— וואָס זאָגט איר, הער ווערדער?

— וויין איז וויין! לאָמיר זיך אָנידערזעצן און טרינקען — האָט געפּסקנט דער „דירעקטאָר”

— סאָרע פאַרך, סעק דען אַנידער, וועמ'ער טרינקען וויין! ווערדער שטעלט!

— טאָקע, ער דאַרף זיך טאַקע איינקויפן אין דער טרופּע!

— וויין!

— ווייַן! פיר פלעשער!

— העי, פאַניע מאַקס! קעלנער! אַהער מיטן רעכטן-גערעכטן!

— פון עקסטן פעסאַלע! אָבער טאַקע אַזוי, ווי ס'פאַסט זיך פאַר אַן איבערבעטעניש!

— פינף פלאַשן! פאַרוואָס עפּעס פיר?

— שאַט קינדער! — האָט זיך ווידער אַרייַנגעמישט דער דירעקטאָר. — ווייַן מוזט איר אייך שוין פאַרלאָזן אויף מיר. ע'כ'ל צוגיין טאַקע צום שאַפקעלע און אַליין אויסקלויבן! אויף ווייַן בין נאָר איך איינער אַ מבין און קיינער נישט.

ווען דער דירעקטאָר איז צוריקגעקומען צום טיש, האָט אים דער פאַניע מאַקס נאָכגעטראָגן פינף פלעשער ווייַן מיט פאַרשימל-טע עטיקעטן. דער דירעקטאָר האָט געווונקען צום עולם אַקטריסעס און אַקטיאָרן, וואָס זענען געזעסן ביים טיש און האָט זיך צוגעזונגען מיט אַ ניגונדל:

— ס'איז ווייַן, פאַרשטייט איר מען, וואָס טאַקע ווייַן הייסט.

מען האָט געעפנט די פלעשער, אָנגעגאָסן די גלעזער און איינער און דער אַנדערער פון די אַרומזיצנדיקע האָט שוין אויפ-געהויבן דאָס גלאָז צום מויל, ווען דער דירעקטאָר האָט פלוצלינג געטון אַ קלאַפּ מיט דער פלאַכער האַנט אין טיש אַריין.

— שאַט! אַנידערשטעלן די גלעזלעך! נאָך נישט טרינקען!

— אַהאַ — האָט זיך אָנגערופן דער „פּאָטער-ראָליסט", ביי וועמען די נאָז האָט שוין אָנגעהויבן פינקלען, ווען ער האָט דער-שמעקט דעם ווייַן. — יאַנקעלע עט האַלטן אַ „מאָווע"' ער עט זאָגן אַ דרשה! נו, לייג אַנידער לשון! ווייז פאַרן ניַיען חבר דייַן בילדונג!

— שימאַלע פאָנפאַק! האַלט עס מויל! — האָט אים געענט-פערט דער דירעקטאָר. — מיט אַ רעדע על'עך מען נישט גיין לער-נען צו דיר!

אַלע זענען געבליבן שטיל, געקוקט אָפּהוזקנדיק אויפן די-רעקטאָר, וואָס האָט אויפגעהויבן זיין גלאָז, געהאַלטן עס אַ ווייַלע

צום ליכט און אָנגעהויבן זיין רעדע.

אין אָנפאַנג האָט דער עולם זיך נאָך צוגעהערט מיט געדולד צו דעם, וואָס ס'האָט גערעדט דער דירעקטאָר. ער האָט גערעדט גאַנץ נישט־קשהדיק צו דער זאַך, באַגריסט דעם נייעם אַקטיאָר, הער ווערדער, וואָס וועט אוודאי זיין אַ גוטער חבר און לעבן גוט מיט די אַנדערע חברים".

אָבער באַלד איז דער דירעקטאָר ווידער אַריינגעפאַלן אין זיין אַלטער קרענק און האָט אָנגעהויבן דייטשעווען.

— גענוג גענודעט! — האָט אַלס ערשטער אויסגעשריגן דער אַלטער וואַלדמאַן. — יאַקוב, דו קריכסט שוין איבער טאָל און איבער בערג!

— גענוג! גענוג!

— פאַרהאַנג!

— מאַך דיר שוין דעם „אָפגאַנג" און הער אויף צו נודען!

— אַבצוג!

— גראָבע יונגען! — האָט זיך צעשריגן די דירעקטאָראָווע. — גראָבע יונגען, וואָס עץ זענט! עץ זענט דען ווערט, וואָס מען רעדט צו איך ווי צו מענטשן! יאַקוב — האָט איך זי גענומען איבעררייסן איר מאַן זיין „רעדע" — מאַך דיר נישט קאַליע דאָס מויל מיט דיזע חברה פאַיאַצן! יאַקוב, הער שוין אויף צו רעדן! יאַקוב, עכל מער אַ מעשה אָנטון! יאַקוב, הער שוין אויף צו רעדן!

— לחיים! — האָט מען שוין אָנגעהויבן שרייען פון אַלע זייטן פון אַרום טיש. — לחיים! לאָמיר טרינקען חברים! איר קענט נאָך נישט אונזער דירעקטאָר? אַז ער הויבט אָן „טשאַדען", וועט מען אים נישט איינהאַלטן מיט צען פּאָר פערד. לחיים קינדער! לחיים!

אַלע האָבן אָנגעשטויסן די גלעזלעך און געטרונקען דעם זיסן, רויטן וויין.

דערווייל האָט אויך דער דירעקטאָר באַוויזן צו ענדיקן זיין „רעדע", ער האָט נאָך געזאָגט זיין „איך האָבע געשפּראָכן" און

זיך אַנידערגעזעצט.

— לחיים קינדער! מיר זאָל מער אַלע זיין געזונט און מאַכן גוטע געשעפטן! — האָט זיך צעוויינט די „דירעקטאָראָווע“; — טרינקט קינדער! ע׳כל אַלץ באַצאָלן. טרינקט, טרינקט, זשאַלעוועט אייך נישט, אַז אונז וועל מער אויסטרינקען, וועל מע׳ שטעלן נאָך.

ווערדערן האָט אַרומגענומען עפעס אַ מאָדנע פריילעכקייט.

ער האָט זיך געפילט זייער גוט צווישן די חברה לייכטזיניקע אַקטיאָרן און אַקטריסעס. ער האָט געקוקט פון איינעם אויפן אַנדערן, ער האָט געזען אַרום זיך נאָר לאַכנדיקע פנימער און אים איז עפעס אַזוי וויך געוואָרן ביים האַרצן, אַז ס׳האָט זיך אים פאַרגליסט אַרומנעמען עמעצן פון די אַקטיאָרן און זיך מיט אים צעקושן. אַלע האָבן צו אים צוגעטרונקען, ביי איין עק טיש האָט שוין איינער אָנגעהויבן עפעס זינגען, די אַנדערע זענען אַריינגעפאַלן און צוגעהאַלטן דעם זינגער און ווערדער האָט זיך געפילט היימיש, ווי צווישן אייגענע, ווי צווישן גוטע ברידער, חברים און אמתדיקע גוטע פריינט.

ער איז אויפגעשטאַנען, האָט גענומען זיין גלעזל אין האַנט און האָט געדאַנקט דעם גאַנצן פאַרזאַמלטן עולם. ער האָט זיך בעטן רעדן אַליין געוווּנדערט, פון וואַנען ס׳נעמען זיך צו אים אַזעלכע שיינע און גוטע ווערטער... ער האָט אויפגעהויבן העכער זיין גלאָז און האָט פאַרענדיקט.

— איך טרינק אויף אייער געזונט, ליבע חברים! איך טרינק אויף דעם געלונגען פון אַלע אייערע פּלענער! איך טרינק אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קונסט! איך טרינק אויף דער אַנטוויקלונג פון יידישן טעאַטער! דאָס יידישע טעאַטער זאָל לעבן!

— ס׳זאָל לעבן! — האָבן זיך אַלע אָנגערופן און געדריקט ווערדערן די האַנט. די דירעקטאָראָווע איז צו צו אים, האָט זיך אויסגעווישט די וויינענדיקע אויגן און האָט געזאָגט אונטער טרערן:

— קינדער! עך בין עפּעס היינט אַזוי גליקלעך זאָג עך אַך! עפּעס אזוי גליקלעך!..

— סאָרע, מיין ווייב — האָט איבערגעהאַקט דער די־רעקטאָר, — זעץ זעך אַוידער און דריי נישט קיין ספּאָדיק! — דאָס פאַרשטייסטו מעך — האָט ער געזאָגט, אַנווייזנדיק אויף ווערדערן — איז די ריכטיקע טעליגענץ! אָט־אָ־דאָס האָב איך געזוכט פון לאַנג שוין! ביי מיר וועט ער זיין דער ערשטער אינטריגאַנט אין טרופּע! עכל אים מאַכן פאַר אַן ערשטקלאַסיקן „סטאַר". איר עט זען! איר עט זען, וואָס עכל מאַכן פון אים!

ביים טיש האָט זיך איצט געפירט אַ לאַנגער שמועס וועגן דעם, צי איז עס בכלל פּאַסיק פאַר אַזאַ „אינטעליגענטן מענטש, ווי אָט־א דער יונגערמאַן" (מען האָט געמיינט ווערדערן), אַז ער זאָל בלייבן ביים יידישן טעאַטער.

שימעלע וואַלדמאַן, דער „פּאָטער־ראַליסט" איז אויפגעשטאַנען פון זיין בענקל, האָט זיך מיט אַ רויטן פּנים אַריבערגעבויגן איבערן זיצנדיקן ווערדער און האָט אים אַריינגעשריגן אין אויער אַריין:

— יונגערמאַן, קוקט מיך אָן! מיך זאָלט איר אָנקוקן! הערט נישט, וואָס זיי וועלן אייך פאַרדרייען אַ קאָפּ? אַנטלויפט פון טעאַטער! אַנטלויפט, וואָס שנעלער!

ווערדער איז אויפגעשטאַנען פון בענקל. עפּעס האָט אים אַרומגעכאַפּט ווי אַ פּלוצלינגדיקע שרעק און ער האָט געשטאַמלט:

— פאַרוואָס, פאַרוואָס זאָגט איר דאָס?

אָבער, איידער דער אַלטער „פּאָטער־ראַליסט" האָט באַוויזן צו ענטפערן איז נעבן ווערדערן מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן קלאַרע:

זי האָט זיך געשטעלט נעבן ווערדערן און קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן האָט זי געזאָגט:

— הערכט נישט, וואָס ער רעדט דאָרט עפּעס! ער רעדט נאַרישקייטן! אַ יאַ איר וועט בלייבן!

ביים טיש האָט זיך אנגעהויבן אַ נייער טומל, ווייל דער קעלנער „מאַקס" האָט אויפן געהייס פון דירעקטאָר צוגעבראַנגט

עטלעכע פרישע פלעשער ווײַן.

װאַלדמאַן איז אַװעק צום טיש און דאָס מײדל האָט זיך צו־געדרוקט נענטער צו װערדערן, אַזױ אַז ער האָט דערפילט די הײס־קײט, װאָס האָט געשלאָגן פון איר קערפער. זי האָט זיך געבעטן בײַ אים:

— אַיאָ, איר װעט בלײַבן?

אירע אױגן האָבן זיך דערבײַ טיף אײַנגעגעסן אין אים, און זי האָט אים מיטאַמאָל אָנגענומען מיט הײסע פינגער בײַ דער האַנט.

— בלײַבט, איך בעט אײַך...

— אוודאי װעל איך בלײַבן. — האָט געענטפערט װערדער — װיבער בלײַב איך!

— נו, איז דאָך װידער גוט! — האָט געשעפּטשעט דאָס מײדל.

— איר זענט אַ גוטער מענטש! — זי האָט זיך פּלוצלינג אָנגע־בױגן איבער זײַן האַנט און ער האָט נישט געװאוסט, צי האָט זי אים פּלוצלינג אַ קוש געגעבן אין האַנט, צי גאָר געביסן.

בײדע האָבן זיך געזעצט צום טיש און דאָס מײדל האָט אױפ־געהױבן איר גלאָז:

— איר זאָלט לעבן!

III

א שלעכטע בשורה

עס איז געווען אין א שבת נאָכמיטאָג און איבער די צימערן פון די ווערדערס איז געלעגן יענע פוילע נודנעקייט פון קליינבירגערלעכער צילזאָזיקייט און פון באַגראָבענע האָפענונגען.

די זון האָט שטאַרק געוואַרעמט און דורך דעם שפּאַלט צווישן די צוויי דיקע, וואָלענע, רויטע פאָרטיערן, וואָס האָבן פאַרשטעלט דאָס איינציקע פענסטער פון עסצימער האָט געלייכט א הייסער זון-שטראַל, וואָס איז געפאַלן פונקט אויפן פנים פון דעם שלאָפנדיקן הער ווערדער. ער איז געלעגן אויפן נישט אויפגעבעטן בעט, אויבנאויף אויף דער שבתדיקער בעט-דעק מיט די גאָלדענע פרענזלעס און האָט געכראָפּעט.

דער זון-שטראַל איז געלעגן פונקט אויף זיינע גרויע וואָנצעס, וואָס האָבן זיך געהויבן און ווידער אַראָפּגעפאַלן לויטן אָטעם פון שלאָפנדיקן.

איזידאָר ווערדער איז געלעגן אויפן בעט אין די שטעקשיך און די הענט זענען ביי אים געווען אויסגעשטרעקט צו ביידע זייטן פון גוף. אויף דער ברוסט ביי אים האָט זיך געבלאָזן דאָס ווייסע אָנגעקראָכמאַלעטע העמד, דער שטייפער קראַגן איז געווען צעעפנט און דער אויפגעבונדענער קראַוואַט איז נאָכגעהאָנגען פון איין זייט אַראָפּ איבער דער בעט-דעק. הער ווערדער האָט אפנים געהאַט אומרויקע חלומות, ווייל ער

האָט זיך גענומען וואַרפן דורכן שלאָף, שווער אָטעמען און קרעכצן.

פרוי פוילאַ ווערדער האָט זיך דאַן אויפגעהויבן פון אונטערן פענסטער, ווו זי איז ביז איצט געזעסן נישט־גערירט מיט אַ בוך אין האַנט; זי איז צו צום שלאָפנדיקן און האָט אים געטאָרעט:

— איזידאָר, איזידאָר! — האָט זי אים גערופן שטיל, כדי נישט איבערצושרעקן דעם שלאָפנדיקן...

הער איזידאָר האָט אויף אַ ווײַלע אויפגעעפנט די אויגן, האָט ווי דערקענט זײַן פרוי, זיך איבערגעכאַפּט, אָבער באַלד ווידער האָט ער צוגעמאַכט די אויגן און איז אײַנגעשלאָפן געוואָרן אויף דאָס נײַ.

ער איז שוין געלעגן רויק, האָט רעגלמעסיק און לײַכט געאָטעמט און נור פון צײַט צו צײַט געפינטלט מיט די אויגן־דעקלעך, ווען דער זון־שטראַל האָט זיך איבער זיי שטיפעריש גענומען טאַנצן, שפּרינגען און אַריבערהיפּן פון איין אויג אויפן צווייטן.

פרוי פוילאַ, וועלכע האָט דאָס באַמערקט, האָט דאַן צוגעצויגן די פאָרטיערן. דער שטראַל איז פיל קלענער געוואָרן, און נאָר אַ גאָר דינעס שטראַלעכל איז איבערגעבליבן, וואָס איז נישט אָפּגע־טרעטן פון שלאָפנדיקן הער איזידאָר, און האָט באַלויכטן פּונקט אַ צאָן אין זײַן האַלב־געעפנטן טונקלען מויל. עס האָט דאַן אויסגע־זען, גלײַך ס'וואָלט אין מויל פון שלאָפנדיקן געבליבן הענגען אַ פײַער־ווערעמל, וואָס איז פּונקט זיך פאַרלאָפן אין מויל פון שלאָפנ־דיקן.

אין שטוב אָבער איז געוואָרן כמעט טונקל.

פרוי פוילאַ האָט זיך צוגערוקט דעם פאָטעל צום פענסטער און זי האָט זיך אַנידערגעזעצט צוריק מיטן פנים צום צימער. זי האָט אויסגעטון דעם צוויקער, מיט וועלכן זי פלעג זיך באַנוצן בײַם לייענען. דאָס בוך האָט זי אַוועקגעלייגט אויף די ערד און זי האָט געקוקט פאַר זיך מיט טרויעריקע, בלאַסע, אויגן.

יאָ, זי האָט געהאַט וואָס טרויריק צו זיין, פרוי פוילאַ ווער־דער!

אַכט קינדער האָט זי געשאָנקען דאָס לעבן און איצט אויף דער עלטער — האָט זי געטראַכט — איז זי געבליבן איינע אַליין, עלנט ווי אַ שטיין. אַלץ איז זיך צעפאָרן, די טעכטער אויסגעגעבן, ערגעץ אין ווייטע מקומות, די זין זיך צעפאָרן איבער אַלע עק פון דער וועלט און זי איז געבליבן איינע אַליין נאָר מיט איר מאַן דעם הער איזידאָר! וואָלט כאָטש הער איזידאָר געווען דער, וואָס ר'איז געווען אַמאָל! לעבעדיק, פול מיט פייער, אַ לעבע־מענטש, וואָס האָט זי אויסגעפירט אין אַלע טעאַטערס, קאָנצערטן און פאַר־ווײַלונגען! זייט אַ צייט אָבער, איז הער איזידאָר, ווי איבערגעביטן געוואָרן. זייט ער האָט חתונה געמאַכט זיין יונגסטע טאָכטער, איז ער געווען אַפּאַטיש, פאַרמרה־שחורהט און אָפּגעלאָזן.

— איך בין שוין אַלט — האָט ער אַמאָל געזאָגט צו זיין פרוי — איך בין שוין אַלט, פוילאַ! איך האָב שוין אויף גאָרנישט צו וואַרטן אויף דער וועלט! אַכט און פופציק יאָר, פוילאַ, אַכט און פופציק יאָר בין איך שוין אַלט, פוילאַ, גענוג פאַר מיר! איך האָב זיך געמוטשעט גענוג! די קינדער האָב איך ב"ה אַלע פאַרהייראַט, ס'איז צײַט איך זאָל זיך אָפּרוען אַביסל. גענוג פאַר מיר, פוילאַ, גענוג!

פרוי פוילאַ האָט דעמאָלט זיך שרעקלעך צעוויינט.

— וואָס וועט זיין מיט מיר, איזידאָר? וואָס רעדסטו אַזוי? דו טוסט מיר דאָך וויי! פאַרוואָס רעדסטו אַזוי, איזידאָר?

הער איזידאָר האָט זי דאַן אָנגעקוקט מיט זיינע גרויסע אָפּגעריבענע אויגן און האָט נישט געענטפערט. נאָר פרוי פוילאַ האָט געזען, ווי די וואָנסעס ביי אים נעמען עפעס ציטערן און זי האָט געוווסט, אַז ער וויינט. אויך איר זענען באַלד געקו־מען טרערן אין די אויגן און זי איז באַלד אַנטלאָפן אין קיך, וווּ זי האָט זיך אין ווינקל ביי דער קיך אויסגעוויינט איר ביטער האַרץ.

— ס'איז פון איסא תל געוואָרן! גאָר א תל!

אזוי האָט געטראַכט פרוי פוילאַ קוקנדיק אויף איר שלאָפנדיקן מאַן.

מיטאמאָל האָט יך איר אויסגעדאַכט, אז זי הערט נישט זיין אָטעם. זי איז א ווײַלע געבליבן זיצן פאַרשטאַרט, איז צו צום שלאָפנדיקן אויף די שפּיץ פינגער און האָט אים אויפגע־טרייסלט.

— געבוג דיר צו שלאָפן, איזידאָר, גענוג! עס איז שוין אפשר דריי שעה, אז די שלאָפסט. וועסט נישט קענען שלאָפן ביי נאַכט.

— וואָס איז דאָ אזוי טונקל — האָט געברומט הער אי־זידאָר נאָך האַלב פון שלאָף.

פרוי פוילאַ האָט אויפגעמאַכט צוריק די פאָרטיערן און פון גאַס האָט זיך אַרייַנגעגאָסן אין שטוב אַ שטראָם פון ליכט, פון לעבעדיקייט און באַוועגונג.

— אַ — אַ — אה — האָט געגעבעצט הער ווערדער. — פוילאַ, — האָט ער זיך אויפגעזעצט אויפן בעט און געלאָזט אַראָפּהענגען די פיס צו דער ערד — פוילא, אפשר האָסטו עפעס זויערס צו טרינקען? אַביסל לימאָנאַד, פוילאַ, האָסט?

— נישט קיין לימאָנאַד! נישט קיין לימאָנאַד, איזידאָר! דער דאָקטאָר האָט פאַרזאָגט! דו ווייסט דאָך! אַביסל מילך, אי־זידאָר? אַביסל מילך וועסטו טרינקען?

זי האָט דאָס געזאָגט מיט א שטיל אייַנבעטענדיק קול, אָבער הער איזידאָר איז אַרייַן אין כעס:

— אין דר'ערד האָב איך אַלע דאָקטוירים מיט זייער מילך! ס'ווערט מיר נישט גוט ווען איך טרינק די נודנע מילך! אַ מענטש זאָל נישט טאָרן עסן און טרינקען, וואָס אים שמעקט, נור מילך און מילך, און ווידער אַמאָל מילך! דאָס גאַנצע מויל איז מיר שוין פאַרפּאַפט פון די עסעניש! נור גרישיק, און קאַשע מיט מילך! און ווידער אַמאָל מילך! צו ברעכן גלוסט

זיך מיר שוין פון דעם! אָט זע, זע, וואָס זיי האָבן פון מיר געמאַכט מיט זייער מילך! אָט זע, אַ טויטער בין איך שוין, לעבעדיקערהייט — אַ טויטער!

הער איזידאָר האָט געשריגן, ער איז געלאָפן איבערן צי־מער און געוואָרפן מיט שנאה־בליקן אויף זיין פרוי, וואָס האָט זיך אוועקגעזעצט אַ שטילע ביים פענסטער און האָט זיך נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט. מיטאַמאָל האָט ער זיך ווי באַרעכנט, ווי וויי ער טוט איר און ער האָט געזאָגט געלאַסן:

— נו, גיב שוין אַהער די מילך! זאָל שוין זיין מילך, ס'איז סיי ווי אַלץ איינס!

פרוי פוילאַ האָט אַריינגעבראַכט די מילך, וועלכע איז גע־שטאַנען אין קיך איינגעקילט אין אייז, געשמייכלט צו הער ווערדער און אים פאַרראַכטן די שפּאַרע האָר אויף זיין פליך.

— טרינק, טרינק מילך, איזידאָר! דאָס איז געזונט פאַר דיר...

— שטיי נישט איבער מיר, ווי אַ מלאך המות! — האָט זיך פון דער העלער הויט ווידער צעשריגן הער איזידאָר. — מיר דאַכט זיך דאָך שוין, אַז אָט־אָט שטאַרב איך! — האָט ער געשריגן און מיטאַמאָל אַראָפּגעוואָרפן אין כעס דאָס גלעזל אויף דר'ערד, ווו ס'איז זיך צעפאַלן אויף פיצלעך.

— נישט קיין רעכט גלעזל אפילו אין שטוב! אַלץ ווערט צעבראָכן און צעלאָמיעט, וואָס מען נעמט נאָר אין האַנט אַריין! אי, כ'זאָל שוין אַמאָל פּטור ווערן די וויסטע וועלט! — אַזוי האָט זיך געקאָכט הער ווערדער. — פרוי פוילא האָט צונויפגענו־מען די שטיקלעך גלאָז פון דר'ערד און האָט זיי שווייגנדיק אַריינגעטראָגן אין קיך.

הער איזידאָר האָט זיך געזעצט צום פענסטער און האָט אַרויסגעקוקט אין גאַס.

— פוילאַ! — האָט ער מיטאַמאָל אַריינגערופן אין קיך אַריין צו זיין פרוי: — פוילאַ, ס'גייען שוין אונזערע געסט!

צום טײַוול! נישט אפילו שבת האָט מען רו פון די שלעפּערס, געסט האָבן מיר אויסגעפּעלט, געסט!

— איזידאָר, איך בעט דיך, טו מיר נישט אָן קײן װײ=טיק! איך האָב שוין סײ װי אַזױ אויך גענוג פון די „רוסישע גנבים״!

— אוודאי, אַז מיר האָט זיך געגלוסט א „פאָניע״ פאַר אַ חתן פאַר אונזער טאָכטער! אויסרײַסן זאָל עס זײ שוין אַמאָל, די „פאָניעס״

דערװײַל זענען די געסט, „די רוסישע גנבים״, שוין גע=װען אין קיך. זײ זענען אַרײַן אין שטוב מיט אַ ברײטן „גוט שבת! גוט שבת!״ — און האָבן זיך באַלד אַװעקגעזעצט בײַם טיש.

— „גוט שאַבעס! גוט שאַבעס!״ — האָט געענטפערט הער װערדער. (ער האָט בכיון גערעדט „גוט״ מיט אַן „או״ און נישט „גיט״ װי תמיד מיט אַן „אי״) גוט שאבעס, גוט שאַבעס! — דאַן האָט ער זיך איבערגעדרײט מיטן פּנים צו דער גאַס אַרויס, און האָט נישט אומגעקוקט זיך אפילו אויף די בײ=דע שבת=געסט.

די „רוסישע״, מאַן און װײַב האָבן זיך איבערגעקוקט.

דאָס איז געװען אַ מאָדנע פּאָרל. דער מאַן, אַ ייד אין די זיבעציקער שוין, מיט אַ װײַס געשטוצט בערדל און אַ פולן קאָפּ גרויע האָר, איז געװען דאַר װי אַ שטעקן. די באַקן זענען בײַ אים געװען אײַנגעפאַלן און דאָס װעסטל אויף זײַן בויך האָט תמיד אויסגעװיזן צו זײַן פולקאָם ליידיק, גלײַך ס'װאָלט געהאָנגען אויף אַ דראָנג. ער פלעגט זײַן געקלײדט שטענדיק רײן, „טשיס=טע״ האָט ער דאָס אָנגערופן, אין די באַנוצטע קלײדער פון זײַן זון, דעם „רוסישן גנב״, װאָס האָט חתונה געהאַט מיט הער אי=זידאָרס טאָכטער. שבת פלעגט ער תמיד טראָגן אַ שװאַרצן לאַנגן „סאַלאָן ראָק״ מיט פאָלעס ביז איבער די קניעס. און די הויזן האָבן אויף זײַנע דאַרע פיס געהאָנגען, װי צװײ שטײפע, בלע=

בערנע ריירן. אויף די פיס האָט ער געטראָגן געלע ליאַק-שיך מיט אומגלויבלעך לאַנגע שפּיצן, אַ לאַ „פּאַריז", און וועלכע זיין זון האָט פּאַראַדירט נאָך חתן-וויז, מיט אַ צען פופצן יאָר צוריק. דערביי זענען די אָפּצאַסן שטענדיק געווען הויך און אויסגעדרייט, אַזוי, אַז דער אַלטער האָט ביי יעדן שריט, וואָס ער האָט געטון, ביטער געקרעכצט און זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין לייכט שפּאַציר-שטעקעלע, מיטן זילבערנעם הענטל, וואָס ער האָט אויך געקריגן אַ מתנה פון זיין זון, דעם „פּאָניע".

זיין יידענע אָבער, וועלכע איז געזעסן ביים טיש און האָט שוין געוואָרפן מיט אירע פלינקע אייגעלעך אין אַלע ווינקלען פון צימער, איז געווען קיילעכדיק, קליין און גראָב, ווי אַ פעסל. אויפן שוואַרצן פּאַריק האָט זי געטראָגן עפּעס אַ פּאַרדאַרטן טשיפּטשיק אויס טונקל-בלויען סאַמעט אויף וועלכן עס איז געלעגן פּאָך פון די קישנס, אויף וועלכע זי פלעגט טאַקע שלאָפן נאָכן עסן אָנגעטון אין דאָזיקן טשיפּטשיק. זי איז געווען תמיד פאַרהאַוועט, פאַרטון „אין געשעפט" און ווען זי איז צוריקגעקומען פון גאַס, איז זי אַזוי ווי זי איז געשטאַנען אָנגעטון אין טשיפּטשיק אַנידערגעפאַלן אויפן בעט, ווי אַ טויטע און איז באַלד איינגעשלאָפן. אויסרוען פלעג זי זיך נאָר שבת.

יעדן שבת נאָכן עסן פלעגן די ביידע „פּאָניעס" מאַכן די שבת-וויזיט ביי זייערע מחותנים, די ווערדערס.

— וואָס זאָגט איר עפּעס גוטס, מחותנתטע — האָט אָנגעהויבן די „פּאָניכע" אויספרעגן. — איך ווייס — האָט זי אָנגעהויבן צין די ווערטער, — דער מענטש האָט זיך דען אין דער האַנט? אָט איז נעבן אונז, ערשט נעכטן געשטאָרבן דער הער זאַלצמאַן. איר האָט אים נישט געקענט מחותנתטע? פונקט געווען אין די זעלבע יאָרן, וואָס אייער מאַן, אים צו לאַנגע יאָרן...

פרוי פולאַ האָט נישט געענטפערט און איז אַריין אין קיך ברענגען דאָס „טראַקטירעכץ" פאַר די געסט.

הער איזידאָר איז געזעסן אויסגעדרייט צו זיי מיטן רוקן און האָט זיך נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט. אים האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס די יידענע, הגם זי איז עלטער געווען ווי ער, האָט געבליט און האָט געשפּראָצט מיט געזונטקייט.

— זע נור, ווי זיצט דאָס, די גראָבע סטערווע! — האָט ער ביי זיך געטראַכט מיטן האַס פון קראַנקע, ווען זיי זען פאַר זיך אַ געזונטן מענטשן.

די יידענע האָט אָבער טאַקע באמת אויסגעזען בליענדיק. זי איז געזעסן ברייט אויפן פאָטעל, די חיס צעשפּאַרט, אַזוי אַז ס'האָבן זיך האַלב־אַרויסגעזען אַ פּאָר גראָבע לידקעס מיט שוואַרצע, זיידענע־זאָקן, פון אונטער וועלכע ס'האָט אַרויסגעלויכטן דאָס פלייש רויט און דיק. זי האָט זיך צורעכט געמאַכט אויפן בענקל און הער איזידאָר, וועלכער האָט אויף איר געקוקט פון אַ זייט, האָט געזען איבער די זאָקן אַ שטיקל באַרכנטענע, רויטע מייטקע מיט ציין, וואָס האָבן אַרומגענומען דער יידענעס פיס, ווי אַ קראַנץ פייערדיקע ציבעלעך.

ביי אַ יעדן ריר אויפן בענקל, האָבן די שיך געסקריפּעט דאָס שוואַרצע בראָקאַטענע קלייד פון דער יידענע האָט גערוישט דער פאָטעל האָט געקנאַקט און די אויער־רינגלעך פון שוואַרצע גלעזערנע קרעלן, וואָס זי האָט געטראָגן אויף די אוירן, האָבן זיך אָנגעקלאַפּט איין קרעל אָן דער אַנדערער.

— הערסט, פּעיגע — האָט זיך איצט אָנגערופן דער אַלטער „פּאָניע", איך מעין, אַז דעם מחותן וואָלט ווייער בויטיק געווען אַרויסצופאָרן אַביסל קיין קרעניץ. וואָס זאָגסטו פּעיגע?

די יידענע האָט ווי דאַרויף באָר געוואַרט.

— מחותנתטע! — האָט זי זיך איבערגעדרייט צו פרוי פּוילאַ, וועלכע איז גראָד אַריינגעקומען מיט אַ טעצל „טראַקטירעכץ", — פאָלגט מיך און זאָל דער מחותן פאָרן קיין קרעניץ!

— מיר וועלן שוין זען — האָט זיך געפּרוווט אויסדרייען פרוי פּוילאַ — אין' ווייס נאָך איצט נישט וואוהין מ'עט דאַרפן פאָרן.

נעמט צו ביסלעך איינגעמאַכטס, נעמט, נעמט, מחותנתטע, נעמט מחותן!

די מחותנתטע האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן, גענומען, אין האַנט דאָס קליינע לעפעלע, אָנגענומען עס מיט קאָנפיטור און האַסטיק פאַרשלונגען.

— נעם, יאַנקל, נעם אַביסל קאָנפיטור! וועסט דיר דערקוויקן דאָס האַרץ — האָט זי געמונטערט איר מאַן, וואָס איז געזעסן שטייף און שטאַר, ווי אַ פלאָקן, און האָט שוין געדרימלט.

הערט איר, מחותנתטע? — האָט זיך די יידענע איבערגעדרייט צו פרוי פוילאַ — זעצט אייך אַביסל אַנידער, ניש־קשה איר מעגט אייך אָפּרוען אַביסל.

פרוי פוילאַ האָט זיך אַנידערגעזעצט און געפּרווט לייגן אויף איר בלאַס, טרויריק פּנים אַ געלעכטערל, צוליב די געסט.

דערווייל האָט די יידענע ווייטער געפּלאַפּלט, באַקוקט די קאָנפיטור־לעפעלעך און געזאָגט:

פונדעסטוועגן ווי ס׳זאָל נישט זיין, זילבער האָט איר, זאָל שוין קומען אַזאַ יאָר אויף אונז אַלע! זע נאָר, זע נאָר, יאַנקל, די לעפעלעך! דו זעסט? אָט האָסטו דאָך דאָ אויסגעקריצט אויפן לעפעלע דאָס גאַנצע בית המקדש! און די הענטעלעך, זע נאָר, יאַנקל! גיב נאָר אַ קוק! ביסט אַ מבין אויף די הענטעלעך, יאַנקל? געטאָקט און געדרייט און אויסגעגלאַנצט.. ס׳איז טאַקע אמתדיק זילבער?

— אוודאי איז דאָס זילבער — האָט געשמייכלט פרוי פוילאַ, — וואָס דען זאָל עס זיין? נישט קיין זילבער?

דערווייל איז עס געוואָרן אַלעמאָל טונקלער און טונקלער. דער געשפּרעך ביים טיש האָט זיך איבערגעריסן. ר׳ יאַנקל איז געזעסן מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, דער האַרטער קאַפּעלוש פאַררוקט אויף די אויגן און קענטיק, אַז ער איז געשלאָפן.

— נו, דער טאָג שטייט נישט, מען דאַרף גיין אַהיים. — האָט זיך פּלוצלינג אויפגעהויבן די יידענע פון איר אָרט.

יאַנקל מיר וועלן גיין אַהיים!

— האַ?

— זע נאָר, פונקט דאַ האָט ער זיך אויסגעקליבן אַ אָרט צו שלאָפן! נו קום שוין, קום! — האָט די יידענע גע־שלעפט איר מאַן, — עסט שלאָפן אין דער היים.

— אַ גוטע וואָך, מחותן! אַ גוטע וואָך!

די „פאַניכע" איז צו צום הער איזידאָר, וועלכער איז געזעסן אומגערירט אויף זיין בענקל ביים פענסטער און האָט ארויסגעקוקט אין גאַס; ער האָט איר עפעס צוגעברומט אונטער דער נאָז און דיביידע שבת־געסט האָבן זיך גענומען קלייבן אין וועג אריין.

שוין ביי דער טיר אין קיך האָט זיך די „פאַניכע" ווי־עפעס דערמאַנט:

— אַ, מחותנתטע! גאָר פאַרגעסן! כ'האָב אייך טאַקע געוואָלט עפעס פרעגן!

— וואָס עפעס?

די יידענע האָט זיך צוגעריקט גאַנץ נאָענט צו פרוי פוילאַ און האָט איר איינגעשעפטשעט אין אויער אַריין:

— זאָגט נאָר, מחותנתטע, איז דאָס טאַקע אמת, אַז אייער יולעק איז אַוועק צו די שפילערס?

— וואָס? וואָס? -- האָט זיך פאַרוווּנדערט פרוי פוילאַ — וואָס פאַראַ שפילערס?

— וואָס איר ווייסט טאַקע נישט? אייער זון יולעק איז דאָך אין יידישן טיאַטער! ער שפילט דאָך דאָרט די שטיק אין טיאַטער! ער איז דאָך דאָרט ביי זיי אַזאַ מין — ווי זאָגט מען דאָס? יאָ אַזאַ זינגער איז ער!

פרוי פוילאַ האָט נאָך אַלץ נישט געגלייבט.

— אַי וואָס רעדט איר, וואָס דערציילט איר עפעס נאַ־רישקייטן. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין קראָקע אויפן אוניווערזי־טעט, ער שטודירט דאָרט, איר פאַרשטייט? וואָס עפּעס פּלוצ־

לינג זאָל ער האבן צו טון מיט טעאַטער
— הערסט, יאַנקל — האט זיך די יידענע איצט שפּיציק צעלאַכט צו איר מאַן, — דו הערסט יאַנקל, די מחותנתטע גלויבט דאך גארנישט, אז זייער זון איז ביים טעאַטער? יאַנקל דו הערסט! ? — מחותנתטע! — האט זי זיך פלוצלינג געגוּמען שווערן, — אַזוי זאָלן מיר אַלע אויפגערעכט ווערן, אז איך ווייס דאס אויף גאַנץ זיכער. שאַט! — האט זי פלוצלינג אויסגעשריגן — איר גלויבט נישט? אַט שיק איך אייך שוין אַריבער מיין געצלען, וועלכער איז דאנערשטיק געווען אין קראָקע! ער האט דאך אייער יולעקן אַליין געזען שפּילן! אויף דער בינע האט ער געשפּילט, גלייך מיט אַלע אַנדערע קאָמע-דיאַנטשיקעס! הער א מעשה — האט זי זיך שוין גענומען בייזערן — מען גלויבט מיר גארנישט! וואס מיינט איר עפּעס, מחותנתטע, מיין געצעלע וועט עפּעס אויסטראַכטן א מעשה? אַזוי זאָל'מער אַלע זען נאר גוטס מיט אונזערע אויגן, טאַטע-געטרייער, ווי ער האט געזען אייער יולעקן שפּילן אין טע-אַטער!
די יידענע האט אַזוי לאַנג געוואַלדעוועט ביז ס'איז אריינ-געקומען הער איזידאר. די „פּאַניכע" איז אויף א ווײַלע אַנט-שוויגן געוואָרן. הער איזידאר האט אויסגעהערט די „פּאַניכע" און האט באַלד געזאגט צו פּרוי פּוילאַ:
— איך מיין, אַז ס'איז גאַרנישט. אַ פּלאָטקע אוודאי. ער האָט אוודאי געשפּילט מיט אַמאָל.
— מיט וואָס? — האָבן זיך ביי דער „פּאַניעכע" צעבליש-טשעט די שוואַרצע אויגעלעך. — מיט „מאַטאָרן"? אפשר הייסט דאָס ביי אייך טאַקע „מאַטאָרן", נאָר איך ווייס, אַז אייער זון יולעק איז געוואָרן אַ פּאַיאַץ, און האָט מיר אַ גוטע נאַכט! קום יאַנקל!
און די יידענע איז אַרויס אין כּעס און האָט צוגעקלאַפּט די טיר.
אין דער קיך איז געבליבן דאָס אַלטע פּאָר פּאָלק אַליין,

ביידע האָבן געשוויגן און קיינס האָט זיך נישט דערוועגט אָנהויבן רעדן אַלס ערשטער.

ביז ער ווערדער האָט פּלוצלינג איבערגעריסן דאָס פּייגלעכע שווייגן:

— דו ווייגסט, פּוילאַ? דו ווייגסט?

— ניין, איך וויין נישט. — האָט געזאָגט אונטער טרערן פרוי פּוילאַ אויסן טונקלען ווינקל פון קיך. — איך באַרעכן זיך בלויז, פאַרוואָס איך האָב אַזאַ פינסטערן מזל...

— פּוילאַ — האָט ווידער אָנגעהויבן ער ווערדער — זעסט דאָך, נישט אַ יעדער מענטש קען האָבן אַ גליך מזל.

— אָבער פאַרוואָס קומט דאָס אונז, איזידאָר? — וואָס איז? — האָט זיך שטיל געקלאָגט, פרוי פּוילאַ — מיר האָבן אים אפשר געגעבן אַ שלעכטע דערציונג? נישט געשיקט אין שול אַריין, נישט געלאָזט אים שטודירן אויף אוניווערסיטעט? וואָס איז? ס׳האָט אים אויסגעפעלט געלט, צי עסן חלילה?

און פרוי פּוילאַ האָט זיך צעוויינט אויפן קול...

— קום, פּוילאַ, קום, קום אַריין אין שטוב, מען וועט דערהערן אין דרויסן ווי דו וויינסט. זאָלן כאָטש מענטשן נישט וויסן פון אונזער אומגליק.

ווען די ווערדערס זענען אַריין צוריק אין עס-צימער, האָט זיך די שטוב געבאָדן אין ליכטיקייט, וועלכע האָט זיך געטראָגן פון די עלעקטרישע בויגן-לאָמפּן אין גאַס. אַ שווערער לאַסט-וואָגן איז פאַרביי געפאָרן און די גלעזעלעך אויפן טיש האָבן געציטערט און געקלאַפּט אין די טעצלעך.

— דריי אויף דאָס ליכט — האָט געזאָגט, הער איזידאָר.

פרוי פּוילאַ האָט איבערגעדרייט דאָס עלעקטרישע קנעפּל.

— גוט וואָך! — האָט זי געזאָגט שטיל און האָט זיך אויס-

נעווישט די פּאַרוויינטע אויגן.

— גוט וואָך, איזידאָר!

— גוט וואָך, פּוילאַ!

★ ★ ★

ער האָט זיך באַלד אַנידערגעזעצט און געשריבן דעם בריוו צו זיין זון, יולעק, וועלכער „איז געגאַנגען ווערן אַ יידישער שפּילער".

ווען ער האָט געענדיקט דעם בריוו, האָט ער אים דורכגעלייענט פאַר פרוי פּוילאַ. זי האָט געהערט מיט געדולד און צוגעגעבן:

— ווען ער וואָלט כאָטש געגאַנגען ווערן אַ פּוילישער אקטיאָר!... וואָס איז? ער קען דען נישט קיין פּויליש?...

מען שפּילט אין ליבע

ווען ווערדער האָט באַקומען דעם בריוו פון זיין פאָטער, דעם הער איזידאָר ווערדער אויס לעמבערג, האָט ער אים אַ לאַנגע ווײַלע געהאַלטן אין האַנט און זיך נישט געקענט אַנטשליסן אים עפענען און דורכצולייענען. ער האָט דערקענט אויפן קאָנווערט די שטייפע פעסטע האַנט־שריפט פון זיין פאָטער און ער האָט מיט אַ געלעכטערל דורכגעלייענט זיין אייגענעם נאָמען אויפן אַדרעס, צו וועלכן זיין פאָטער האָט צוגעגעבן „סטוד. מעד.״ (סטודענט פון מעדיצין). די דאָזיקע צוויי ווערטער זײַנען אויפן קאָנווערט געווען אונטערגעשטראָכן מיט אַ גראָבער ליניע. דער בריוו איז נאָך געווען אַדרעסירט קיין קראָקע אויף ווערדערס אַלטן אַדרעס און אויף אים זענען געווען צוגעשריבן פון דער פאָסט אַ גאַנצע ריי פון שטעט און שטעטלעך און ווידער אַדורכגעשטראָכן, לויט דעם, ווי דאָס טעאַטער האָט געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט.

— אַ פּנים, אַז אויך ביים טעאַטער ווערט מען נישט אינגאַנצן פאַרלוירן — האָט ער ביי זיך געטראַכט — יאַקאָש קען מען מיך געפינען אפילו ביים טעאַטער...

ער איז מיטן בריוו אַרויפגעגאַנגען אין זיין האָטעל־צימער; ער האָט איבערגעדרייט דעם שליסל אין דער טיר און גיך גענומען לייענען די האַנטשריפט פון זיין פאָטער. דער בריוו איז גע-

דען געשריבן אויף דייטש, פול מיט פּאָרוווּרפן און פראַגן, און דער פאָטער האָט אים געבעטן, „ביי אַלץ וואָס איז דיר הייליק, ביי דעם גוטן נאָמען פון דער פאַמיליע ווערדער, און ביי דעם גוטן שם פון דיי־נע פאַרהייראַטע שוועסטערן“, אַז ער זאָל זיך אומקערן צוריק פון דעם שלעכטן וועג און נישט זיין ביים יידישן טעאַטער! אויף די מוטער האָט צוגעשריבן עטלעכע שורות: „יולעק טייערער! — האָט אויך זי געשריבן אויף דייטש — טו נישט אָן קיין שאַנד דיין מו־טער, וואָס האָט דיך ליב, מער ווי אַלץ אויף דער וועלט“...

— עט, נאַרעשקייטן! — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין — איך וועל זיי שרייבן אַ שיינעם בריוו און זיי טרייסטן! זיי וועלן זיך שוין לאַנגזאַם צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז איך בין דער „פאַר־לוירענער זון“...

דאַן האָט ער זיך אַנידערגעלייגט אויף זיין בעט, אָנגעצונדן אַ פּאַפּיראָס און געקוקט אויף די וואָלקנדלעך רויך, וואָס האָבן זיך געדרייט איבער זיין קאָפּ.

— אַ פיין לעבן ביים טעאַטער! — האָט ער געשמייכלט צו זיך אַליין.

די דריי וואָכן זייט ווערדער איז געווען ביי דער טעאַטער־טרופּע פון דירעקטאָר יאַקאָב פאָגעל, איז מיט אים פאָרגעקומען אַ גאָר שטאַרקע ענדערונג. די בלאַסקייט און אויסגעצערטקייט פון זיין פנים איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן, זיין פנים האָט זיך אויס־געפולט, די קנייטשן זענען פאַרשוווּנדן און די גרינע אויגן זיינע האָבן אים שטענדיק געשפּריצט מיט פייער פון פריילעכקייט און לעבעדיקייט. ער איז געוואָרן פיל דרייסטער ביי זיך אַליין, ער האָט בעקריגן אַ לייכטן געזונטן גאַנג און אַ רירעוודיקייט אין אַלע אברים, וואָס האָט אים געמאַכט אינגאַנצן נישט־ענלעך צו דעם פריערדיקן ווערדער, דעם בלאַסן, באַוואַקסענעם סטודענט, מיט זיין נישט דרייסטקייט און אָפּהענטיקייט.

ער דאָט זיך דערמאָנט אין זיינע ערשטע אויפטריטן ביים טע־אַטער און ער האָט געשמייכלט, ווען ער האָט זיך אויסגעמאָלן זיין

אומבאַהאָלפנקייט, מיט וועלכער ער איז די ערשטע פּאָר מאָל אַרויס־געטרעטן אויף דער בינע.

— היינט איז גאָר עפּעס אַנדערש! איך האָב שוין געכאַפּט דעם „רעכטן שניט" און איך ווייס ווי אַזוי מען „מאַכט די קאָמע־דיע".

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז נישט ווילנדיק באַנוצט ער זיך שוין מיט „אַקטיאָרסקע לשון" און דאָס האָט אים אַביסל פאַר־דראָסן.

— מען מוז זיי ווייזן, „די אַקטיאָרטשיקעס", אַז איך בין פאָרט נישט ווייערס־גלייכן, — האָט ער געטראַכט ביי זיך. — אַי, ווי לאַנג איז טאַקע שוין, אַז איך האָב נישט געלייענט קיין ביכל?

ער איז אויפגעשפּרונגען פון בעט און האָט פון זיין קיפערטל אַרויסגענומען איינס פון זיינע ביכלעך, וועלכעס ער האָט זיך מיט־גענומען אויפן וועג.

ער האָט צוגערוקט דאָס בענקל צום פענסטער און האָט גע־נומען לייענען מיט אימפּעט, אָבער עפּעס איז ער נישט געווען איינ־גאַנצן מיט די געדאַנקען ביי דעם, וואָס זיינע אויגן האָבן געליי־ענט. ער האָט באַלד דאָס ביכל אַוועקגעלייגט און האָט גענומען שפּרייזן איבערן צימער אַהין און אַהער, מאַכנדיק דערביי מיט די הענט גימנאַסטישע איבונגען, ווי ער האָט דאָס נאָך געדענקט פון דער צייט, ווען ער איז געגאַנגען אין גימנאַזיע. ער האָט געהערט, ווי עס קנאַקן ביי אים די געלענקן, ער האָט געפילט, ווי עס שפּאַנען זיך ביי אים אָן די מוסקולן און ער האָט דערשפּירט אין זיך פון דער העלער הויט אַ געוואַלטיקן כוח, וועלכער האָט אָנ־געפּולט זיין גאַנצן קערפּער.

אים איז הייס געוואָרן: ער האָט מיט עטלעכע שנעלע באַ־וועגונגען אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל און דאָס העמד, און איז באַלד געשטאַנען מיטן אַנטבלויסטן אויבערלייב פאַרן שפּיגל ביים וואַשטיש.

ער האָט געקוקט מיט צופרידנקייט אויף זיינע אויסגעפּולטע

ברוסטן, אויף דער בליענדיקער הויט זייבער... איבער זיין קער־פער האָט פלוצלינג גענומען אַריבערליפן הייסע וואַלן: ער האָט זיך איינגעטונקען דעם שוואָם אין קאַלטן וואַסער און האָט געריבן זיין אויבערלייב מיטן קאַלטן שוואָם, פרייכנדיק ווי אַ יונג פערד, און אָנפּולנדיק די שטוב מיט זיין הויכן אַ־אַ־אַ־אַ! ס'איז גוט! אַ־אַ־אַ־אַ, קאַלט!

אים האָט זיך פאַרגלוסט שרייען פאַר לויטער ווילטאָג, ער האָט געוואָלט זינגען און שוין האָט ער צעלאָזט זיין קרעפּ־טיקע שטים מיט עפּעס אַ פּוילישן ליד, וועלכעס ער האָט זיך אָפּגעלערנט ביי זיינע חברים, די פּוילישע סטודענטן, די „מאַ־זורן".

זיין זינגען האָט זיך געטראָגן הילכיק איבערן גאַנצן האָטעל. ווערדער האָט געעפנט דאָס פענסטער, ווייל ער האָט דערפילט, אַז אים ווערט פלוצלינג צו ענג אין די פיר ווענט פון קליינעם האָטעל־צימער.

דער קילער ווינט האָט געגלעט זיין נאַסן אויבערלייב. אַ נאַקעטער, ווי ער איז געווען, האָט ער זיך אַריבערגעבויגן אין גאַס אַרויס. ער האָט אין אַ פלוצימדיקער פריילעכקייט, וואָס האָט אים געמאַכט ענלעך צו אַ צעלאָזענעם קינד, אָנגע־הויבן אַראָפּשרייען אין גאַס און האָט גענומען רופן עטלעכע יונגע שיקסלעך, „מאַזורקעס", וואָס האָבן אים געענטפערט מיט קוויטשיקע אויסגעשרייען און הירזשנדיקע געלעכטערלעך.

אַזוי האָט דאָס שוין געדויערט אַ היפּש שטיקל צייט, ווען ווערדער האָט מיטאַמאָל דערהערט אַ שטאַרק קלאַפּן אין דער טיר.

ער האָט אויף גיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דאָס רעקל. ער איז צוגעלאָפן צו דער טיר, ער האָט איבערגעדרייט דעם שליסל און האָט דערזען פאַר זיך די „סוברעטקע" קלאַרע.

ווערדער האָט זי געזען, ווי זי שטייט פאַר אים אָנגעטון בלויז אין אַ „מאַטינקע", זי האָט געפינטלט מיט די אויגן, נישט

קענענדיק זיך באַלד צוגעוווינען צו דער פולן ליכט, וואָס האָט געשטראַלט אין טונקלען האָטעל-קאָרידאָר פון דעם ליכטיקן פענסטער אין ווערדערס צימער. זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, ווען ער האָט זי פּלוצלינג אָנגענומען ביי דער האַנט און אַריינגעצויגן צו זיך אין צימער אַריין.

דאָס מיידל איז שטיין געבליבן ביי דער טיר.

— זייט אַזוי גוט, מאַכט צו די טיר — האָט ער זיך אָנגערופן.

דאָס מיידל האָט געפאָלגט און איז ווייטער געשטאַנען אויפן אָרט נישט גערירט.

ווערדער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין בעט און האָט זי אָנגעקוקט פון דער זייט.

— וואָס ווינטשט איר, פרייליין? איר דאַרפט עפּעס?

— ניין — האָט געשמייכלט דאָס מיידל, — איך דאַרף גאָרנישט, איך האָב בלויז אָנגעקלאַפּט אין אייער טיר, ווייל אייער זינגען לאָזט מיך נישט שלאָפן...

— דאָס איז אַלץ?

ער האָט גענומען אין האַנט אַריין דאָס פריער-אוועקגעלייגטע ביכל און האָט אַ ווײַלע אַריינגעקוקט.

דאָס מיידל האָט זיך אומגעקוקט איבערן צימער. דערפילנדיק איר קוק, האָט ער אויפגעהויבן די אויגן און האָט זי כּוויל אָנגעקוקט.

— נו גוט, — איז ער אויפגעשטאַנען און האָט צוגעמאַכט דאָס ביכל. — איך וועל שוין נישט מער זינגען. זענט איר צופרידן?

זי האָט געמאַכט צוויי שריט נענטער:

— וואָס לייענט איר דאָ?

— וואָס איך לייען? — ער האָט גענומען דאָס ביכל אין האַנט אַריין — דאָס איז סתם-אַזוי אַ ביכל.

זי האָט זיך פאַרקרימט.

— יידיש גאָר?
— יאָ, איר זעט דאָך. ס'איז אַ יידיש ביכל.
— און קיין פּוילישע ביכער האָט איר נישט?
ער האָט זיך צעלאַכט.
— אָ, יאָ, פּוילישע האָב איך אויך! איר ווילט איך זאָל אייך עפּעס לייען?
— ווען איר ווילט זיין אַזוי גוט... ווייל יידיש, זעט איר, הער דאָקטאָר, קען איך נישט לייענען. מיט פּינטעלעך קען איך נאָך אָבער אָן פּינטעלעך —
ווערדער האָט איבערגעהאַקט.
— וואָס זאָגט איר, „הער דאָקטאָר"? זייט ווען בין איך דאָס אַ „הער דאָקטאָר"?
— אָ, איך ווייס, איר דאַרפט פאַר מיר נישט אָפּלייקענען. דאָס דינסטמיידל פון האָטעל האָט מיר דערציילט. צו אייך איז היינט אָנגעקומען אַ בריוו און אויפן קאָנווערט איז געשטאַנען, אַז איר זענט אַ דאָקטאָר.
— דאָס דינסטמיידל האָט אייך דערציילט אַ ליגן. איך בין נישט קיין דאָקטאָר. — נו, ווילט איר אַ פּויליש ביכל — האָט ווערדער געפּרוווט בייטן דעם טעמאַט.
— און איר, איר לייענט נישט קיין פּוילישע ביכער, נאָר יידישע? איר זענט אוודאי אַ ציוניסט! אַ יאָ איר זענט אַ ציוניסט?
— ניין, איך בין נישט קיין ציוניסט — האָט געענטפערט ווערדער און האָט זיך צעלאַכט. — איך האָב פיינט ציוניסטן!
— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת — האָט דאָס מיידל אָנגעהויבן — אין טרופּע זאָגט מען, אַז איצט איז יעדער ייד אַ ציוניסט. און איר האָט געמוזט זיין אודאי איינער פון די גרויסע ביי זיי. אַזוי זאָגן זיי אַלע אין טרופּע.
— נו, — האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון בעט, ווו ער

איז געוועסן ביז איצט, דאַן רעדן זיי אין טרופע נאַרעשקייטן, ווער דערציילט עס איבעריגנס אַזעלכע מעשיות אין טרופע?

ער איז מיטאַמאָל ערנסט געוואָרן און דאָס מיידל האָט זיך ווי דערשראָקן:

— איר דאַרפט נישט זיין בייז הער ווערדער. זיי מיינען דאָך מיט דעם גאָר נישט שלעכט אויף אייך!

ער האָט גענומען גיין איבער דער שטוב, דאָס מיידל האָט זיך צוגעדריקט צו דער וואַנט און האָט אים נאָכגעקוקט שריט ביי שריט.

— איר זענט בייז אויף מיר? — האָט זי געזאָגט קוקנ־דיק אויף אים מיט בעטנדיקע אויגן.

ער איז שטיין געבליבן נאָענט נעבן איר און האָט אָנגע־נומען איר האַנט

—זאָל גאָט אָפּהיטן! בייז? פאַר וואָס זאָל איך זיין בייז אויף אייך? איר זענט אַ גוט, ווויל מיידל! איך האָב אייך ליב דערפאַר.

ביים מיידל זענען די אויגן פלוצלינג געשטאַנען פול מיט טרערן. זי האָט שטאַרק געדריקט זיין האַנט און האָט געשטאַמלט אונטער טרערן;

—ס׳איז נישט אמת, איך גלויב נישט. איר האָט מיך פיינט! איר שעמט זיך אפילו צו רעדן מיט מיר!

— איך? וואָס רעדט איר?

— יאָ, — האָט זיך געקלאָגט דאָס מיידל, — איר שעמט זיך מיט אונז אַלע. איר רעדט נישט מיט קיינעם, און איר האַלט אייך פון אונז אַלע פונדערווייטנס!...

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און פלוצלינג, ווי פאַרשע־מענדיק זיך, האָט זי זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק צו דער טיר.

ער האָט זי אָפּגעשטעלט:

— פריילין קלאַראַ!

דאָס מיידל האָט זיך אומגעדרייט צוריק מיט איר פּנים צו דער שטוב, האַלטנדיק מיט דער האַנט די קלאַמקע.

— וואָס ווילט איר ? — האָט זי געזאָגט מיט א האַלב־פאַרשטיקטן קול.

— איך וויל גישט, אַז איר זאָלט האָבן אויף מיר אַ בייז האַרץ. איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז איר זייט אַ ליב, וואויל מיידל. איר טאָרט נישט זיין בּייז אויף מיר.

זי האָט זיך לאַנגזאַם גענומען דערנענטערן צו אים.

זי האָט אים געקוקט גלייך אין די אויגן אריין און ער האָט באַמערקט, ווי אירע אויגן ווערן לאַנגזאַם פאַרשלייערט, גלייך ס'וואָלט זיך אויף זיי גענומען אויסציען עפּעס אַ דין הייטל.

ווען זי איז געווען שוין א האַלבן שריט נעבן אים, איז זי שטיין געבליבן און האָט אירע הענט געלאָזט אַראָפּפאַלן צו ביידע זייטן פון איר מיידלישן גוף.

— טאַקע, וואָס ווילט איר ?

זי האָט דאָס געזאָגט שטיל און ווי נישט מיט איר גע־ווינטלעכער שטים, הייזעריק אַביסל און געבראָכן.

— איך וויל גאָר נישט, — האָט ער געענטפערט — זעצט אייך אנידער אַביסל, וועלן מער רעדן. איך האָב זייער ליב מיט אייך צו רעדן.

ער האָט געפּרוּווט אריינקוקן אין ביכל, אָבער דאָס מיידל האָט באַלד איבערגעהאַקט דאָס שווייגן :

— איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן ? איר ווייסט נישט ? נאָר איר טאָרט אייך נישט באַליידיקן, ווען איך וועל אייך דאָס זאָגן ! . . .

ווערדער האָט געמאַכט אַן ערנסטע מינע :

— ניין, איך וועל זיך נישט באַליידיקן !

— איך ווייס נישט — האָט דאָס מיידל געצויגן די ווער־טער — צי איך האָב רעכט ? נאָר מיר קומט פאָר, אַז איר

װענט אַ גראָבער נודניאַק! — זי האָט זיך צעלאַכט — אָבער נישט בײז זײן, נישט בײז זײן! — האָט זי זיך אָנ־געהױבן בעטן, װען זי האָט דערזען, װי ער װערט, װאָס אַמאָל ערנסטער — איר האָט מיר צוגעזאָגט זיך נישט צו באַלײדיקן!

חלילה, איך בין גאָרנישט בײז! נישט אומזיסט!

אָבער ער האָט צוגלײך געפילט, װי פון דער ה לער הויט װערט ער רויט אין פּנים.

ער האָט זיך געפילט זײער נישט באַקװעם. אים איז הײס געװאָרן אונטער די פאַרשנדיקע, גליענדיקע אויגן פונם יונגען מײדל, װאָס איז געזעסן קוים אַ האַלבן שריט פון אים. ער האָט בגנבה אַרומגענומען מיט די בליקן איר גאַנץ געשטאַלט, און ער האָט דערפילט, װי אים נעמען לויפן פײערלעך איבערן ריקן. ער האָט זיך געדרײט אויפן בעט, װאו ער איז געזעסן, אַהין און צוריק און נישט װילנדיק האָט ער אין אַ געװיסן מאָמענט אויפגעמאַכט זײן רעקל.

זי איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך אַנידערגעשטעלט גאָר נאָענט פאַר אים, אַזוי, אַז ער האָט מיט זײנע קניעס געפילט די הײסקײט פון איר קערפער.

— װאָס איז דאָס? — האָט זי געפרעגט אַ דערשטױנטע, — איר טראָגט גאָר קײן העמד נישט?

װעדער האָט זיך געװאָלט אויפהויבן פון בעט, אָבער דאָס מײדל האָט מיטן װײז־פינגער פון איר רעכטער האַנט אָנ־גערירט זײן אַקסל.

— בלײבט זיצן, בלײבט זיצן! — האָט זי געזאָגט — פאַר מיר דאַרפט איר זיך נישט שעמען. אַ, איך פאַרשטײ! — האָט זי זיך מיטאַמאָל געכאַפּט — די װעש איז בײ אײך אודאי צע־ריסן און קײנער האָט זי אײך נישט צו פאַרריכטן? שײן אַזוי?
— האָט זי זיך שוין אָנגעלענט אָן זײנע קניעס, — פאַרװאָס בעט מען נישט אַמאָל פרײלײן קלאַרע, אַז זי זאָל פאַרריכטן?

ער האָט געשװיגן און דאָס מײדל האָט זיך צוגעזעצט

נעבן אים.

— דו! דו! — האָט זי אים געצופּט פאַר אַן אויער.

— איר האָט אייך נאָר ליב אויסצופּיינערן! פּיינער מענטש, וואָס איר זענט!

דאָס מיידל איז אויפגעשפּרונגען פון בעט און האָט זיך גענומען עפּעס פאַרריכטן די שטעקשיך, וואָס זי האָט געטראָגן אויף די בלויסע פיס, און ער האָט פאַר זיך דערזען איר קורץ געשוירענעם קאָפּ שווארצע האָר, וועלכע האָבן זיך אַלע אַראָפּ־געלאָזן נאָך פאָרנט־צו איבערן פּנים פונם מיידל.

ער האט זיך נישט געקענט איינהאַלטן, האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, און לייכט דאָס מיידל אַ גלעט געטון איבער די שוואַרצע, געדיכטע האָר.

זיין ריר איז געווען גאָר לייכט, קוים וואָס ער האָט אונ־טער פינגער־שפּיצן געפילט די זיידענע גלאַטקייט פון דעם מיידלס וואַרעמע לאָקן. אָבער דאָס מיידל האָט זיך מיטאַמאָל אַ וואָרף געטון, גלייך ס'וואָלט איר קערפּער אַדורכגעגאַנגען אַן עלעקטרישער שטראָם.

זי האָט זיך אויסגעגלייכט צו איר גאַנצער הויך, און צו־ריקגעוואָרפן מיט אַ בלאָז פון מויל די האָר, וואָס זענען איר געפלויגן אין פּנים אַריין.

— איר זענט אַ גראָביאַן!

זי האָט אים דאָס וואָרט געשליידערט אין פּנים אַריין, ווי אַ פּאַטש.

— אַ גראָביאַן זענט איר! איר פאַרשטייט?

ער איז אויפגעשטאַנען פון בעט, ווי ער איז ביז איצט געזעסן.

— איך האָב דאָך אייך גאָרנישט געטון! — האָט ער זיך גענומען פאַרענטפערן. — און איבריקנס, אויב איר פילט זיך באַליידיקט, ביטע, דער וועג איז פריי! איך האַלט אייך דאָך נישט צוריק!

— שיין, זייער שיין! — האָט אים דאָס מיידל אָפּגעמאָסטן פון אויבן אַראָפּ. — אַזוי באַגייט מען זיך מיט אַ דאַמע! — „ביטע, דער וועג איז פריי!" — האָט זי נאָכגעמאַכט זיין טיפּע שטים,

— איר מעגט זיך שעמען! אַזוי רעדט מען דאָס צו אַ פרייליין? אָ, איך פאַרשטיי, — האָט זי מיטאַמאָל געגומען, ווי דעקלאַמירן אויף דער בינע, — איר מיינט, ווייל איך בין אַן אַקטריסע, איז איינס צוויי און שוין! איר האָט אַ טעות, מיין פריינט! אַלץ יאָ נאָר דאָס נישט, וואָס איר מיינט, מיין הער, דאָס נישט!

דאָס מיידל האָט געענדיקט איר גרויסע דעקלאַמאַציע און איז געשטאַנען גלייך מיט פינקעלדיקע אויגן, ווי זי זאָל וואַרטן, אַז ס'זאָל איצט פאַלן אַן „אַפּלויז"...

— איר האָט שוין געענדיקט?

ער האָט דאָס געפרעגט קיל און געלאַסן.

— יאָ! — האָט זי געזאָגט — איך האָב געענדיקט.

טאָ, זייט אַזוי גוט און גייט אַוועק פון דאַנען! איך וויל איצט ענדיקן לייענען מיין בוך.

— איך וועל גיין, ווען איך וועל עס האַלטן פאַר פאַסיק. איר דאַרפט מיך נישט אַרויסוואַרפן פון דאַנען!

— איר ווילט נישט גיין?

— ניין, ניין, איך וויל נישט גיין! — האָט זיך פאַרעקשנט דאָס מיידל. זי האָט זיך אַ וואָרף געטון אויפן בעט און זיך אַנידערגעזעצט מיט אימפעט, אַזוי אַז דאָס גאַנצע בעט האָט געגומען סקריפען.

— ביטע, איר מעגט זיצן! -- האָט ווערדער געזאָגט.

דאָס מיידל האָט אים געקוקט גלייך אין די אויגן און געשמייכלט.

— איבעריקנס גיי איך אינגאַנצן אַרויס פון צימער. איך וועל וואַרטן אין דרויסן, ביז אייך וועט נמאס ווערן דאָ צו זיין. איך וועל אַריינקומען צוריק, ווען איר וועט שוין זיין אַוועקגעגאַנגען!

— פראָשען באַרדזאָ! פראָשען באַרדזאָ! — האָט געלאַכט

דאָס מיידל. — מיר איז דאָ גוט! אויב איר ווילט אַוועקגיין, איז, ביטע זייער!

ווערדער איז צו צו דער טיר מיט גיכע שריט.

— גראָביאַן! — האָט אים איצט ווידער נאָכגערופן דאָס מיידל, זיצנדיק מיט אַראָפּגעלאָזענע בלויזע פיס אויפן בעט.

ער האָט זיך נישט אומגעקוקט, נאָר אַזוי ווי ער איז געשטאַנען ביי דער טיר מיטן ריקן צום צימער, האָט ער גאַנץ געלאַסן איבערגעדרייט דעם שליסל און פאַרמאַכט די טיר.

— וואָס טוט איר? — האָט זי זיך דערשראָקן?

— ער האָט באַהאַלטן דעם שליסל אין קעשענע.

ער האָט זיך דערנענטערט צום מיידל, וואָס האָט אים מיט אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן געקוקט גלייך אין פּנים אַריין.

— די מאַטינקע — האָט ווערדער פּלוצלינג געזאָגט צום מיידל מיט אַ געמאַכטער רויקייט.

ער איז געשטאַנען פאַר איר בלאַס און ערנסט, און נישט רירנדיק מיט קיין מוסקול אינגאַנצן פּנים.

טו אויס די מאַטינקע!

ער האָט דאָס געזאָגט באַפעלעריש, דראָענדיק.

זי האָט געקוקט אויף אים מיט ווייט אויפגעריסענע אויגן, איר ליפּן האָבן זיך געעפנט און געציטערט.

נו!

ער האָט געפילט, ווי אים שפּאַנען זיך אָן די פינגער און ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן מיט כּח, כּדי נישט איינצוגראָבן זיי אין דעם מיידלס שוואַרצע האָר.

זי האָט געשטאַמלט:

פאַרוואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? נעמט אַוועק אייערע אויגן! איך קען נישט! איך קען נישט! איך קען נישט קוקן אויף אייך! איר האָט אַזעלכע שרעקלעכע אויגן!

זי האָט זיך געבעטן ביי אים:

מיין איינציקער, מיין טייערער! זייט אַ גוטער! איך בעט

אייך ... איך בעט אייך אַזוי שטאַרק, אַזוי שטאַרק! טוט מיר גאָר נישט! מיין איינציקער! איך בעט אייך!

אירע ווערטער זענען אַריבער אינם קלאָגן זיך פון אַ קינד.

ער האָט זי געהאַלטן פעסט אין זיינע אָרעמס און זי איז אים געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער. די הענט האָט זי געהאַט אַראָפּ־געלאָזן, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן נאָך אונטן. די אויגן זענען ביי איר געווען פאַרמאַכט און פון אונטער די אויגן־דעקלעך האָבן זיך גע־קייקלט טרערן.

נאָך איינמאָל האָט זי אויפגעמאַכט די אויגן און האָט אים געפרעגט ביט געבעט:

מוז דאָס זיין, טייערער?

דאַן האָט ער געפילט, ווי פון איר איז פאַרשוווּנדן געוואָרן יעדע לייכטקייט. ער האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט אים אַרויס־פאַלן פון די הענט.

אַן אָנטשלאָסענער האָט ער מיט איר אַ שליידער געטון אויפן בעט.

ט

א שפּיי אין פּנים

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז עס שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג.

ער האָט טיף אָפּגעעטעמט און מיט דער וואַרעמקייט פון דער פרי=זומערדיקער לופט, האָט ער איינגעעטעמט דעם ריח פון די אַקאַציעס.

קלויסטער=גלאָקן האָבן געקלינגען און זייער קלאַנג האָט אים געגלעט מיט ווייכקייט און זומערדיקער צערטלעכקייט.

ער האָט אויסגעשטרעקט פאַר זיך אַ האַנט און דערפילט יענע וואַרעמקייט פון בעטגעוואַנט, וואָס ווערט אַ גאַנצן טאָג באַשטראַלט פון דער זון, וואָס שמעקט דאַן, ווי מיט געטרוקנ=טע בלומען און וואָס האַלט אין זיך די וואַרעמקייט נאָך לאַנג, נאָכדעם, ווי די זון האָט עסאויפגעהערט צו באַשטראַלן.

פון דעם קלויסטער האָבן זיך געטראָגן זינגנדיקע שטי=מען און ער האָט דייטלעך געקענט אונטערשיידן דעם מאָיאָווע קלויסטער=געזאַנג, וואָס ענדיקט זיך מיט אַ כסדרדיקן לאַנג=געצויגענעם רעפריין:

אווע, אווע, אַ — אַ — ווע מ — אַ — ר — י — אַאַ!

אים האָט זיך נישט געוואָלט אויפשטיין פון בעט און ער האָט זיך גענומען אויסציען אַלע אברים, („ראַסטען זיך״, האָט מען דאָס גערופן ביי אים אין דער היים), און צוברומען דערביי

פאַר וווילטאָג מיט געשלאָסענע ליפּן:

— מממ — מ — מ — מ -- מ...

ער איז געלעגן אויפן בעט, אָנגעלענט אויף אַ עלנבויגן; ער האָט געקוקט פאַר זיך דורכן אָפענעם פענסטער, מיט אַ אָנגעזעטיקטער צופרידנקייט, אַ אויסגערוטער, אַ אויסגעשלאָפענער.

דער זייגער אויפן קלויסטער=טורעם האָט אויסגעקלינגען זיבן און ווערדער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט:

— ס'איז שוין שפּעט! מען דאַרף שוין גיין אין גאַר=דעראָב.

ער האָט זיך אויף גיך אָנגעטון און איז אַרויס פון זיין צימער.

דער קאָרידאָר איז געלעגן אַ שטילער, אַ טונקלער, אַ פאַרלאָזענער.

— זיי זענען שוין אַלע אַוועק אין טעאַטער — האָט געטראַכט ביי זיך ווערדער.

ער איז צוריק אַריין אין צימער, האָט פון דאָרט אַרויס=גענומען זיין קליין „רענצל" מיט די „גאַרדעראָבע=זאַכן" און איז פייפנדיק אַראָפּ די טרעפּ פון האָטעל.

אויפן האַלבן וועג שוין צום טעאַטער האָט ער זיך דער=מאָנט, אַז ער האָט נאָך היינט גאָרנישט געהאַט געגעסן און מיטאַמאָל האָט ער דערשפּירט אַ גוואַלדיקן הונגער.

ער איז אַריין אין אַ דערבייאיקן שענקל; ער האָט זיך געהייסן געבן אַ גלעזל שנאַפּס, האָט אויסגעטרונקען און פאַר=ביסן און האָט זיך געהייסן נאָך איינפּאַקן עפּעס אויפן וועג.

— איר זענט פון טיאַטער — האָט אים געפרעגט דער שענקער, אַ דאַר יידל, מיט אַ בילמע אויף איין אויג.

— יאָ, איך בין פון טעאַטער, וואָס איז?

— איר 'עט דאָ מאַכן זייער גוטע געשעפטן! די גאַנצע שטאָט קלויבט זיך היינט צו גיין אין טעאַטער אַריין!

— און איר, איר קלויבט אייך נישט?

— איך גיי שוין נישט — האָט געקרעכצט דאָס יידל. — אָ־בער מיינע קינדער גייען אַלע! זאָשקע! — האָט ער גערופן אין שטוב אַריין — זאָשקע! אַז דו ווילסט גיין, מוזסטו גיין שנע־לער, מען גייט שוין באַלד שפּילן!

זאַריז, זאַריז! וואָס איז? איאַכל נישט פּאַרשפּעטיקן!

ווערדערן איז געפּעלן געוואָרן דער „אינטערעס", וועלכן דאָס יידל האָט אַרויסגעוויזן פאַר טעאַטער און ער האָט זיך מיט אים אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס. ער האָט אים אויסגעפרעגט „וויאַ־זוי סגייען די געשעפטן" און צי ער האָט אַסאַך קינדער?

— קינדער — האָט זיך דער שענקער געקראַצט אונטער דער יאַרמולקע — קינדער, קיין עין הרע, איז דאָ, אָבער פּרנסה איז נישטאָ. דער יקרות וואַקסט, אַ יעדער ביסל סחורה קאָסט גאָלד און ווו האָט איר היינט אַ רעכטן קונה? אַז אַ פּויער היינט = צו = טאָג גייט עפּעס קויפן צו אַ יידן? מען האָט זיי גע־מאַכט „קולקעס מיט קראָפּעטיוון" (קאָאָפּעראַטיוון) און אַלץ נאָר כדי אָוועקצונעמען בײַם יידן ס'ביסל „פּינוסע". שווערע צייטן! גאָר שווערע צייטן! — האָט געקרעכצט דאָס יידל...

— אויב אַזוי, טאָ וועט אפשר קיינער ביי אייך אין שטעטל נישט וועלן גיין אין טעאַטער?

דער שענקער האָט זיך אַזש אַ וואָרף געטון.

— טיאַטער? וואָס הייסט מען וועט נישט גאַיען? טיאַטער דאָס איז גאַנץ עפּעס אַנדערש. אַז ס'קומט שוין צון אונז אַמאָל אין אַ יובל אַ יידיש טיאַטער, גייט די גאַנצע שטאָט. איי וואָס איך גיי נישט? איך שיק אַהין מיינע דריי טעכטער, איז עס געננוג פאַר מיר. זיי דערציילן מיר שוין שפּעטער אַלץ, פון אָנ־הויב ביזן סוף. — נו, און „שטיקע" שפּילט איר עפּעס שיינע? און ווער זינגט דאָס ביי אייך די „שולמית"? האַהאָ, פאַניע איך געדענק נאָך גוט דאָס „שטיק"! ס'איז אַ שיין שטיק, אַ מאָראַליש שטיק! און דער ייד האָט אָנגעהויבן:

— אָ דער ברונעם אָ־דער
אָ די קאַצע אַ־אָ־אָ די־אָ!
ער האָט זיך פּלוצלינג פאַרכליפּנעט אין מיטן זינגען און זיין בילמע אויפן אויג האָט געציטערט.
— נו, איך וועל שוין גיין! — האָט געזאָגט ווערדער, — איך וועל זיך נאָך פאַרשפעטיקן.
ער האָט געוואָלט צאָלן, דער ייד האָט אָבער ביי אים קיין געלט נישט געוואָלט נעמען.
— וואָס זאָל איך עפּעס נעמען ביי אייך געלט? פאַר־וואָס, ווייל איר האָט אויסגעטרונקען אַ גלעזל שנאַפּס און גע־נומען אַ דריי „קאַנאַפּקעס"? יאַקאָש וועט איר מיך נישט בדלות שטעלן.
ווערדער האָט זיך מיט אים געאָמפּערט אַ גאַנצע ווײַלע, אָבער, ווען ער האָט איינגעזען, אַז דער שענקער וויל בשום אופן קיין געלט נישט נעמען, האָט ער אים אַנידערגעוואָרפן אויף דער ליאַדע דעם ערשטן, בעסטן באַנקנאָט, וואָס ער האָט אויף גיך אַרויסגענומען פון טאַש און איז שנעל אַרויסגעלאָפן פון שענק.
ער האָט זיך געלאָזט גיין אַלע מאָל שנעלער, ווייל אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס'איז שוין סיי־ווי זייער שפּעט און ער איז אַ פאַרסאָפּעטער אָנגעקומען פאַרן טעאַטער־זאַל.
ווי פאַרווונדערט איז ער אָבער געווען, ווען ער האָט דערזען פאַר זיך פּלוצלינג דעם שענקער מיט דעם בילמע אויפן אויג, וועלכער האָט פאַר אים אַראָפּגענומען דעם הוט, געבויגן זיך און געווינטשן אַ „גוטן טאָג".
— וואָס מאַכט איר דאָ? ווי אַזוי זענט איר געקומען אַהער נאָך פאַר מיר?
— איך בין געגאַנגען איבערן בריקל — האָט געשמייכלט דאָס יידל. — איך בין דאָך עפּעס אַ היגער, ווייס איך אַ קירצערן וועג...

— נו, טאָ זייט מיר געזונט! — האָט ווערדער שוין גע-וואָלט אַנטלויפן. — איך דאַרף זיך צואײַלן, ס׳איז שוין שפּעט.

יענער אָבער האָט אים אָפּגעהאַלטן.

— פֿאַניע — האָט ער געזאָגט — איר האָט מיר נישט באַצאָלט אין גאַנצן! איר הערט? עס קומט מיר נאָך בײַ אײַך עפּעס!

ווערדער האָט זיך אָנגעבייזערט:

— וואָס ווילט איר? איר האָט דאָך בכלל קיין געלט נישט געוואָלט נעמען?

— וואָס הייסט, איך האָב נישט געוואָלט? איך האָב טאַקע נישט געוואָלט, אָבער איצט וויל איך, אַז איר זאָלט מיך פֿאַרן רעשט געלט אַרײַנלאָזן אין טיאַטער... איר פֿאַרשטייט, — האָט דאָס יידל געמאָלן גיך, גיך, — איך האָב זייער ליב טיאַטער. פֿאַר טיאַטער וואָלט איך אַוועקגעגעבן ס׳לעצטע העמד אַפֿילו. — נו — האָט ער מיטאַמאָל גענומען בעטן און די אויגן האָבן געקוקט מיט געבעט — גיט מיט שוין אַ צעטעלע, פֿאַניע!

— איך קען אײַך באַצאָלן, וויפֿל ס׳קומט אײַך, אָבער קיין צעטעלעך גיב איך נישט! נו וויפֿל קומט אײַך?

בײַם יידן האָט ווידער געציטערט די בורמע.

— אָבער, אַז איך וויל נישט קיין געלט! איך נעם קיינמאָל נישט קיין געלט בײַ די טיאַטער-לײַט, קיינמאָל נישט! איר מעגט אַרײַנקומען צו מיר עסן, ווען איר ווילט, — נו גיט שוין דאָס צע-טעלע, נו גיט שוין אַהער, זייט נישט אַן אײַנגעשפּאַרטער! נו גיט שוין...

ווערדערן איז שוין די גאַנצע דינגערײַ נמאס געוואָרן. ער האָט דעם יידל אַוועקגעגעבן אַן אַלטע „קאָנטראַ-מאַרקע״, וועלכע ער האָט בײַ זיך געפֿונען אין וועסטל-קעשענע און איז גיך אַנטלאָפֿן.

— פֿאַניע, אַ שיינעם דאַנק אײַך, פֿאַניע, — האָט אים נאָכ-געשריען דאָס יידל, — איכ׳ל קומען מיט מײַן ווײַב, ל׳יאַך קומען,

מיר האָבן זייער ליב טיאַטער! אַ שיינעם דאַנק אייך, פּאַניע
— פּשיאַקרעוו! — האָט ווערדער פאַרביסן די ליפּן פאַר כעס,
— אַ געמיינע אויסנוצעריי!

★

— גוטן אָוונט! — האָט ער געזאָגט, דערזעענדיק פאַר זיך דעם דירעקטאָר פּאַגעל, וואָס איז געשטאַנען ביי דער פאַרשפּאַר־טער טיר פון טעאַטער־זאַל און האָט געראָוויכערט זיין פּייקע.

— גוטן אָוונט, הער דירעקטאָר!

דער דירעקטאָר האָט אים פריינדלעך אַנטקעגנגעשטרעקט אַ האַנט.

— אָה! גוטן אָבענט! גוטן אָבענט! דאָברי וויעטשור פּאַנו, פּאַניע ווערדער! ווי געהטס? צאָ סליכאַטש?

— אַ שיינעם דאַנק! גאַנץ גוט!

ווערדער איז צו צו דער טיר פון טעאַטער־זאַל און האָט זי געפּרוווט עפענען.

די טיר איז געווען פאַרמאַכט.

— וואָס איז עפּעס, הער דירעקטאָר?

— וואָס זאָל זיין? גאָר נישט איז!

— אָבער פאַרוואָס איז דער זאַל פאַרמאַכט?

דער דירעקטאָר האָט זיך צעבייזערט:

— פאַרוואָס ס'איז פאַרמאַכט? ווייל וויר הויטע ניכט מער שפּילן ווערדן! ניע בענדזיעמי דזשישאַי מיעלי ספּעקטאַקלו!

ווערדער האָט געפּרוווט אויספרעגן, אָבער דער דירעקטאָר האָט זיך צעבייזערט:

— נאַטירלעכערווייזע — האָט ער געזאָגט קוקנדיק מיט כעס אויף ווערדערן — מוז אַ געשעפט גיין צוגרונד, ווען קיינער אינ־טערעסירט זיך נישט מיט דעם. די הערן אַקטיאָרן קומען אין האָטעל אַריין, לייגן זיך שלאָפן און מען זעט זיי נישט אַ גאַנץ בייענדיקן

טאָג פאַר די אויגן. ווי אַ גוי זאָל מען דען שפּילן? אין שטאָט ווייסט מען אפילו נישט, אַז ס'איז געקומען אַ טעאַטער!

דער דירעקטאָר האָט אים נישט געלאָזט קומען צום וואָרט:

— באַטירלעכער־ווייזע איסט עס זאָ! אַנשטאַט מען זאָל אַרויסגיין אין שטאָט, שיין אָנגעטון מיט די שטעקעלעך אין די הענט, די אַקטיאָרן פון איין זייט הויפּט־פּלאַץ, אַז די מיידלעך זאָלן קריגן די „נכפה" און לויפן ביי נאַכט אין טעאַטער אַריין, ווי די פּאַרסאַמטע מייז, און פון דער אַנדערער זייט די „דאַמען", שיין, פיין, צוגעפּוצט, צוגרימירט, אַז די „יאָלדן" זאָל אויסגיין די נשמה און זאָלן לויפן ביי נאַכט אין טעאַטער אַריין, ווי די משוגענע קאָטערס, זיצט זיך אַלץ אַ גאַנצן טאָג אין האָטעל, פרעסט און זויפט און מאַכט „קוציניו־מוציניו" מיט אַקטריסעלעך און — דער דירעקטאָר האָט געוואָרפן אַ בייזן בליק אויף ווערדערן —· איך האָב אַן איינעם איינעם גראָסען אירטום געהאַבט! אַ זעהר אַ גראָסען אירטום! באַרדזאָשע פּאָמיליעם נאַ פּאַנאַ: פוי איר מעגט אייך שעמען! פוי, פוי, און דריימאָל פוי!

און דער דירעקטאָר האָט אויסגעשפּיגן, האָט זיך אויסגעדרייט און האָט זיך געלאָזט גיין מיט גיכע טריט.

ווערדער איז אים נאָכגעלאָפן:

— אָבער, הער דירעקטאָר, איך פאַרשטיי אייך דאָך גאָר נישט!

— איר מעגט אייך טון געזונטערהייט, וואָס אייער האַרץ גלוסט, מיך אַרט עס נישט! די הויפּטזאַכע איסט, אַז עס זאָל נישט שאָדן דעם טעאַטער. איר מעגט אייך האָבן מיט דער מאַלפּע דער, מיט קלאַרען, אייערע געשעפטן, דאָס אַרט מיך, ווי דער פּאַראַיע־ריקער שניי. איר ווילט צרות אויפן קאָפּ? בכבוד גדול! מיט דעם גרעסטן פאַרגניגן! וואַרום ניכט? איר וועט אייך דאַן קראַצן, נישט איך! אָבער דאָס איז שוין קיין שום „פאָרגעהן" נישט! אין טרופּע טוט זיך דאָך תּוהו! ער וועט דאָך אייך דערהרגענען!

ווערדער איז פּלוצלינג רויט געוואָרן.

— ווער וועט מיך הרגענען? איך פאַרשטיי אייך גאָר נישט!

— נאַ, איר פאַרשטייט נישט, איר פאַרשטייט נישט! — האָט אים נאָכגעקרומט דער דירעקטאָר — וואָס האָט אייך דאָס געטויגט? דער דירעקטאָר האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און גערעדט צו אים מיט פריינדשאַפט:

— איר זענט דאָך עפּעס אַ "טעליגענטער" מענטש? פאַרשטייט איר דען אַליין נישט, אַז דאָס איז נישט פאַר אייך? איר ווייסט, וואָס איר האָט אָנגעאַרבעט? קודם־כל — האָט זיך דער דירעקטאָר צעזינגען מיט אַ ניגון — האָט ער קלאָרען אָנגעהאַקט די ביינער, אַז זי קען נאָך איצט זיך גישט רירן פון אָרט! און געקריגט האָבן זיי זיך, אַז די גאַנצע שטאָט איז זיך צוזאַמענגעלאָפן קוקן, ווי אויף אַ בייז וואונדער! און צו וועמענס קאָפּ גייט דאָס אויס? פאַרשטייט זיך, אַז צו מיינעם! וואָס דען? זיי וועט דאָס עפּעס אַרן? די פּאַיאַצן? איך קאָן אינען נור זאָגן איינס, הער ווערדער: דאָס איז נישט פאַר איבען און לאָזט זאָפּ! איר וועט מיך פאָלגן? רעדט נישט מיט איר אפילו! איר קענט זי נישט אַפילו! וואָס געוועזן, איז געוועזן און גענוג! אָפּגעווישט דאָס מויל און ווייטער געגאַנגען! און מיט אים וועלן מיר זיך יאַקאָש אַן עצה געבן! אַז ס׳געפעלט אים נישט, מעג ער זיך גיין פון טרופּע אפילו היינט! וואָס איז? איר קענט נישט פונקט אַזוי גוט זינגען ווי ער?

דעם דירעקטאָר איז פלוצלינג איינגעפאַלן אַ געדאַנק. ער האָט אַ פּאַטש געטון אין שטערן און האָט געזאָגט אַ פריילעכער צו ווערדערן:

— שאַ, ס׳איז שוין רעכט! איך וועל אים זאָגן, אַז טאָמער זאָגט ער אייך אַ וואָרט, איז ער ביי מיר שוין פון היינט אָן אויס "ליבהאַבער" ביי דער טרופּע! און אויב עס געפעלט אים נישט מעג ער אפילו שוין היינט אַוועקפאָרן! וואָס איז? איר וועט דען זיין אַ שלעכטער "ליבהאַבער"? אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי די מיידלעך וועלן אייך נאָכלויפן! נאָך מער ווי אים, דעם "ניאַדער", דעם!

ווערדער האָט געזאָגט:

— ווער איז דאָס דער „ניאַדער", וואָס איר זאָגט?

— וואָס איר ווייסט נישט? זי וויסן ניכט? דער שניידער־יונג דער! איר ווייסט נישט, אַז באַלאָווסקי איז געווען אַ שניידער? אַ שניידער! זאָלן מיר אַזוי אַלע האָבן היינט אַ גוטן „זבאָר", אַז ער איז געווען אַ שניידער! נאָך וואָס פאַר אַ שניידער! אַ קראַפּניק! אַ וויסטע קאַליקע! און ביי מיר איז ער געוואָרן אַ גאַנצער קנאַקער! האַלט זיך גרויס און מאַכט אוואַנטורעס אין טרופּע! וואָס איז? — האָט זיך דער דירעקטאָר, ווי אויסגעטעטעהנעט מיטן „ניאַדער" — וואָס מאַכסטו טאַקע די געוואַלדעס? וואָס איז? ווערדער האָט דיר אַראָפּגענומען די ריבן פון פּעלד? ער האָט עפּעס מיטן מיידל? וואָס זשע גייט עס דיך אָן? וואָס איז זי דיר דען דיין ווייב, צי אַ כּלה? האָסט מיט איר געשריבן תּנאָים? האָסט מיט איר געשטעלט אַ חופּה?

און דער דירעקטאָר האָט זיך אַזוי אַריינגעשפּילט אין כּעס אויף דעם „ניאַדער", וועלכער איז בכּלל נאָך נישט געווען צו זען, אַז ער האָט פּלוצלינג זיך געלאָזט לויפן מיט אַן אויפגעהויבענעם שטעקן:

— אַ ס'וועט אַ רוח אין דיין טאַטן אַריין! איך ברעכע דיר די ביינער!

— הער דירעקטאָר! הער דירעקטאָר! — האָט אים נאָכגעשריגן ווערדער.

דער דירעקטאָר האָט זיך אָבער אַפילו נישט אומגעקוקט און איז געלאָפן אין גאַס מיטן אויפגעהויבענעם שטעקן.

ווערדער איז אים נאָכגעלאָפן עטלעכע שריט, אָבער ווען ער האָט געזען, אַז יענער שטעלט זיך נישט אָפּ אויף זיין שרייען און רופן, איז ער צוריקגעגאַנגען מיט פּאַמעלעכע שריט צום טעאַטער־זאַל און האָט זיך אָנגעשפּאַרט ביי דער פאַרמאַכטערן טיר.

אויף באַלאָווסקין האָט עס אים שטאַרק באַנג געטון. ער

האָט נאָך געהאַט גוט אין זכרון, ווי ער האָט דעם דאָזיקן שיינעם, שוואַרצן בחור צעבלוטיקט באַלד דאָס ערשטע מאָל פון זייער באַגעגענען זיך. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי יענער האָט אים דאַן אָנגעקוקט מיט זיינע שוואַרצע, גרויסע אויגן, וואָס האָבן געגלאַנצט מיט פייכטקייט, ווי ביי אַ מיידל.

— איך וועל אים איבערבעטן! — האָט ער באַשלאָסן ביי זיך. — אָבער וואָס זאָל איך אים זאָגן? איך קען אים דאָך נישט זאָגן, אַז — אַה, דאָ דיאַבלאָ! — האָט ער אָנגעהויבן שעלטן — וואָס גייט ער מיך אָן! זאָל ער זיך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט!

ער האָט זיך אויסגעשטרעקט צו זיין גאַנצער הויך, ער האָט אַרויסגעשטעלט די ברוסטן און האָט טיף אָפּגעעטעמט.

די זון האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין און ער האָט געזען, ווי זי ווערט פאַרזונקען אין טייך, וואָס האָט געגלאַנצט אין אַלע קאָלירן, האָט שימערירט ווי צעפלאָסענע מעטאַלן, אָנגעהויבן פון שוואַרצן אייזן און געענדיקט אויף ווייס זילבער.

פון דער וויטנס האָט ער געזען אַ טראַטווע, וואָס איז געשווימען פון דער ווייסל. זי איז געקומען אַלע מאָל נענטער און ער האָט געהערט דעם געזאַנג פון די פליסאַקעס. ביים שטראַנד, וואָס האָט זיך געצויגן ביים ברעג פון טייך האָט זיך באַוויזן אַ פור אָנגעפּאַקט מיט יירן און די פליסאַקעס דערזעענדיק זי, האָבן גענומען שרייען:

— גודלאַי! גוד — לאָ — אָ — אָ — י!

דער געשריי האָט זיך געצויגן לאַנג און מיט אַ גרויסער גבורה. ווערדער האָט געזען, ווי דער בעל-עגלה אויף דער יידישער פור האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, געווינקען מיט דעם צו די „פליסאַקעס" אויף דער טראַטווע און אַריבערגעשריגן צו די גוים:

— אַ רוח אייך אין טאַ — אַ — טן אַריין!

— גודלאַיע! גוד — לאָ — אָ — אָ — יע! — האָבן

געענפערט די שקצים פון דער טראָטואַר.

די פור האָט זיך דערגענטערט און ווערדער האָט איצט שוין געהערט ווי די יידן אויף דער פור שמועסן צווישן זיך, קריגן זיך איבער עפּעס, מאַכן מיט די הענט.

אין דעם רויטן אָפּשיין פון דער אונטערגייענדיקער זון האָבן זייערע שוואַרצע קאַפּאָטעס אויסגעזען טונקל־רויט און האָבן געגלאַנצט ווי זיידנס.

— אַ גוטן אָוונט, יידן! — האָט ווערדער אַריבערגעשריגן צו די יידן אויף דער פור.

ניעך טשע שלאַק טראַפּי! זלאָדזשעיו! — האָט אים אָפּגעענטפערט אַ דין, פאַרלעגערט קולכל פון דער פור.

— כאָלערא נאַ טשעבי! — האָבן אונטערגעהאַלטן די אַנדערע יידן. — ווער געלעמט, בענקאַרטסקע דושע!

— ווי — האָ! — האָט דער פורמאַן אָנגעטריבן דאָס פערד און געדראָט מיט דער בייטש צו ווערדערן.

די פור איז פאַרבייגעפאָרן איבערן שטראָז און ווערדער וועלכער איז געשטאַנען אויפן פוסטן פלאַץ, וואָס פאַרן טעאַטער־זאַל, האָט מיטאַמאָל דערשפּירט, ווי דער שטויב, וואָס האָט זיך געטראָגן פון שטראָז, האָט זיך אים איינגעגעסן אין דער נאָז און אין די אויגן.

פון דערווייטנס האָבן זיך נאָך אַלץ געהערט די געזונטע געשרייען פון די פּליסאַקעס:

— גידלאָיע! גודלאָ — אָ — אָ — אָ — האָ — האָ!

דאַן האָט די טראָטואַר זיך פאַרקרומט אויף רעכטס און איז פאַרשוואונדן געוואָרן אונטער די הויך באַוואַקסענע ברעגעס.

— אַ באַדנע פאָלק, אָט אונזערע יידן! — האָט ער געזאָגט צום אַלטן וואַלדמאַן, וועלכער איז געקומען פון דער שטאָט מיט זיין קעסטל שמינקע, — אַרומגעבינדן מיט אַ גראָבן שטריקל.

— אַ מאָדנע פאָלק! — איר הערט, וואַלדמאַן? פאַר פּליסאַ־

קעס, וואָס שעלטן זיי אָן, האָבן זיי זיך פֿאַרנייגט, און העַן איך האָב זיי געווונטשן „אַ גוטן אָוונט“, האָבן זיי מיך אָנגעשאָלטן.

— יאַ, יאַ, זאָ איסט עס! — האָט געקרעכצט וואַלדמאַן.

— זיי האָבן אוודאי נישט דערקענט, אַז איר זענט אַ ייד

וואַלדמאַן האָט זיך אומגעקוקט אויפֿן פּוסטן פּלאַץ פֿאַרן טעאַטער.

— ס'איז נאָך קיינער נישטאָ? — האָט ער געפֿרעגט.

— ניין, איר זעט דאָך!

דער אַלטער אַקטיאָר האָט זיך אויסגעדרייט און האָט זיך מיט אַ קרעכץ אַנידערגעזעצט אויף אַ טרעפּ פֿאַרן טעאַטער-זאַל. ער האָט אַרויסגענומען אַ בלעכענע טאַבאַק-פּושקע, און האָט מיט שטייפֿע, ציטערדיקע פֿינגער זיך גענומען דרייען אַ פּאַפּיראָס. ווערדער האָט געקוקט אויפֿן אַלטנס פֿינגער, וואָס זענען ביז אין דער העלפֿט טונקל-ברוין פֿון די געדרייטע פּאַפּיראָסן, וואָס דער אַלטער האָט כּסדר גערויכערט, און אים האָט מיט אַ מאָל אָנגענומען אַ רחמנות צו דעם אַלטן נע-ונדניק;

— אפֿשר וועט איר נעמען אַ פּאַפּיראָס, הער וואַלדמאַן?

— ניין, איך דאַרף נישט; איך האָב דאָך מיינע! — האָט געענטפֿערט דער אַרטיסט און האָט זיך טיף פֿאַרצויגן מיטן רויך

ער האָט אַרויסגעלאָזט פֿאַר זיך דעם רויך, געקוקט ערגעץ אויף דער אונטערגייענדיקער זון און געשוויגן.

— יאַ, יאַ! — האָט אָפּגעזיפֿצט דער אַלטער.

ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט פֿון דער טרעפּ, ווי ער איז געזעסן, און האָט געקוקט אין גאַס אַריין.

— הער וואַלדמאַן!

דער אַלטער האָט זיך אומגעקוקט.

— וואָס איז?

— גאָר נישט! איר זעט, די זון גייט שוין אונטער!...

דער אַלטער האָט זיך פֿאַרטראַכט:

— ווער ווייסט, צי ס'וועט היינט כאָטש זיין עפּעס אַ

זבאָר? עפּעס זעט מען נישט קיין לעבעדיקן מענטשן... איר ווייסט נישט, ווי אַזוי ס'הייגט אויסגעפאַלן דער „מאָרפּאַרקויף”? ס'זעט אויס דאָ צו זיין עפּעס אַ טויטע שטאָט. יאַ, יאַ...

און וואַלדמאַן האָט אָנגעהויבן דערציילן פון זיינע אַמאָליקע „סוקצעסן”. ווי ער איז דאָס אַמאָל געווען מיטן „טאַטן גאָלדפאַדענען” צוזאַמען אין רומעניע, ווי ער איז דאָרט געווען דער ערשטער „אברהם” ביי „עקדת יצחק”, און ווי ער האָט דאָס מיט איין זינג בעדעקט אַ גאַנצעס אָרקעסטער פון זעקס מאַן, מאַין ליבער פריינט.

— היינט איז שוין ניכט דאַ די צייטן, וואָס אַמאָל! אָ ניין!.

דער אַלטער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטיין ביים וועג אין שטאָט אַריין, און האָט שווייגנדיק געריכערט ווייטער זיין פּאַפּיראָס.

לאַנגזאַם האָבן זיך גענומען ווייזן אויף דער גאַס, גרופּקעס אַקטיאָרן און אַקטריסעס, מיט פּעקלעך און רענצלעך אין די הענט, איינער נאָכן אנדערן, צו צווייט און צו דריט, זעגענען זיך צונויפגעקומען די אַרטיסטן פון דער „טרופּע פּאָגעל”.

מען איז אַרומגעשטאַנען אין רעדלעך, מען האָט גערעדט, געמאַכט „טעאַטער־פּאָליטיקע” און רכילותן און מ'האָט געוואַרט.

— ווען וועט מען שוין עפענען דעם זאַל? — האָט זיך מיטאַמאָל אָנגערופן פרוי פּ ו ט ע ר, די „מוטער־ראָליסטקע”. זי האָט געפירט ביי דער האַנט אירע צוויי קליינע קינדער, וועלכע זענען מיט איר מיטגעפאָרן צוזאַמען מיטן טעאַטער, זי האָט זיי געווישט די פאַרשמירטע בעזלעך און געשאָלטן:

— ביי נגידישע מאַמעס רייסט עס אויס אַזעלכע טייערע, כשרע קינדערלעך און ביי מיר כאָוועז זיך אַזוינע צוויי בענקערטעס.

— וואָס איז אייך דען עמעץ שולדיק? — האָט זיך אָנגערופן אַ יונגע כאָריסטקע. — זיי האָבן זיך דאָך נישט גע־

בעטן צו אייך!

— וואָס איז — האָט זיך צעשריגן פרוי פוטער. — וואָס האָסטו זיך אַריינצומישן צו מײַנע קינדער? מעגסט זיין די כפּרה פאַר זייער מינדסטן נאָגל!

די כאַריסטקע איז איר נישט געבליבן שולדיק קיין ענט=פער און ביידע פרויען האָבן זיך גענומען קריגן מיט קוויטשנ=קע קולות און מיט אַלע מאָל שרעקלעכערע קולות.

ווערדער האָט זיך געפרווט אַריינמישן:

— אָבער מײַנע דאַמען! האָט ער געזאָגט — ס'איז דאָך אַ מיאוסע זאַך! ווי שעמט איר זיך נישט?

— איר מעגט אייך שעמען! — האָט זיך צו אים צע=שריגן פרוי פוטער — איר מעגט אייך שעמען! זע נאַר! ער גייט מיר גאָר זאָגן מוסר! ווער זענט איר דאָס, וואָס איר מישט זיך אַריין צווישן אַקטיאָרן? ווער פרעגט דען ביי אייך? ביי איר, ביי דער סמאַרקאַטער קלאַרע, קענט איר אפשר „פאָ=נירן” (זי האָט געמיינט „איספּאָנירן”) מיט אייער „וויקשטאַלצע=ניע”, אָבער נישט ביי מיר! פעטער מען קען אייך! — האָט זי געשריגן וואָס אַמאָל העכער — מען קען אייך! איר הערט? איך וויל מיר נישט קאַליע מאַכן דאָס מויל, אַנישט וואָלט איך אייך שוין געזאָגט, וואָס פאַרא פּנים איר האָט ביי מיר! וואָס איז? — האָט זי זיך שוין צוגעריקט צו ווערדערן — וואָס איז? איר מיינט מען האָט פאַר אייך מורא? אפשר וועט איר מיך שלאָגן, ווי איר האָט געשלאָגן באַלאָווסקין? רוצח! מערדער! יאָ אַ מערדער זענט איר! און נישט קיין טעליגענטער מענטש! וואָס איז? איר מיינט ס'איז הפקר אַ וועלט? אַזוי טוט מען אָפּ אַ חבר? אַזוי טוט מען עס אָפּ אַ גוטן ברודער? וואָס האָט איר געהאַט צו אים? ער האָט אייך עפּעס געטון, וואָס איר האָט אים אומגליקלעך געמאַכט? איר מעגט אייך שעמען! יאָ טויזנט מאָל מעגט איר אייך שעמען! טפו זאָלט איר ווערן!

און די ייִדענע האָט ווערדערן אָנגעשפּיגן גלייך אין פּנים

אַריין.

ער איז געשטאַנען, ווי אַ צוגעוואַקסענער צו זיין אָרט. ער האָט אַרויסגענומען זיין נאָזטיכל פון קעשענע און האָט זיך אָפּגעווישט דאָס פּנים: דאַן האָט ער זיך צעשטרויכלט, אַוועקגעדרייט און איז אַוועקגעגאַנגען צום שטראָז...

ווי לאַנג ער איז דאָרט געשטאַנען האָט ער נישט געוווּסט. ער האָט געקוקט מיט טעמפּע אויגן אויף די כוואַליעס פון טייך, וואָס האָבן זיך געקייקלט מיט אַ מאָדנער שלעפעריקייט, שטיל און שווער, גלייך ס'וואָלט דער טייך שוין מיד געווען פון זיין טאָג-אַרבעט און פאַרלאַנגט זיך אויסצורוען צוזאַמען מיטן אָנקומען פון דער נאַכט, וואָס האָט אַלץ מער און מער גענומען פאַרהילן אַלץ וואָס אַרום.

ווערדיערן איז געוואָרן שווער אויפן האַרץ, ער האָט געפילט, ווי אים כאַפּט אָן עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכער ווייטיק.

ער האָט איינגעגראָבן ביידע הענט אין די קעשענעס פון רעקל און ער האָט אָנגעטאַפּט מיטאַמאָל דעם בריוו פון זיין פאָטער. ער האָט אים אַרויסגענומען, געפּרוּווט לייענען, אָבער די טונקלקייט איז שוין דערווייל צוגעפאַלן און ער האָט קוים דערזען די ערשטע שורות פון בריוו, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט דער דייטשער אויפשריפט:

— „מיין ליבער, טייערער זאָהן"

ער האָט דערפילט, אַז זיינע אויגן פילן זיך אָן מיט טרערן און ער האָט זיך לאַנג צעוויינט און נישט איינגעהאַלטן.

דאַן האָט ער פּלוצלינג דערהערט אונטער זיך די שטים פון דירעקטאָר פּאָגעל.

— אָט שטייט איר דאָך דאָ! וואָס איז מיט אייך? וואָס גייט איר נישט אַריין זיך אָנטון? מיר פאַנגען דאָך באַלד אָן!

דער דירעקטאָר האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם און אים צוגעפירט צום באַלויכטענעם טעאַטער-זאַל.

VI

פאר קליינע שפיגעלעך

גייענדיק פון ברעג טייך האָט ווערדער נאָך געטראָגן אין זיך דעם האַרבן, פרישן ריח פון וואַסער און פייכטער ערד.

ער איז שטיין געבליבן ביי דער טיר פון גאַרדעראָב און דער שאַרפער ריח פון „מאַסטיקס מיט עטער", דער זיס־לעכער אויפרעגנדיקער ריח פון פּאַרפיום און פודער׳ דער שווערער נודנער ריח פון געשמאָלצענעם שמינק האָט אים פאַרשטעלט דעם אָטעם.

די לופט אין גאַרדעראָב־צימער איז געווען שווער פון די צעהיצטע קערפערס, פון דעם רויך פון די חלבנע ליכטלעך אויפן הילצערנעם נאַקיטן טיש. אַרום טיש זענען געזעסן די מאַנסבילן אין די הויזן מיט אַנטבלויסטע לייבער, די פרויען אין די „רעפאָרמען" און אין העמדער, מיט נאַקיטע אָרעמס, נאַקנס און האַלב־אַנטבלויסטע ברוסטן. אַלע האָבן אַריינגעקוקט אין קליינע שפיגעלעך און געשמירט די פנימער מיט כל־ערליי קאָלירן, מען האָט זיך געגרייט צום „ספּעקטאַקל"

קיינער פון די אַרומזיצנדיקע אַקטיאָרן און אַקטריסעס האָט אפילו נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווען ווערדער האָט געזאָגט זיין „גוטן אָוונט".

ער האָט באַלד דערפילט די שנאה, וואָס די דאָזיקע מענטשן טראָגן אויף אים, דעם פרעמדן, דעם נישט־געבעטענעם.

דאָס האָט זיך אַרייַנגעמישט צווישן זיי; מען האָט ווער־דערן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז אַ פרעמדער צווישן היימישע.

ווערדער האָט געוואַכט מיט די אויגן אַ פרייען אָרט אַרום טיש; אַלע האָבן געשוויגן, קיינער האָט זיך נישט גערירט און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'וועט אים שוין אויסקומען צו וואַרטן ביז אַלע וועלן זיין פאַרטיק: ער וועט זיין דער לעצטער.

דער אַלטער וואַלדמאַן האָט אָבער, זעט אויס, נישט גע־קענט איבערטראָגן די עולה, וואָס עס געשעט ווערדערן. ער האָט שנעל פאַרענדיקט זיין גרים: מיט אַ געניטער שנעלקייט האָט ער זיך צוגעקלעפּט אַ בערדל, געמאַכט אַ צינדערל, איינ־געטונקען אין ברוינעם שמינק, עטלעכע־שטריכן אויפן פּנים און ער האָט ווערדערן אָפּגעטרעטן זיין אָרט.

ווען ווערדער האָט געעפנט זיין שמינק־קעסטל, וואָס איז שוין פון פריער געשטאַנען אויפן טיש, האָט ער געשמייכלט צו זיך אַליין: די פאַרבן זענען געווען אויסגעמישט, צעשמירט, אַנ־דערע אין דער אַנדערער און ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט אים עמעץ פון די אַקטיאָרן אָפּגעטון אַ „שפּיצל״.

— איר זעט וואַלדמאַן — האָט ער זיך איבערגעדרייט צום אַלטן — איר זעט, וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן עס ליגט זיי אין קאָפּ?

— וואָס מאַכט איר זיך פון זיי? נעמט מיין שמינק און פּטור! — מענטשן זאָלן נישט האָבן וואָס צו טון, נאָר יענעם אָפּצוטון נאַרישע שפּיצלעך! ס'ליגט זיי דען אין קאָפּ דאָס טעאַ־טער? אַז זיי האָבן גאָרנישט צו טון גאַנצע טעג, נאָר צו „שפּיליוקען״ און מאַכן קאַטאָוועסלעך! ס'איז נאָר אַ שאָד די טייערע שמינק!

און וואַלדמאַן האָט זיך געווענדט מיט דער פראַגע צום גאַנצן טיש:

— ווער איז דאָס איינגעפאַלן צו טון אַזאַ גרויסע

חכמה.

— קיינער האָט נישט אין זין אַזעלכע נאַרישקייטן!

— האָט זיך איצט שוין אָפּגערופן באָלאַווסקי. — ווען איך ווייס, ווער דאָס האָט געטון, וואָלט איך אים אַליין איבערגעהאַקט די פינגער!

אויך פרוי פּוטער האָט זיך אַריינגעמישט — און איך זאָג, אַז דאָס האָט נאָר געטון מעכעלע, נאָר ער און קיינער נישט! איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז מען דאַרף אים אַרויסוואַרפן! נאָר וואָס־דען? אַז יעדער איז מיט אים אַ גאַנצער „נאַשבראַט". א יונג, אַ זאַרזר, ער איז אין טרופּע צו טראָגן פּעקלעך, צו גיין אַ גאַנג ווען מען דאַרף, אָפּצופּוצן אַ פּאָר שיך — ווער הייסט אייך פּאַר אים עפּעס דערציילן? ער זיצט איבער אין די צימערן ביי די אַקטיאָרן און הערט דאָך אונטער יעדעס וואָרט! ווו קומט אַזאַ סמאַרק זיך צו מישן אין פּאָליטיקע? וואָס אקטיאָרן האָבן צווישן זיך, האָבן זיי זיך דאָך צווישן זיך, און וואָס גייט עס אָן מעכעלען? איר 'עט זען, אַז פון מעכעלען וועט קיין גוטס נישט אַרויס! איר 'עט זען!

און פרוי פּוטער האָט מיט אַ אימפּעט זיך גענומען אָנטון דעם „שייטל" אויפן קאָפּ אין וועלכן זי פלעגט תמיד שפּילן די „יידישע מאַמעס"...

— וואָס זאָגט איר עפּעס, מאַדאַם פּוטער? — האָט זיך אָנגערופן אַ בלאָנדע כאָריסטקע מיט אַ קורץ בערדל און מיט אַ לאַנגער נאָז, וועלכע מען האָט גערופן די „קוואָטשקע".

— ווער האָט דען עפּעס אָפּער מיט מעכעלען? ווער קוקט אים דען אָן? איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען, אַז מעכל זאָל זיך אַריינמישן צווישן אַקטיאָרן!

— זע נאָר, ווי די קוואָטשקע נעמט זיך אָן מעכעלעס קריוודע! זע נאָר, ווי די „קוואָטשקע" האָט זיך צעהיצט! זי מיינט, אַז יעדער האָט איר טבע!

— איר ווייסט פרוי פּוטער — האָט געזאָגט אַ כאָריסט-

קע, וועלכע האָט אין טרופּע געהייסן „סאַלציע מיטן שוסטער־אונטן" — זי גייט דאָך מיט מעכעלען אונטערן אָרעם! ער איז דאָך איר קאַוואַלער, דערפאַר טאַקע נעמט זי זיך אָן מעכעלעס קריוודע! וואָס דען?

— אַהאַ! סאַלציעלע! האָט שוין געעפנט אירע כּשרע לעפצן, סאַלציע, פאַרמאַכ'ן פּיסק!

— סאַלציע, דו וועסט אונז נאָך אַלע פאַרטשאַדן;

— דו האָסט שוין געפּילט אַמאָל, ווי אונזער סאַלציעלען שמעקט פונם מויל? אַז דו שטייסט פון איר דריי שריט קען מען דאָך אומפאַלן!

און דער קאָמיקער ב ר ע ט ל ע ר, אַ דאַרער, צעבראָכענער אַקטיאָר, ביי וועמען די שטשאָקעס האָבן אַרויסגעשטאַרט, ווי ביי אַ מת, האָט זיך גענומען צו סאַלציען.

קינדער! קינדער, איך זאָג אייך, אַז אונזער סאַלציע איז אַ וווילע מיידל. אַי, אַז זי איז געזעסן אין דער היים מיט אַ מילטער באַבאַלעך פאַר דער גרויסער שול? אָבער „טאַלאַנט" האָט זי! נאָך וואָס פאַרא טאַלאַנט! איר טאַלאַנט איז אַזוי גרויס, אַז מען קען הלשן, ווען מען קוקט זי אָן!

דאָ האָט זיך שוין אַריינגעמישט אין געשפּרעך דער כאָריסט גאַרפיין.

דאָס איז געווען אַ ייד אין די זעכציקער, וועלכער איז שוין ביים יידישן טעאַטער געווען אַ יאָר פינף־און־פערציק, אָבער איז אַלץ נאָך געבליבן אַ כאָריסט. ער האָט געהאַט אַ קרום מויל און האָט געטראָגן וואָנסעס להיפּוך צו די אַנדערע כאָריסטן און אַקטיאָרן. ער איז געווען אייביק שיכּור און איז שטאַרק געווען אויף דעם, וואָס ער איז אַ „לעמבעריקער" און וואָס ער איז שוין אַזוי לאַנג „אויפן ברעטל".

— אָזיאַס בענקערט — האָט ער געגעבן אַ ריפּנשטויס דעם קאָמיקער ברעטלער — אָזיאַס, דו הערסט? עכּל דער דערציילן אַ מאַנסע פון סאַלציען, אַז דו וועסט זעך האַלטן ביי די זייטן

איטס שטעלן אַ „האַלבע דריזדע”, (אַ האַלבן ליטער ביר) אָזיאַס בּענקערט! עך זאָל אַזוי לעבן מיט דיר אינאײנעם... און גאַרפּײן האָט גענומען דערצײלן ברעטלערן אַ „מעשה”, אַז סאַלציע איז רויט געוואָרן און האָט זיך פּלוצלינג צעװײנט אויף אַ קול.

— זע נאָר, זע נאָר, ווי זי האָט זיך דאָס „צעפּישט מיט די אײער”! (צעװײנט מיט די אויגן) — האָט זיך אָנגערופן פרוי ראָזענקראַנץ — וואָס איז, סאַלציע? האָט זי געזאָגט זיסלעך און מיט אַ שמײכעלע צו דער יונגער אַקטריסע — מען האָט דיך באַלאָדיקט? (באַלײדיקט) נו, שאַשאַ, קעצעלע, אויף דיר וועט זיך נאָך אויך געפינען אַ בעלן! וואָס זאָגט איר אויף דעם, פּוטער? — האָט זי זיך געווענדט צו איר שכנטע — איך ווײס, אַז אויף אַ יעדן מײדל קומט אַמאָל אַ אויפכאַפּעניש! פריער אָדער שפּעטער, וועט קומען אײנער, וואָס וועט אונזער סאַלציען אויך נעמען!

— שאַט קינדער! האָט זיך אָנגערופן אַ „נעבן-ראַליסט” — וואָס הײסט עפּעס, ס'וועט קומען אײנער און זי נעמען? זאָל זי בעסער דער רוח נעמען!

— אײך זאָל דער רוח נעמען! — האָט זיך אָנגערופן סאַלציע פון אַנדערן עק טיש, ווו זי איז געזעסן צוזאַמען מיט די אַנדערע אַקטריסעס, — ווי קומט איר עפּעס מיך צו באַלײדיקן! וואָס איז? איר קענט מיך? איר ווײסט, ווער איך בין? איך בין אפשר נישט אַ מאַמעס אַ קינד, צו וואָס?

— אַוודאי ביסטו אַ מאַמעס אַ קינד, וואָס הײסט? די ביזט נישט אַ מאַמעס אַ קינד? — גאַרפּײן האָט דאָס געזאָגט מיט אַ פרײלעכער שטים און האָט צוגעדריקט אַן אויג קוקנדיק אויף סאַלציען. — וואָס קומט זי טאַקע צו באַלײדיקן? איך האָב אַלײן געקענט איר מאַמען! זי איז געווען אַ גאָר ווילע יידענע. בײ איר האָט מען באַקומען די בעסטע באָבאַלעך! און אין זומער הײסע קוקורודזעס, „הײסע, הײסע! צוויי פאַר אַ גרײצער”

און דער כאָריסט האָט אָנגעהויבן זינגען:

— פאַר דער שול, מיט א מילטער באָבעס,

איז דיין מאַמאַלע ג-ע-ז-ע-ס-ן

פאַר דער שול מיט הייסע קוקורודזעס,

ווער דו ביסט, טאָרסטו נישט פאַר-ג-ע-ס-ן!

— אַלטער שיכור — האָט אים געזידלט דער אַלטער וואַלד-מאַן, — וואָס האָט איר אייך אָנגעטשעפּעט אינם מיידל? איר מעגט אייך שעמען, איר אַלטער בעלפער, וואָס איר זענט! א גאַנצן אָוונט נאָר סאַלציע, סאַלציע, סאַלציע, סאַלציע! נאָר סאַלציען טראָגן זיי אַרום אין מויל.

דער כאָריסט גינגאָלד האָט מכלמרשט געגעבן רעכט דעם אַלטן וואַלדמאַן.

— טאַקע, וואָס טראָגט איר עפּעס סאַלציען אין מויל? נעמט אייך יעדער אַ שטיק טנופת אין מויל אַריין, דאָס איז גאַנץ דאָס זעלבע.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— נו' גענוג, גענוג! שוין גענוג מיט אייערע געשמאַקע וויצעלעך! שוין גענוג! ס'איז אַ סקאַנדאַל, כ'לעבן, וואָס מען הערט אַזעלכע זאַכן אין גאַרדעראָב! מענטשן זאָלן נישט קענען רעדן וועגן עפּעס אַנדערש, נאָר וועגן אַזעלכע זאַכן!

— ויבא ה — מ — ן — האָט זיך צעזונגען דער קאָ-מיקער.

— ענגלענדער האָט געגומען דאָס וואָרט!

— וואָס איז, חבר מיינער? ס'איז דיר שוין עפּעס נישט רעכט? ס'טוט דיר שוין ווי דאָס קעפּעלע, דאָס טייערע?

ענגלענדער האָט זיך צעבייזערט.

— הערסט, אָזיאַס בענקערט, וואָס איך וועל דיר זאָגן? איך זאָג דיר זאָלסט האַלטן דאָס מויל! דו קענסט מיך דאָך אָ־אָ?

— נו, נו, מיין נישט, אַז מ'האָט זיך דאָ פאַר דיר דער-

שראַקן! וואָס איז? דו מיינסט, אַז דו ביסט דאָ צווישן דיינע גנבים? ביסט דאָ נישט אין ווין, ברודערקע, נאָר אין פוילן און אַזעלכע שטאַרקע, ווי דו, פירט מען ביי אונז אין קייטעלעך! דו הערסט?

ענגלענדער האָט זיך מער נישט אָנגערופן. ברעטלער האָט אים אָנגערירט זיין ווונדעסטן אָרט און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'וועט בעסער זיין איצט צו פאַרשווייגן. ענגלענדער האָט באמת געהאַט „פוטער אויפן קאָפּ" וועגן עפּעס אומלויטערע געשעפטן, וועלכע ער האָט געפירט בעת מלחמה אין ווין. ער האָט נאָר פאַרקריצט מיט די ציין, געטון נערוועיש אַ גלעט זיין לאַנגע נאָז, וואָס האָט ביי אים פאַרנומען אַ האַלבן פּנים און ער האָט געשוויגן.

דערווייל האָט זיך איינער און דער אַנדערער פון די אַרומזיצנדיקע אויפגעהויבן פון טיש. מען איז צו צום גרויסן קופערט מיט די קאָסטיומען, יעדער האָט אַרויסגענומען זיין קאָסטיום, מען האָט זיך צעזעצט אין די ווינקעלעך, וווּ ס'נישט איז אויף קעסטעלעך, קוישן און קופערטעס און מען האָט זיך גענומען אָנטון.

ווערדער איז אויפגעשטאַנען דער לעצטער.

ער האָט אומזיסטע פאַרברענגט, וואָס לענגער מיטן שמינקען זיך, כדי זיך נישט צוזאַמענצוטרעפן מיט די איבריקע אַקטיאָרן ביים גאַרדעראָבע-קופערט, פון וועלכן אַ יעדער האָט געשלעפּט, ווער אַ היסטאָריש העמדל, מיט אָפּגעריבענע גאָלדענע פליטערלעך, ווער אַ פּאָר פאַרשוויצטע רויטע טריקאָטן און אַנדערע ווידער אַ „רוימישן העלם", אָדער אַ היסטאָריש רייפל אויפן קאָפּ.

די סאָליסטן, די הויפּט-אַקטיאָרן האָבן פאַר זיך געווינטלעך אויסגעקליבן דאָס בעסטע. וואָס סאַ'יז איבעריק געבליבן איז געווען פאַר די כאָריסטן, וואָס זענען געשטאַנען אין קאָמביניִרטע קאָסטיומען: אַ פּאָר פּויליש געלע אָדער רויטע שטיוול

מיט שפּאָרן און אַ רוימיש העמדל און אויפן קאָפּ אַ דייטשן העלם אויס פּאַפּע מיט אַ עסטרײַכישן בעאַמטן־שווערד און ברייטע טערקישע הויזן.

פּאָר אַלע כאָריסטן איז אָבער נישט געווען גענוג קאָסטיומען. דאָס זענען געווען די ייִנגסטע כאָריסטן, וואָס האָבן נאָך נישט געקענט זינגען די „כאָרן" און זענען געשטאַנען אויף דער בינע נאָר לפּנים וועגן, מאַכנדיק בלויז מיטן מויל, בעת די אַנדערע, די עלטערע, האָבן געזונגען.

אין ווינקל ביי דער טיר, וועלכע האָט געפירט צו דער בינע, זענען געשטאַנען צוויי אַקטיאָרן און האָבן אייגער דעם אַנדערן געהאָלפן זיך אָנטון די ברודיקע טריקאָטן.

דער „קאָמיקער" ברעטלער איז אַריינגעפּאָרן מיט די בלויזע פיס און פּאַרקאַטשעט ביז איבער די קניען גאַטקעס אין די טריקאָטן. ער האָט זיך דאַן אויפגעשטעלט און דער אַנדערער האָט אָנגעכאַפּט ביי די טריקאָטן אין פּאַס, האָט אויפגעהויבן ברעטלערן און אים מיט אימפּעט געלאָזט פאַלן.

— איצט ברודער האָבן זיך די טריקאָטן אויסגעצויגן אויף דיינע פיסלעך, ווי אַ היטל. וועסט היינט מאַכן פוראָר ביי די מיידלעך, אַז זיי וועלן דערזען דײַנע קרומע פיס.

— וואָס איז? איך האָב נישט קיין שיינע פיס? איך האָב קרומע פיס? זאָגט אַליין, הער ווערדער, צי איך האָב קרומע פיס? דאָס הייסט, קרומע פיס?

ער האָט זיך געדרייט אויפן אָרט ווי אַ שטאָלצער גאָנער און האָט זיך פאַר ווערדערן אַנידערגעשטעלט „נא באַטשנאָשטש", אַזוי אַז דורך די טריקאָטן האָבן זיך גאָר בולט אַרויסגעזען די ביילן פון די פּאַרקאַטשעטע גאַטקעס, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי עפּעס אַ געשווילעכץ אויף דאַרע אויסגעדרייטע, הינערשע פיסלעך.

ווערדער האָט אים אנגעקוקט מיט אַן ערנסטן פּנים און האָט אים געגעבן אַן עצה אַוועקצומאַכן די „ביילן".

- דאַן וועט דער טריקאָט ליגן אויף איַיך ווי, אַן אָנגע-מאָלענער — האָט ער געזאָגט צום אַקטיאָר

— ניין! — האָט אים יענער געענטפערט — ביי מיר מאַכט עס נישט אויס! וואָס מער גוליעס עס וועלן זיך ארויסגיין, דאָס בעסער. משה האָט ליב, אז אַ קאָמיקער זאָל האָבן גוליעס אויף די פיס. איר 'עט זען ווי מען וועט לאַכן, ווי נאָר איר וועט שטעלן אַ פוס אויף דער בינע.

ביים קופערט מיטן גאַרדעראָב זענען נאָך אלץ געשטאַנען די כאָריסטן און האָבן געזוכט פאַר זיך וואָס מער ליאַכעס אום זיך צו מאַכן „היסטאָריש".

די, פאַר וועמען ס'איז שוין נישט געווען גענוג קיין קאָסטיומען, האָבן זיך אַנגעטון „פאָלק-העמדלעך" און האָבן דאַן, אין די לאַנגע געבלימטע העמדער אויסגעזען, ווי טערקן וואָס האָבן זיך אָנגעטון אין „שלאַפראָקן", וואָס קליינשטעטלדיקע יידענעס טראָגן זיי אין די שבת-נאָכמיטאָגן.

— ווו איז ערגיץ מיין בייגל? האָט געשריגן גאַרפיין און איבערגעקערט דעם קופערט פון אונטערשט ביז אויבערשט. ווער האָט מיר אַוועקגענומען מיין בייגל? עך קען דאָך נישט אַרויס אויף דער בינע אָן א בייגל! גיט מער אָפּ מיין בייגל! ווער חאָט גענומען מיין בייגל?

— ווער דאַרף דיינע בייגלעך, אַלטער טרעגער? האָט אים געענטפע.ט אַ אַנדערער כאָריסט, וועלכער האָט אין זיין אַלט טערקישן שלאַפראָק און מיטן פאַריק לאַנגע האָר, וואָס ער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אויסגעזען, ווי אַ אַלטע יידענע מיט איינגעפאַלענע ציין.

— ס'איז דאָ צוויי בייגעלעך אין טרופע, טראָג עך איינעם אויפן קאָפּ און דער צווייטער מוז נאָך זיין אין קופערט. זוך, וועסטו געפונען!

שאַרליק און קאָלין האָבן ביידע זיך איבערגעבויגן וואָס טיפער און פלוצלינג האָט קאָלין אויסגעשריגן מיט טריאומף:

— אָט, האָסטו בייגל! דו זעסט, אַז מען זוכט, געפינט מען יאַקאָש!

— איצט זע איך טאַקי אויס, ווי אַ ירושלימער ייִד — אָ האָט שאַרליק שטאָלצירט מיטן „בייגל" אויפן קאָפּ.

— פּאַניע ווערדער, און איר טוט זיך גאָרנישט אָן? מען דאַרף דאָך באַלד אָנפאַנגען?

אַ שווער אַנטשלאָסענער איז ווערדער צו צום גאַרדעראָב־קופערט און האָט זיך גענומען צוגריפקלייבן זיינע זאַכן. ער האָט די קאָסטיומען אָנגענומען מיט שפּיציקע פינגער, ער האָט זיך געמיאוסט אַרויפצוציען די ברודיקע שמאַטעס אויף זיין נאַקעטן לייב און ער האָט דאָס געטון מיט געפיל פון עקל.

— איז שוין אַלץ פאַרטיק?

דער דירעקטאָר איז אַריינגעפאַלן אַ פאַרסאַפּעטער און האָט מיט זיינע שנעלע אויגן אַרומגענומען אַלץ מיט אַ גע־ניטן בליק.

— יאָ, מ'איז שוין פאַרטיק! — האָט זיך אָנגערופן ברעטלער — מען הויבט שוין באַלד אָן?

— איך ווייס, צי מען זאָל בכלל אָנהויבן שפּילן? אַז מען זעט קיין לעבעדיקן נפש אין זאַל! אין קאַסע איז נאָך נישטאָ אפילו אַ „פּעטשאַטעק"! איר זאָלט זאָגן, כאָטש איין בילעט פאַרקויפט! גאָרנישט! גאָרנישט! אַ טויטע שטאָט! וואָס זאָגט איר וואַלדמאַן? זאָל מען היינט שפּילן?

— מ'עט זיך נאָך צונויפקומען — האָט געזאָגט מיט רויקייט וואַלדמאַן. — ס'איז שטענדיק אַזוי. יעדער וואַרט אויף דער לעצטער מינוט! אָבער מ'עט קומען, מ'עט קומען!

— נו, נו, איך גיי דערווייל צוריק אין קאַסע! אפשר וועט זיך עפּעס מאַכן! איך ווייס? — און דער דירעקטאָר איז אַרויסגעלאָפן און האָט צוגעקלאַפּט אונטער זיך די טיר.

די גאַנצע „טרופּע" איז געזעסן אַרום דעם לאַנגען טיש, וווּ די ליכטלעך האָבן גענומען פאַמעלעך אויסגיין. איבערן

פוסטן צימער האָבן זיך געלייגט ברייטע שאָטנס.

די גאַנצע חברה טעאַטער־מענטשן, וואָס האָבן ערשט מיט אַ ווילדע איבערגעשוימטע מיט פריילעכקייט, איז יעצט געזעסן רויק און פאַרטראַכט, און יעדער האָט ביי זיך נאָכגעקלערט איבער די ווערטער פון טעאַטער־דירעקטאָר, אַז די קאַסע איז פוסט.

אַ מאָדנע טרויעריקייט האָט זיך געלייגט אויף אַלעמענס הערצער, מען האָט געקוקט פאַר זיך מיט ברייט געעפנטע אויגן, אויסגעמיטן איינער דעם אַנדערנס בליק און געשוויגן.

☆ ☆ ☆

אַלעמאָל איז אַ אַנדערער פון די אַקטיאָרן און די אַקט־ריסעס פון דער טרופּע „יאַנקל פויגל„ צוגעגאַנגען צום לאָך אין דעם שטויביקן לייוונטענעם פוירהאַנג און האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן טעאַטער־זאַל, וואָס איז געלעגן נאָך אַלץ אַ רויקער און געוואַרט אויף די געסט, וואָס זאָלן קומען צום „שפּעק־טאַקל״

די נאַפט־לאָמפּן זענען געווען אָנגעצינדן און האָבן באַלויכטן די פּוסטע ווענט פון דעם „סאָקאָל״־זאַל אין אַ קליין גאַליציש שטעטל. די בענקלעך זענען געשטאַנען גלייך אויסגע־שטעלט און זייער נאַקיט ווייס האָט דעם דאָזיקן זאַל אָנ־געפילט מיט קאַלטקייט פון אַ פוסטן קלויסטער.

דער זאַל האָט דערמאָנט יענע גוישע שטיבן אין די סו־טערינעס, וואָס עטעמען מנט עפּעס אַ מאָדנער קילקייט, זויערן קרויט און אָפּגעשטאַנענער מילך. די גאַנצע שורה פּאָרטרעטן פון די פּוילישע קעניגען מיט די קרוינען אויף די קעפּ און מיט סצעפּטערן אין הענט, וואָס האָבן געהאָנגען אויף די ווענט פון „סאָקאָל״־זאַל זענען געווען ענלעך צו די בילדער פון די פאַרשידענע הייליקע, די געקרייצטע יעזוסן און די מאַריאַס מיט צעלאָזענע בלאָנדע האָר און מיט שיקסעוואַטע פּנימער,

וועלכע מען זעט אָפט אין אָרעמע גוישע שטיבן.
עפעס אַ פוסטקייט האָט געבלאָזן פון דעם „סאָקאָל"־זאַל, אַ ווינט פון פרעמדקייט און אָפּגעגרענעצטקייט, ווי דאָס קאָן עס נאָר אַרויספילן אַ ייד, וואָס ווערט פאַרבלאָנדזעט אין אַ קלויסטער.
ווערדער האָט זיך שוין אויף אַ אמת דערפרייט, ווען ער האָט דורכן לאָך פון פוירהאַנג דערזען דעם אַריינקומענדיקן טעאַטער „לאַפּאַזאָן" מעכל, וועלכער האָט זיך גענומען אַרומדרייען איבערן זאַל מיט אַ גאָר ערנסטער מינע פון אַ בעל־הבית; מעכל האָט געוואָרפן אַ בליק, צי די בענקלעך שטייען גלייך און האָט דאָ און דאָרט צוגעבונדן צום אָגלען פון אַ בענקל דעם נומער־צעטל, וועלכער האָט אָפּגעריסן זיך נישט געהאַלטן געגוג פעסט אויפן שטריקל.
מעכל איז אַרויפגעגאַנגען אויף אַ שטיילער לייטער, פאַר גימנאַכטישע „צוויטשעניעס", וועלכע איז געשטאַנען צוגעשרויפט צו דער וואַנט און האָט אויפגעדרייט העכער דעם נאַפט־לאָמפּ ביים אַריינגאַנג אין טעאַטער־זאַל.
דער שיין פון נאַפט־לאָמפּ איז געפאַלן אויף דער סטעליע פון זאַל, ווו ווערדער האָט איצט דערזען פאַרשידענע שטריק מיט הילצערנע הענטלעך, וועלכע זענען געווען צונויפגעבונדן איינער צום אַנדערן און האָבן אַראָפּגעהאַנגען איבערן פוסטן זאַל, ווי עפּעס אומנוציקע און פאַרשעמטע, גלייך ווי איבעריקע איינגאַנצן.
אויף דער פוסטער בינע איז ווערדער געווען אַליין.
די אַקטיאָרן זענען נאָך אַלץ געזעסן אין גאַרדעראָב, געפירט „טעאַטער־פּאָליטיקע, געהרעדט רכילות איינער אויפן אַנדער און זיך געקריגט איבער דעם, וועלכער פון זיי איז בעסער איז עפעס אַ ראָל.
ווערדער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן קעניגלעכן טראָן, וואָס איז געשטאַנען אָנגעגרייט אויף דער בינע צו דער פאַר־

שטעלונג. (דער טראָן, דאָס זענען געווען צוויי צוזאַמענגעריקטע שטולן, איבערגעדעקט מיט אַ בעט-קאָפּע; אַלס דאָס קעניגלעכע פּיסבענקעלע איז געלעגן אַ קעסטל פון אייער, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט אַ פויערשן, געבלימטן קאָפּ-טיכל.)

ער האָט זיך געוואָלט אָפּרוען נאָך די איבערלעבענישן פון היינטיקן טאָג, אָבער פון זאַל האָבן זיך שוין געלאָזט הערן שטימען פון פּובליקום, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צונויפקומען צו דער פאָרשטעלונג.

ער האָט אויסגעריקט מיט דער האַנט אַ שטיקל פון פורהאַנג און האָט אַרויסגעקוקט.

ביי דער טיר איז געשטאַנען די „פּאַניע דירעקטאָראָווע" מיט איר הוט אויפן קאָפּ, אַ גרויס טעשל אין האַנט. זי האָט געהיט מעכעלען, וועלכער איז געשטאַנען און האָט אָפּגענומען די בילעטן ביי די גייענדיקע טעאַטער-געסט.

פּובליקום איז געווען גאָר ווייניק און נאָר עפּעס אונטן אויף די ביליקסטע בענק האָט ער געזען זיצן אַ פּאָר ברייט-ביניקע בעל-עגלות מיט די קאַשקעטן אויף די קעפּ. גאָר פאָרנט אויף דער ערשטער באַנק איז געזעסן זיין באַקאַנטער, דער שענקער מיט דער בילמע אויפן אויג, צוזאַמען מיט זיין יידענע און זיין טאָכטער, וואָס איז געקומען אין טעאַטער אריין אַן אויסגעפּוצטע אין אַ געל זיידן קליידל מיט נאַקעטע אָרעמס און מיט הויכע פאַרשטויבטע שניר=שיך. די יידענע איז געזעסן צעשפּאַרט אין דער ברייט; זי האָט געפּוצט איר טעאַטער-שפּאַקטיוו און זי האָט געקוקט גלייך אויף דעם טעאַטער-פורהאַנג, אויף וועלכן ס'איז געווען אויסגעמאָלן מיט ווייסער פאַרב אַ פוילישער אָדלער אויף אַ רויטן הינטערגרונט.

דער שענקער מיט זיין פאַמיליע זענען דערווייל געווען די איינציקע „ערשטע-פּלאַץ-געסט". די איבעריקע בענקלעך זענען געשטאַנען ליידיק. די בעל=עגלות אין די אונטערשטע בענק האָבן בערייכערט פּיפּקעס און זיך געאַמפּערט מיט מעכעלען,

װעלכער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין טעאַטער טאָר מען נישט רויכערן.

— װאָ! הייסט מען טאָר נישט? — האָט װערדער גע־הערט דורך פוירהאַנג די שטים פון אַ טעאַטער־גאַסט — װאָס הייסט, דו װעסט מיר זאָגן, מען טאָר נישט? װאָס איז? איך האָב אפשר נישט באַצאָלט? אַז ס'געפעלט דיר נישט, מעגסטו מיך „סקאַזשען" אין דער פּאָליציע! אַז איכל אויסרויכערן, װעל איך אויפהערן! און גיי שוין אַװעק, װייל איך פאָר דיר אַריין אין די ציין, אַז די רויטע יויך װעט דיך פאַרגיסן!

מעכל איז אָבער נישט געװען קיין איבערגעשראָקענער. ער האָט אַריינגערופן אַ פּאָליציאַנט, װעלכער זאָל אָנלערנען די בעל־עגלות, אַז אין טעאַטער איז פאַרזאָגט צו רויכערן.

װערדער האָט געזען, װי די בעל־עגלות האָבן אויף גיך באַהאַלטן די פּייקעס און, װען מעכל איז אַריינגעקומען מיטן פּאָליציאַנט, האָבן זיי אים געלאַכט אין פּנים אַריין.

— עפּעס אַ משוגענער! — האָבן זיי געטענהט אויף פּויליש צום פּאָליציאַנט — אַ משוגענער! ער טשעפּעט זיך גאָר, אַז מיר זאָלן נישט רויכערן! װער רויכערט דען? ער איז דאָך אַ משוגענער, ניין פּאַניע קאָװאַלסקי?

דער „פּאַניע קאָװאַלסקי" האָט געמאַכט אַ שטרענגע מינע האָט צוגעװינקען די בעל־עגלות מיטן פינגער און איז אַרויסגע־גאַנגען. די בעל־עגלות זענען שוין װידער געזעסן מיט די פּיי־קעס אין מויל, האָבן געלאַכט פון מעכלען און האָבן אָנגעפּולט דעם טעאַטער־זאַל מיטן שאַרפן ריח פון פּויערישן טיטון.

דאָס פּובליקום איז זיך צוזאַמענגעקומען גאָר, גאָר לאַנג־זאַם. בפרט זענען געװען שװאַך באַזעצט די פאָדערשטע בענק־לעך, אויף װעלכע ס'איז דערװייל בלויז געזעסן איינע אַליין די פאַמיליע פון שענקער. אָבער פּאַמעלעך, פּאַמעלעך זענען צו־געקומען אַלע מאָל פרישע געסט.

אין גאַרדעראָב איז אַריינגעקומען דער דירעקטאָר.

— וואָס זאָגט איר, קינדער? — האָט ער געפרעגט אַן עצה ביי די אַקטיאָרן. — זאָל מען היינט אָנהויבן שפּילן? ס'וועט אפשר קוים טראָגן אויף „שפּעזן"... קיין „מאַרקע" וועט היינט ס'יי ווי נישט זיין...

די אַקטיאָרן האָבן זיך איבערגעקוקט צווישן זיך און האָבן געשוויגן.

— נו, וואָס שווייגט איר? איר ווילט שפּילן — שפּילט, נאָר איר זאָלט צו מיר נישט האָבן קיין שום „פּרעטענסיאָנען"! קיין „מאַרקע" וועט דאַכט זיך נישט זיין און ס'איז אַלץ איינס, צי מען שפּילט יאָ, צי נישט...

דער כאָריסט גאַרפיין האָט זיך אָנגערופן:

— יאַקאָב, דו מאַכסט שוין ווידער קונצעלעך? (ער איז געווען מיטן דירעקטאָר אויף „דו") שוין זאָגסטו, ס'וועט נישט זיין קיין „מאַרקע"! מען וועט זיך אָפּרעכענען נאָך דער פאָר־שטעלונג, וועט מען זען דעם חשבון, וועט מען וויסן, צי ס'איז יאָ דאָ אַ מאַרקע, צי נישט!

אוודאי זאָל מען שפּילן! — האָבן זיך שוין אריינגעמישט די איבריקע — וואָס הייסט, מען זאָל נישט שפּילן? און אַז מען וועט נישט שפּילן, וועט איר אונז געבן מאָרגן אויף אָנ־בייסן!

— טאַקע! און פאַרן האָטעל דאַרף מען דאָך אויך האָבן צו באַצאָלן! אַז מען וועט שפּילן, וועט מען האָבן!

— אָבער קינדער, קינדער, — האָט געשאָקלט דער די־רעקטאָר מיטן קאָפּ און האָט גערעדט מיט זיין זיסער שטים — פּילט קינדער! צוליב דעם האַלט איך דאָך דאָס געשעפט, מען זאָל שפּילן! און אפשר טאַקע, האָט איר רעכט? און אפשר וועט נאָך זיין אַ מאַרקע אויך! אָבער, שפּילט קינדער, שפּילט! ווער זאָגט דען, אַז איר זאָלט נישט שפּילן?!

ווען דער דירעקטאָר איז אַרויסגעגאַנגען פון גאַרדע־אָב האָט זיך אָנגערופן ענגלענדער;

— אַזאַ עקספּלואַטאַטאָר! אַזאַ נידריקער קאַפּיטאַליסט! שוין אין פּאַרויס ווייסט ער, אַז ס'וועט זיך זיין נישט מיט וואָס צו טיילן! וואַלדמאַן! וואַלדמאַן! איר הערט? איר זענט אין אַלעמען שולדיק! איר דאַרפט זיין ביי אַלע חשבונות נאָך אַ פאַרשטעלונג! נישט אַז יאַנקעלע שיקסעניק (אַזוי האָבן די אַקטיאָרן צווישן זיך גערופן דעם דירעקטאָר) זאָל אונז קענען טאַנצן אויפן קאָפּ און מאַכן „לינקע חשבונות". אַ מענטש אַרבעט זיך אָפּ, שפּילט און האָרעוועט אַ יעדע נאַכט, און צום סוף זעט מען זיך נישט מיט אַ „גרייצער"! מען דאַרף אים קוקן גוט אויף די פינגער ביי די חשבונות, וואָס ער מאַכט! ער גנבעט דאָך, אַז ס'איז אַ גאָטס רחמנות! כסדר נאָר געלט און געלט און געלט, און אַז ס'קומט צום טיילן, איז נישטאָ מיט וואָס! וואָס זאָגט איר, פרוי ראָזענקראַנץ?

פרוי פּוטער האָט זיך נאָך די דאָזיקע רייד אומגעקוקט טריומ־פירענדיק איבערן גאַרדעראָב.

אַלע האָבן זיך צערעדט און יעדער איינער האָט געברענגט אַ משל, ווי אַזוי דער דירעקטאָר גנבעט, אַז „ס'גייט אַזש אַ רויעך". צום סוף איז געבליבן, אַז וואַלדמאַן זאָל פון היינט אָן זיין ביי אַלע חשבונות, אַז ס'זאָלן זיך אויפהערן די פוילע שטיק פון יאַנקל שיקסעניק'ן אָס האָט „לעפּקע פינגער", און וואָס מען זעט זיך נישט ביי אים מיט אַ „צעבראָכענעם גרייצער"...

אָבער וואַלדמאַן האָט דעם דאָזיקן כבוד פון אַ „קאָנטראָלאָר" נישט געוואָלט אָננעמען.

— קודם כּל — האָט ער געזאָגט, — צינדט אָן אַ פּאָר פרישע ליכט אין גאַרדעראָב, ווייל מען זעט נישט פאַר זיך די וועלט און דאַן וועלן מיר שמועסן ווייטער.

— טאַקע, וואָס זשאַלעוועט מען עפּעס ליכט? וואָס איז? ער רעכנט אונז דען נישט אָפּ פאַר ליכט אַ יעדע נאַכט?

איינער פון די אַקטיאָרן האָט אַרויסגענומען פון גאַרדעראָב־קופערט אַ פּאָר ליכט און האָט זיי צוגעקלעפּט צום טיש.

— זשאַלעווע נישט! צינד אָן נאָך אַ ליכט! נישט קשה, מיר

צאָלן דערפאַר! ער נעמט זיך אָפּ געגוג ביי אונז פאַרן רעקוויזיט

נאָכדעם אין גאַרדעראָב איז ליכטיקער געוואָרן, האָט וואַלד-מאַן זיך אַנידערגעזעצט צוריק ביי זיין שפיגל און האָט גענומען עפּעס פאַרריכטן ביי זיין „גרים".

— שפּיל נישט דעם „טויבן מאיר"! — האָט געשריגן גאַר-פיין — דו דאַרפסט יעדן אָוונט נאָכזען אין די חשבונות, און דאָס איז עס!

— טאַקע, טאַקע, וואָס איז? מיר דאַרפן זיך לאָזן באַ-גנבענען און שווייגן?

— וואַלדמאַן, פון היינט גענעמסטו איבער דעם קאָנטראָל און פאַרדריי נישט קיין ספּאָדיק!

— זאָל לעבן דער קעניג! האָך!

אַלע האָבן זיך דערשראָקן. דער אויסגעשריי איז געקומען פון דעם פינסטערן ווינקל פון גאַרדעראָב-צימער. דאָרט איז געלעגן אַ הויפן סאָסנעווע צווייגלעך, פאַרשטויבטע און פאַר-געלטע, וואָס זענען דאָרט געבליבן ליגן נאָך פון פאַרגאַנגענעם ווינטער, אַ זכר פונם „סאָקאָל"-באַל, וואָס איז פאָרגעקומען אין קליינשטעטלדיקן קאַרנאַוואַל.

— וואָס איז? וואָס איז? ווער שרייט עס דאָרט?

די איבערגעשראָקענע אַקטיאָרן זענען צוגעלאָפן צום אָרט פון וואַנען דער געשריי איז געקומען.

אויף דעם הויפן צווייגלעך, וואָס האָבן אַמאָל פאַרצירט די ווענט פון „סאָקאָל"-זאַל, איז געלעגן דער כאָריסט גינגאָלד און איז געשלאָפן. אים האָט אַ פּנים געחלומט, אַז ער געפינט זיך אויף דער בינע און עס איז געקומען זיין שטענדיקער רעפּליק, ווען ער פלעגט אויף דער בינע „באַגריסן דעם קעניג"

מען האָט אים אָנגעהויבן וועקן.

— אַ שוואַרץ יאָר אויף דיר, מיט דיין קעניג!

— זע נאָר אַ כח פון אַ ייד, שיכּורט זיך אָן און שרייט אין מיטן שלאָף „זאָל לעבן דער קעניג"!

— שטיי אויף ! שטיי אויף ! אַלטער טרעגער ! שלאָף נישט !

גינגאָלד האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט אָנגעקוקט מיט גלעזערנע אויגן די אַקטיאָרן, וואָס זענען געשטאַנען אַרום אים אין אַ רעדל און האָבן געקייכט פאַר געלעכטער.

— וואָס איז ? הא ? וואָס איז ? שוין געווען דער דריטער אַקט ?

און ער האָט אַ פאַרשלאָפענער און פאַרטאַמלטער זיך גענומען אַראָפּשלעפּן פון זיך זיין „פאָלקס־העמדל"

— וואָס פאַר אַ „מאַרקע" ווער היינט זיין ? שערבלעך פאַרקויף דער מיין מאַרקע ! גיב אהער געלד בערל !

— וואָס טוט ער ? וואָס טוט ער זיך אויס ! טו דיך אָן צוריק ! מען האָט דאָך אַפילו נאָך נישט אָנגעהויבן שפּילן

דער אַלטער האָט נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען.

מיט פאַרשיכּורטע אייגעלעך האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין גאַרדעראָב.

— זע נאָר, ווי ער שלאָפט זיך דאָס געשמאַק אין סאַמע „מיטשקע דערינען"?

— וואָס טוט ער עפּעס דער קעניג, גינגאָלד ? וואָס האָט זיך דיר עפּעס געחלומט גינגאָלד ?

דער כאָריסט האָט גאָרנישט געענטפערט. ער איז ווידער זיך פאַרקראָכן אין זיין ווינקל, האָט זיך אויסגעשטרעקט אויף דער קופּע צווייגלעך און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער שוין ווידער געכראָפּעט מיט אַ אָפענעם מויל.

די אַקטיאָרן האָבן אָנגעהויבן מאַכן זייערע „שטיקעלעך" מיטן שלאָפנדיקן גינגאָלד: זיי האָבן אים אַריינגעשטעקט אַ שטרוי אין דער נאָז, אַריינגעשפּיגן אין אָפענעם מויל אַריין און געקיצלט אים מיט פעדערן אין די אויערן.

— קינדער לאָמיר אים אויסריסן !

ברעטלער האָט דאָס אויסגעשריגן דעם דאָזיקן „פּלאַן"

און שוין איז איינער פֿון די כאָריסטן צו צום אייזערנעם איווע־לע, וואָס איז געשטאַנען נאָך פֿון ווינטער אין א ווינקל פֿון גאַרדעראָב. ער האָט ארייַנגעשטעקט א האַנט דורכן טירל, האָט גענומען סאַדזשע און האָט אויסגעשמירט מיט דעם דאָס פּנים פֿונם שלאָפֿנדיקן כאָריסט.

— אזוי, קינדער! — האָט זיך דער קאָמיקער געקלאַפּט פּאָר פֿרייד איבער די דאַרע פּיס — אזוי! איר'עט זען ווי גינ־גאָלד וועט הייַנט שפּילן „ציגעטאַנג". נאָר איר זאָלט אים גאָרנישט זאָגן, ווען ער וועט זיך אויפֿכאַפּן!

— גיי, וואָס דרייסטו א קאָפּ? ווער וועט דען עפּעס זאָגן?

ברעטלער האָט זיך ארומגעקוקט מיט טריאומף, וואָס זייַן פּלאַן „אויסצורוסן" דעם כאָריסט, האָט זיך אזוי גוט איינגע־געבן.

אלע זענען אים ארומגעשטאַנען אין א ראָד, מען האָט געלאַכט און חוזק געמאַכט פֿונם „אַלטן שיכּור"...

— אלץ ארויף אויף דער בינע! דער כאָר וואו איז? אלץ איז שוין פֿאַרטיק? ארויף אויף דער בינע! מיר הויבן אָן. מוזיק! די אוווערטיור! מיר הויבן אָן!

דער דירעקטאָר, וועלכער איז מיט די אויבנדיקע ווערטער א פּאַרסאָפּעטער ארייַן אין גאַרדעראָב, איז ארויף אויף דער בינע.

— ליכט! שוויאַטלאָ! — האָט ער געשריגן צום שניק, דעם „בינע־מייסטער".

דער כאָר איז ארויף אויף דער בינע, האָט זיך אויסגע־שטעלט אין א האַלבן ראָד און די מוזיק האָט געשפּילט.

— גוראַ! פֿוירהאַנג! — האָט אין א געווויסן מאָמענט גע־געבן א צייכן דער דירעקטאָר.

דער פֿוירהאַנג איז ארויף און דער כאָר האָט אָנגעהויבן זינגען:

„באַגריסט מיט יובעל,
באַגריסט מיט יובעל,
באַגריסט מיט יובעל דעם גראָסען העלד!
יעצט פאַר דעם טראָנע
קומט אים די קר-אָ-אָ-נע,
וייל ער האָט געזיגט אויפן שלאַכט-פעלד“
די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן.

ט״ו

חלום און וואָר

די „סובּרעטקע” קלאַרע איז געשטאַנען הינטער די קוליסן און האָט געוואַרט אויף איר „רעפּליק”.

דער קאָמיקער ברעטלער, וועלכער איז געווען איר פּאַרטנער, איז גראָד אַרויס אויף דער בינע און אים האָט באַגריסט אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטן.

דאָס פּובּליקום, וועלכעס האָט פון תמיד ליב דעם „קאָמעקער”, איז געווען אַנטציקט פון זיין „קאָמישן” קאָסטיום, פון דיר לאַנגער נאָז און זיינע דאַרע פיס מיט די בײַלן, וואָס האָבן זיך איצט געדרייט אין עפּעס אַ טענצל צום טאַקט פון דער מוזיק. ער האָט געטאַנצט מיט אַן אָפענעם מויל, זיינע לונגען האָבן געפּייפט פאַר אָנשטרענגונג און זיינע אויגן זענען געווען אַרויסגעשאַרט מיט אָנגעשטרענגטקייט און האָבן געקוקט מיט אַ טרויער... נאָר זיין פּנים האָט דער יינגער אַקטיאָר פאַרצויגן צון עפּעס אַ משוגעדיקן גרימאַס, ער האָט בשעת־מעשה געשאָקלט מיט די אוירן, געווינקען מיט די אויגן און מיט אַ חיזעריקער אָפּגעמיטשעטער שטים האָט ער געזונגען דעם נאַרישן קופּלעט, ווי דאָס האָט פאַרגעשריבן דער טעקסט. נאָך אַ יעדן סטראָף פון פון דעם לידל האָט ער זיך צעטענצלט און האָט אונטר אַ שטאַרקן אַפּלויז אָנגעהויבן פון דאָס ניי. ווען ער האָט געענדיקט, איז

ער א שווער־אָטעמדיקער אַריין הינטער די קוליסן און האָט דערזען קלאַרען.

— קלאַרע, קום באַלד ארויס! איך האָב שוין קיין כּח נישט! קום אַרויס! ווייל זיי וועלן מיך נישט אָפּלאָזן.

דערווייל אָבער האָט דאָס פּובליקום געשטורעמט. עס האָט זיך געהערט א קלאַפּערײַ מיט די פיס, א ווילד געשריי, „ביס! ביס!" און ער איז אַלעמאָל אַרויס זיך פאַרנייגן.

ער האָט געמוזט נאָכגעבן דעם פאַרלאַנג פון פּובליקום. ער האָט אַרבעטנדיק שווער מיטן האַרץ און מיט די לונגען, אָנגעהויבן א נייעם סטראָף. ער האָט זיך צוגערוקט גאַנץ נאָענט צו דער בודקע פון סופלער, ער האָט אָנגעבויגן דאָס אויער און נאָכגעזוגען וואָרט ביי וואָרט דעם טעקסט פון לידל, פון וועלכן ער האָט געקענט אויסנווייניק בלויז די ערשטע צוויי, דריי סטראָפן.

ער האָט ווידער אָפּגעטאַנצט, איז אַריין הינטער די קוליסן און איז שווער אַנידערגעפאַלן אויף א בענקל.

— פו, פו! — האָט ער אָפּגעטעמט און אויסגעשפּיגן — אַך! האָבן זיי היינט מיך אויסגעמוטשעט! קלאַרע! — האָט ער זיך געווענדט צו דער סובּרעטקע — קום שוין באַלד אַרויס! איך האָב נאָך עפּעס אַ פּאָר ווערטער „פּראָזע", געדענק, זאָלסט נישט פאַרשפּעטיקן דעם רעפּליק, קלאַרע!

און ער איז ווידער אַ שפּרינגענדיקער אַרויסגעלאָפן אויף דער בינע.

אין אַ ווײַלע אַרום איז קלאַרע שוין געשטאַנען אויף דער בינע. זי האָט זיך באַגריסט מיטן קאָמיקער, זי האָט גערעדט נישט מיט איר שטים עפּעס נאַרישע, קינדערישע ווערטער, זי האָט אַרײַנבעלייגט אַ פינגער אין מויל אַריין און געשפּילט אַ „נאַאיווע"

אין אַ געוויסן מאָמענט, האָט זי צוזאַמען מיטן קאָמיקער אָנגעהויבן זינגען אַ „קאָמיש דועטל", ביידע האָבן זיך אַנטקעגנגעטאַנצט, אַנטקעגנגעשפּרונגען, געחויבן פיסלעך, ביז זיי זענען אונטער אַ שטאַרקן אַפּלויס אָפּגעלאָפן הינטער די קוליסן.

אָבער „ביסירן" האָט קלאָרע נישט געוואָלט.

— אָזיאַס! איך קען נישט! — האָט זי זיך געבעטן ביי איר פּאַרטנער — איך קען היינט נישט, איך פיל זיך נישט גוט און איך האָב געדאַנקט גאָט, וואָס איך בין נישט אַנידערגעפאַלן אויף דער בינע.

— נו, נו, דאַרף מען נישט! אַז דו קענסט נישט, דאַרף מען נישט! אדרבא, איז בעסער פאַר מיר! וועל איך זיך ווייניקער דאַרפן מאַכן משוגע!

ער איז נאָך דידאַזיקע ווערטער אַרויס אויף דער בינע, וואו ס'האָט זיך דערווייל געפירט די אַקציע.

ענגלענדער איז געזעסן אויפן קעניגלעכן „טראָן", אַרום אים זענען געשטאַנען די אַקטיאָרן און אַקטריסעס און אַלע האָבן „גע-דייטשעוועט".

עס איז געגאַנגען עפּעס אַ מעשה מיט אַ „גראָסן יידישן העלד זימרי", וואָס האָט באַזיגט די אַראַבער און וואָס האָט קו-מענדיק פון שלאַכט-פעלד אַהיים, געטראָפן זיין ווייב אין די אָרעמס פון אַן אַנדערן. (דאָס איז געווען פרוי ראָזנקראַנץ) באַלאָווסקי איז געווען דער „גראָסער העלד" און ווערדער האָט געשפּילט די ראָל פון „אינטריגאַנט", דעם „שופט" און דעם פאַרפירער פון מאַ-דאַם ראָזענקראַנצ „ערע".

— גוט — האָט געזאָגט דער קעניג־ענגלענדער — גוט, מיי־נע ליבע פריינדע אונד וואַסאַלן! וויר ווערדען דיביידע העלדן משפטען! איך ווערדע אויסהערן וואָס דו האָסט צו זאָגן — ער האָט באַרירט מיט זיין סצעפּטער באַלאָווסקין — און דאַן, וואָס דו זימרי האָסט צו זאָגן, וועגן דיזען ענין! רופוס, מיין פריינד, — האָט זיך דער קעניג געווענדט צו ווערדערן, וועלכער האָט זיך טיף גענייגט — דו ווירסט יעצט פערלאַסן מיין פּאַלאַסט! ווען איך ווער־דע דיך ברויכן צו האַבן, ווערדע איך דיך לאַסן רופן דורך איינעם פון מיינע שקלאַפן! גע יעצט, רופוס, מיין פריינט!

װערדער איז אַראָפּ פון דער בינע, װאַרפנדיק ביים אַרױסגײן אַ בליק פול מיט האַס אױף דעם „גראָסן העלד", באַלאַװסקי.

ער האָט געקריצט מיט די צײן, װי דאָס האָט פאַרלאַנגט זײן ראָל און בלײבנדיק שטײן בײ דער טיר פון „פּאַלאַסט", האָט ער אױסגעשריגן:

„ראַכע, דו יודע! ביטערע ראַכע!"

— מ'האָט דעך אין דר'ערד — האָט זיך פלוצליגג דערהערט אַן אױפגערעגטע שטים פון פּובליקום; — עסט שױן האָבן אַ שװאַרצן סוף!

די דאָזיקע שטים איז געקומען פון די אונטערשטע בענק, װו עס זענען געזעסן די „ביליקע" געסט. אײנער פון די צוקוקער האָט זיך אַפּנים גענומען אַזױ שטאַרק צום האַרצן די עװלה, װעלכע ס'איז געשען דעם „גראָסן יידישן העלד" באַלאַװסקי, אױף װעלכן ס'האָט אינטריגירט דער „רעמישער העלד" רופוס־װערדער.

די אַקטיאָרן אױף דער בינע האָבן זיך קױם אײנגעהאַלטן פון געלעכטער.

דער קעניג-ענגלענדער האָט באַהאַלטן זײן פּנים און זײן רױטן קענעגלעכן מאַנטל און האָט געלאַכט.

— הער אױף צו לאַכן בעלפער! — האָט געשעפּטשעט צום „קעניג" פרױ ראָזנקראַנץ, װו ס איז געשטאַנען די באַענסטע בײ זײן „טראָן". — דו װילסט שױן קאַליע מאַכן די גאַנצע פאָרשטעלונג? — האָט זי גערעדט אין ער שטיל נישט אױפמאַכנדיק דערבײ די ליפּן.

ענגלענדער האָט זיך באַהערשט און צוגעטרעטן צום „משפט":

— מײנע פרײנט און װאַסאַלען! מײן ליבעס פאָלק! — האָט ער אָנגעהױבן מיט אַ „בלעכערנער" שטים, נאָכזאָגנדיק װאָרט בײ װאָרט דעם סופליאָר. — בײדע העלדן זענען טיף

איינגעבאַקן אין אונזערן הערץ פון אַ גוטן אונד געדעכטן קע=
ניג! וויר האַבן דאַ געהערט די אַנקלאַגע פאַן דעם יידישן העלד
זימרי אונד וויר האַבן געהערט, וואַס עס האַט געזאַגט דער
גראָסער רעמישער העלד רופוס. אונזער קעניגליכעס האַרץ, מוז
אַרויסגעבן איין גערעכטעס אורטייל: ר ח ל דו שענע יידישע
טאָכטער! — האָט דער קעניג זיך איבערגעדרייט צו מאַדאַם ראָזנ־
קראַנץ — וואָס האַסטו צו זאָגן צו דער קלאַגע פון אומגעטריי=
שאַפט אין וואַס עס באַשולדיקט דיך דיין מאַן, דער יידישער
העלד זימרי? אבער איך וואַרנע דיך, דו זאָלסט זאָגן נאָר די
וואַרהייט! וואַרהייט זאָל רעדן דיינע צונגע אונד נור וואַרהייט
אָלן פאַרנעמען מיינע קעניגליכע אויערן.

★ ★ ★

אין דער צייט, ווען אויף דער בינע האָט זיך וויטער
געפירט די אַקציע, ווען די „שיינע יידישע טאָכטער רחל״
האָט מיט אַ צוקער-זיסער שטים דעקלאַמירט מיט פּאַטאָס וועגן
דעם „שופט״ דעם „פאַרפירער רופוס״, איז ווערדער געשטאַנען
איינער אליין הינטער די קוליסן.

אויף דער אַנדערער זייט הינטער דער בינע איז געזעסן קלאַרע.
זי האָט די הענט געהאַט אַראָפּגעלאָזן אויפן שויס און האָט געקוקט פאַר
זיך מיט פאַרטראַכטונג. ווערדער האָט געזען איר פּנים, וועלכעס איז
געוואָרן באַלויכטן פון די לעמפּלעך, וואָס האָבן געברענט אויף
דער בינע. ער האָט געזען ווי אירע באַקן בליען דאָפּלט אַזוי
שיין פון אונטער דער ראָזער פאַרב, מיט וועלכער זיי זענען
געווען איבערגעצויגן, אירע אויגן האָבן אָפּגעשיינט פון אונטער
שוואַרצע רענדער און אירע האָר האָבן זיך אָפּגעשלאָגן מיט אַ
טיפער שוואַרצקייט פון דעם ווייס־געפודערטן שטערן.

ער האָט זיך אומגעקוקט און פאַרזיכערט זיך, אַז קיינער
פון די אַקטיאָרן איז נישטאָ הינטער די קוליסן; ער איז צו צו

איר מיט אומהערבאַרע שריט און האָט איר פון הינטן אַ קוש געטון אין נאַקן.

זי איז אָבער געבליבן זיצן גאָר רויק; זי האָט זיך אַפילו נישט איבערגעדרייט צו אים מיטן פּנים און האָט געקוקט ווייטער אויף דער בינע.

אָבער ער האָט געהערט ווי זי האָט שטיל געשעפּטשעט פאַר זיך:

— גיי אַוועק! מען וועט דערזען! גיי אַוועק! באַלאָווסקי קוקט אויף מיר אַלע מאָל פון דער בינע!

— ער זעט נישט גאָרנישט! דאָ איז פולקאָם טונקל! — האָט ווערדער געענטפערט — דו ביזט בייז אויף מיר, קלאַ־ע?

קלאַרע האָט אַ ווײַלע נישט געענטפערט. אויף דער בינע האָט פרוי ראָזנקראַנץ גראָד געענדיקט איר גרויסן רעפּליק אין וועלכן זי האָט פאַרן קעניג אָנגעקלאָגט רופוסן, וועלכער האָט זי „פאַרפירט קעגן איר ווילן", וועלכער האָט זי אָנגעשיכורט און דאַן „אויסגענוצט מיין פרויען־שוואַכקייט" און זי האָט אויסגעלאָזט מיט פּאַטאָס:

— „אַ יידישע טאָכטער ווערט קיינמאָל נישט אומגעטריי איר מאַן! ריין בין איך, ווי אַ קרישטאָל און איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז אַ יידיש קינד בין איך געבוירן און אַ יידיש קינד וועל איך שטאַרבן!"

מיט אַ דונער־אַפּלויז האָט דערויף געענטפערט דאָס פּובליקום. מען האָט געשריגן „בראַוואָ", געקלאַפּט מיט די פיס און געפייפט. בראַוואָ ראָזנקראַנץ! בראַוואָ! בראַוואָ!

די מאַדאַם ראָזנקראַנץ האָט זיך פאַרנייגט פאַרן פּובליקום, פאַרלייגט אירע גראָבע הענט אויף די הויכע ברוסטן און קלאָרע האָט אויסגענוצט די הילכיקע געשרייען, וואָס האָבן פאַרטויבט אירע ווערטער צו ווערדערן:

— דו מאַטערסט מיך — האָט זי געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן — איך האָב צוליב דיר אויסצושטיין פיל ווייטיק!

לאָז גָפ פון מיר, יולעק! לאָז מיך צורו יולעק! — האָט זי זיך געבעטן ביי אים.

ער האָט געוואָלט ענטפערן, אָבער ער האָט דערהערט פּ׳וצלינג פון דער בינע זיין נאָמען:

— רופוס, רופוס! — האָט גערופן דער סופלאָר, אַרויס־קומענדיק פון סופלאָר־קאַסטן — ווערדער! ווערדער!

ער האָט געקנאַקט מיט די פינגער, געבנדיק אַזוי אַרום אַ צייכן, אַז ער דאַרף אַרויסקומען אויף דער בינע.

דאָס פּובליקום, וואָס איז נאָך געשטאַנען אונטערן איינ־דרוק פון מאַדאַם ראָזנקראַנצאַס דרשה וועגן „יידישקייט און גאָט״ האָט אים אויפגענומען מיט אַ פייפעריי.

— ס׳עט דיר אַ רוח אין דיין טאַטן! — האָט געשריגן אַ גאַסט פון די פאָדערשטע בענק, זעט אויס עפּעס אַ רייכער פערד-סוחר, וואָס האָט זיך געקענט פאַרגינען קויפן אַן „ערשטן פּלאַץ״.

— קוק אים נאָר אָן, ווי ער שטייט דאָס מיט זיין „ניע־ווינגע״ פּנים, דער רויטער הונט, דער! — האָט געשריגן אַן אַנדערער.

— רוהע! רוהע! ספּאָקוי! רוהע!

אין טעאַטער־זאַל האָט זיך אָנגעהויבן אַ בעשריי און ס׳האָט געדוערט אַ היפּשע צייט ביז עס האָט אויפגעהערט דאָס רופן וועגן „רוהע! ספּאָקוי! זייט שטיל מען הערט נישט!״ און נאָך אַנדערע אַזעלכע צווישנרופן פון די „טעאַטער־פּאַטריאָטן״.

ווען עס האָט זיך עטוואָס באַרוהיקט האָט באַלאָוואָסקי, אַלס דער „יידישער העלד זימרי״ אָנגעהויבן ווידער זיין טענה צו ווערדערן:

נון, אונד וואָס זאָגסטו יעצט, פערעטערישער רעמער! איז דיר ניכט גענוג, וואָס דו האָסט מיך אומגליקליך געמאַכט, ווען דו האָסט מיך באַרויבט פון מיין פאַרמעגן און דו האָסט מיר צוגערויבט מיינע בריליאַנטן, ווילסטו מיר נאָך איצט צוגע־

מען מיין שענסטן ברילאַנט, די ערע מיינע אונד די ערע פון מיין פרוי רחל? אָ = אָ . אָ — האָט זיך איצט צעוויינגען באַלאָוויסקי — ביין און נימער מער! אונד נון, זאַגע יעצט, וואָס דו האָסט צו זאַגען, געגנאיבער מיינער טייערן געליבטן רחל?

וועררער־רופוס האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ לאַנגער בקשה, וואו ער האָט מיט פאַרשידענע „באַווייזע״ באַמיט זיך צו דערווייזן, אַז די „יידין רחל״ האָט זיך אים געוואָרפן אַליין אויפן האַלדז, „ווערענד איך האָב שפּאַצירט אין דעם גאַרטן פון מײן פּאַלאַסט״...

— זאָלסט אַזוי לעבן! — האָט זיך איצט אַריינגעמישט דער קאָמיקער — זאָלסט אַזוי לעבן, צי דו זאָגסט אַ וואָרט אמת!

דאָס פּובליקום האָט געלאַכט און דער קעניג האָט באַפוילן „רוהע״ צום קאָמיקער.

— דו ווערסט דיך אַריינמישן, ווען דער קעניג וועט דיך פרעגן! — האָט ער געזאָגט צום קאָמיקער.

געענדיקט האָט זיך די גאַנצע סצענע מיט דעם, וואָס רחל נישט קענענדיק איבערטראָגן די ליגנס פון דעם אינטריגאַנט, איז צו צו אים און האָט אים געגעבן אַ פּאַטש אין פּנים.

— דאַ האָסטו! דו רעמישער שופט! — האָט זי דערביי אויס־געשריגן מיט פינקלנדיקע אויגן.

דאָס פּובליקום האָט געקלאַפּט בראַוואָ „דער שענער יידי־שער טאָכטער רחל״ וואָס האָט זיך אַזוי אָפּגערעכנט מיטן „רעמישן שופט״און רופוס איז אַ פאַרשעמטער, צוהאַלטנדיק זיך די באַק אַראָפּ פון דער בינע.

ווען ער האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די בינע־טיר, האָט ער דערפילט, ווי צוויי וואַרעמע אָרמס נעמען אים אַרום און ווי הייסע ליפּן זייגן זיך איין אין זיין מויל.

קלאַרע איז געשטאַנען אין טונקל פון די קוליסן, און האָט אים אָנגעקוקט מיט שטראַלנדיקע, ליבנדיקע אויגן.

— דו האָסט נאָך קיינמאָל נישט אַזוי שיין אויסגעזען אויף

דער בינע, ווי הייגטיקן אָוונט! — האָט זי געזאָגט מיט א ציטערדיקער שטים. — מיין שיינער פּרינץ, מיין גאָלדן יינגעלע! ווי ליב איך האָב דיך! דו!..

און זי האָט זיך מיט אירע הייסע פינגער איינגעקלאַמערט אין ווערדערס נאַקעטע אָרעמס. זי האָט איינגעגראָבן אירע שפּיציקע נעגל אין זיינע הענט און האָט געשטאַמלט:

— דו, דו! מיין איינציקער! מיין שיינקייט! ליכטיקע וועלט מיינע!

— קלאַרע, הער אויף! הער אויף, מען קען דאָך דערהערן! דער אַקט ענדיקט זיך דאָך באַלד און זיי וועלן אונז דאָ ביידע טרעפן.

— זאָלן זיי, זאָלן זיי אונז זען! וואָס האָסטו מורא פאַר זיי?

דאָס מיידל האָט זיך צוגעפּרעסט צו אים מיט איר גאַנצן קערפּער און האָט געשעפּטשעט הייס און שטיל:

— דו קרוין מיינע, ליכטיקע! איך האָב געזען, ווי די מיידלעך פון פּובליקום האָבן געקוקט אויף דיר! זיי האָבן דיך דאָך געפרעסן מיט די אויגן! אָבער איאָ? אַיאָ, דו האָסט נאָר מיך ליב! יולעק טייערער! מיין איינציקער! מיין טייער יינגעלע!

ווערדער האָט זי אָנגעכאַפּט און האָט זי געקושט. זיי האָבן קוים צייט געהאַט אָפּצושפּרונגען פון זיך, ווען ס׳איז אַרויסגעקומען ברעטלער, וואָס האָט שוין געענדיקט זיין ראָל אינם דאָזיקן אַקט.

— נישט־קשה, נישט־קשה, קינדער! האָט ער געזאָגט פאַרבייגייענדיק נעבן די צוויי יונגע מענטשן — נעמט אייך אָפּ פאַר אַלע צייטן.

קלאַרע האָט אים נאָכגעקוקט און אירע אויגן האָבן אויסגעדריקט האַס און פאַראַכטונג.

— אַזעלכע חזירים זענען זיי אַלע! איך וואָלט זיי אַלע

צעריסן! דערהרגעט וואָלט איך זיי, אָט־אָ־די פּאַיאַצן, ד געמיינע!

ווערדער האָט זי געפּרוּווט באַרוהיקן:

— אָבער וואָס רעדסטו, קלאַרע? ס'זענען גאַנץ גוטע מענטשן, חברים, נאָר אַביסל פאַרדאָרבן זענען זיי, ווי קינדער, וואָס האָבן ניט איבער זיך קיין מאַמען, וואָס זאָל זיי אָפּהיטן.

קלאַרע האָט אים געדאַנקט מיט די אויגן און געקוקט אויף אים מיט באַוואונדערונג.

— ווי גוט דו ביסט! און ווי אויף אַלעמען האָסטו עפּעס אַזעלכע שיינע ווערטער! איך וואָלט נישט געקענט אַזוי רעדן, ווי דו!

זי איז אָפּגעטרעטן אַ האַלבן שריט צוריק און האָט אים אָנגעקוקט ווי אַ מאַמע, וואָס האָט הנאה פון איר געראָטן קינד:

— ווי איך האָב דיך ליב, יולעק! דו ווייסט גאָרנישט!

— שטיל, זיי גייען שוין אַלע אַראָפּ פון דער בינע. דער אַקט איז שוין געענדיקט.

מיט איטפּעט האָבן זיך די אַקטיאָרן און אַקטריסעס גע־לאָזט אַראָפּלויפן אין גאַרדעראָב. אויך ווערדער איז מיטגעגאַנגען מיט זיי, ווייל ער האָט גיישט געוואָלט מען זאָל אים זען צוזאַמען מיט קלאַרען.

★ ★ ★

דאָס מיידל אָבער איז געבליבן זיצן איינע אַליין הינטער די קוליסן. דאָס ליכט אויף דער בינע איז שוין ווידער געווען פאַרלאָשן און נאָר דורך די צוויי לעכער אין פאָרהאַנג איז אריין אַ ליכטיקער שטראַל פונם זאַל.

פון זאַל האָט זיך געטראָגן דער רעש פונם פּובליקום:

דאָס האָט זיך געשטופּט צו דעם איינציקן דורכגאַנג, „אָפּעטעמען אַביסל" בעת דער הפסקה.

וואָס מיט איר איז, האָט זי זיך נישט פאַרשטאַנען אָפּ־צוגעבן קיין דין וחשבון. זי האָט געפילט, אַז עפּעס גייט מיט איר פאָר נישט־געוויינטלעכעס, אָבער וואָס? זי האָט דאָס נישט געקענט פאַרשטיין.

זייט א צייט האָט זי אָנגעהויבן שלעכט אויסזען; די באַקן זענען ביי איר איינגעפאַלן און ווען זי האָט זיך אָוונט אין גאַרדעראָב אָנגעקוקט אין איר קליינעם שפּיגעלע, האָט זי געזען ווי זי האָט עפּעס גרויסע רעדער אונטער די אויגן. זי איז שלעכט געשלאָפן, האָט זיך אָפט אויפגעכאַפּט מיט אַ גע־שריי אין מיט נאַכט: און האָט דאַן מיט שרעק אויפגעדרייט דאָס עלעקטרישע ליכט אין האָטעל־צימער. אויך אין טרופּע איז מען לאַנגזאַם געוואָרן אויפמערקזאַם אויף דער פאַרענדערונג, וואָס איז מיט איר פאָרגעקומען. די חברטעס האָבן זי ווי תמיד, ווען מען איז געקומען צופאָרן אין אַ ניי שטעטל געשלעפּט שפּאַצירן, אַ ביסל זיך דורכגיין אויפן „קאָרזאָ" און אָנקוקן די „יאָלדן", די נאַרישע יונגעלייט פון די קליינע שטעטלעך, אָבער קלאַרע האָט זיך לעצטנס כסדר אָפּגעזאָגט פון דאָזיקן פאַרגע־נוגן.

פריער איז זי געווען די ערשטע שטיפערקע צו אַזעלכע זאַכן. די אַקטיאָרן, צווישן זיך, האָבן שטענדיק געריימט קלאַרען, אַז זי איז אַ ווויל מיידל, אַז זי פאַרשטייט צו מאַכן אַ לאַך און אַ שטיף, „צו פאַרדרייען אַ יאָלד דעם קאָפּ", אָבער וואָס ד אָ ס אַנבאַלאַנגט, האָבן זיי געזאָגט מיט דרך ארץ און מיט אַ וועלטענעם ערנסט — ד אָ ס נ י ש ט!

— איך קען געבן דעם קאָפּ פאַר קלאַרען! — האָט נישט איינמאָל געזאָגט דער אַלטער וואַלדמאַן — און קינדער! — פלעגט ער דאַן צוגעבן — ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס אַזאַ מיידל ווי קלאַרע, זאָל זיין ביים טעאַטער! אַ גרויסער שאָד!

— זאָרגט אייך פאַר קלאַרען! — האָט דאַן צוגעגעבן אַ אַנ־דערער מיט איבערצייגונג — זאָרגט נישט וועגן איר! איר'עט זען, אַז צוליב איר אָרנטלעכקייט וועט זי נאָך חתונה האָבן מיט עפּעס אַ דאָקטאָר! וואָס מיינט איר טאַקע? אַ יאָלד האָט נישט קיין אויגן? ס'עט קומען איינער און וועט זי נעמען אזוי ווי זי שטייט און גייט! וואָס איז? זי איז נישט שענער און בעסער ווי טוי־זענטער "יאָלדעווקעס"

קלאַרע האָט געוואוסט וועגן דעם גוטן שם, וואָס זי האָט געהאַט צווישן די אַקטיאָרן.

זי האָט נישט איינמאָל געהערט אין האָטעל, ווען זי איז איינע אַליין געווען אין איר צימער, ווי אין דער אַנדערער שטוב שמועסן זיך אויס די אַקטיאָרן וועגן איר. מען האָט איר אויך אָפט אָפּערדערציילט, ווי איינער אָדער דער אַנדערער פון די אַקטיאָרן און אַקטריסעס רעדן וועגן איר און קיינמאָל האָט מען איר נישט איבערגעגעבן אַ שלעכט וואָרט וועגן איר. אַלע האָבן זי ליב געהאַט, אַלע האָבן איר נאָכגעזאָגט בלויז גוטס און זענען צו איר געווען פריינדלעך — גאָר אַנדערש, ווי צו די איבעריקע „דאַמען" אין טרופּע, אויף וועלכע מ'האָט "אויסגערעדט די שמד" און „אויסגעמישט זיי מיט דער בלאָטע"

— וואָס איז איצט עפּעס געוואָרן מיט מיר? — האָט זי זיך געפרעגט און זי האָט נשט געוואוסט דערויף קיין ענטפער.

דאָס פּנים האָט ביי איר געפלאַמט און זי האָט געפילט אַ מאָדנעם שטעכעדיקן שמאַרץ אין די שלעפן.

— אפשר בין איך קראַנק? — האָט זי זיך אַליין געפרעגט

— גאָטעניו, אפשר בין איך קראַנק?

זי האָט זיך דערשראָקן אויף טויט.

זי האָט מורא געהאַט קראַנק צו ווערן, ווייל דאַן האָט זי געוואוסט, וועט זי געבליבן איינע אַליין ערגעץ אין אַ גוישן שפּיטאָל אין אַ פרעמדער שטאָט.

די טרופּע וואָלט אַוועקגעפאָרן און זיי וואָלטן מיך איבערגעלאָזט איינע אַליין, אַ קראַנקע צווישן פרעמדע מענטשן.

— סיידן — האָט זי וויטער געטראַכט — ווערדער! ער וואָלט מיך דאָך נישט איבערגעלאָזט! ער איז אַ גוטער, ער האָט אַזעלכע שיינע אויגן — ניין, אַלע טאַקע יאָ — און ער נישט! ער וואָלט געבליבן ביי מיר!

און דאָס מיידל האָט זיך שוין געגומען אויסטאָלן אין איר פאַנטאַזיע, ווי זי ליגט אין אַ גרויסן, ווייסן צימער, אויף אַ ווייסן, קלאָרן בעט און איז קראַנק.

זי ליגט אָפּ אַ שעה, צוויי, דער קאָפּ טוט איר וויי, די שלייפן שמאַרצן, — אָט טאַקע ווי איצט — און זי קוקט כסדר אויף דער ווייס-לאַקירטער טיר, צי ער קומט שוין נישט... זי וואַרפט זיך אויפן בעט, זי דרייט זיך אום צו דער וואַנט, זי שלאָפט איין און אָט חלומט זי שוין אַזעלכע שיינע חלומות: זי גייט צוזאַמען מיט אים אויף אַ וויטן פעלד, פול מיט זאַנגען, זיי שפּאַצירן צוזאַמען, ווערדער דערציילט עפּעס אַזעלכעס שיינס און גוטס — ער קען דאָך אַזוי שיין רעדן! — און זי בויגט זיך אָן אַלעמאָל, לאַכט און רייסט אָפּ אַ בלימל, אַ בלאָס, אַ „בלאַוואַטעק" און זי מאַכט דערפון פאַר אים אַ שיינעם, בלויען בוקעט. און ער נעמט זי אָן פאַר אַ האַנט — ער האָט אַזעלכע שיינע גלאַטיקע הענט! — ער קוקט איר אין די אויגן אַריין און ער זאָגט:

— איך האָב דיך ליב, קלאַרע! איך האָב דיך ליב אָן אַ צאָל!

— און איך שטאַרב נאָך דיר יולעק! — וועט זי אים ענטפערן. — איך גיי אויס נאָך דיר, לעכטיקער פּרינץ מיינער!

און ער וועט זי אָננעמען מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ און וועט זיך אָנבויגן צו איר און וועט זי קושן לאַנג און פול מיט ליבשאַפט...

— אַזוי וועל איך חלומען — האָט געקלערט ביי זיך קלאַ.

רעי — אזוי וועל איך חלומען ליגנדיק אין שפּיטאָל. און מיט אַמאָל איך מאַך אויף די אויגן, ווער זיצט דאָס נעבן מיר?

— דו ביסט עס, יולעק, — וועל איך פרעגן מיט א שוואַכער שטימע, ווי עס פרעגט טאַקע אַ קראַנקע.

— יאָ, איך בין עס, קינד מיינס! איך האָב דיך געקושט און דו האָסט זיך אויפגעכאַפּט.

— פילסט זיך שוין בעסער?

— יאָ, אזוי לאַנג דו ביסט ביי מיר פיל איך מיך זייער גוט! בלייב, גיי נישט אַוועק מיין טייערער!

— אָ=אַזוי וועט דאָס זיין! האָט געקלערט ביי זיך קלאַרע און זי האָט געשמייכלט צו זיך אליין.

— איך וואָלט שוין וועלן קראַנק ווערן אויף אַן אמת! — האָט זי געטראַכט ביי זיך.

★ ★ ★

זי האָט זיך אומגעקוקט.

אויף דער בינע איז נאָך אַלץ געווען טונקל.

— פאַרוואָס הייבט מען שוין נישט אָן שפּילן? — האָט זי זיך געפרעגט. — אַך, ווען מען וועט אָנהויבן, וועט מען מיך שוין רופן.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אין טונקלסטן ווינקל און זי האָט פאַרמאַכט די אויגן. זי האָט זיך געפילט זייער מיד.

זי האָט געזען פאַר זיך ווי אויף דער וואָר, ווי ווערדער איז צום ערשטן מאָל געקומען אין טעאַטער אריין.

דאָס איז געווען נאָך אין קראָקע. עס איז געווען פאַר אַ פאָרשטעלונג און זי איז געשטאַנען ביי דער קאַסע אין פאָרהויז פון טעאַטער־זאַל. אין דער קאַסע=בודקע איז געזעסן דער דירעקטאָר אין זיין שוואַרצן „סורדוק”, וועלכן ער האָט תמיד געטראָגן

ביי אַ פֿאָרשטעלונג און אין װעלכן ער האָט אויסגעזען, װי אַן אויסגעשטאָפּטער זאַק ריס.

מיט אַמאָל קומט אַריין עפּעס אַ פֿרעמדער. אַ דאַרינקער איז דאָס געװען, אַ באַװאַקסענער מיט איינגעפֿאַלענע באַקן. נאָר אויגן האָט ער געהאַט שיינע, דאָס האָט קלאַרע באַלד דערזען, זיי האָבן געלויכטן אין די טיפֿע אויגן-גריבער, װי צװיי ליכטיקע פֿלאַמען.

ער טרעט צו צו קלאַרען, ער נעמט אַראָפּ דעם הוט און פֿרעגט, צי קען ער רעדן מיטן דירעקטאָר.

— אָט-אָ-דאָ איז דער דירעקטאָר — האָט קלאַרע אָנגעװיזן אויף דער קאַסע.

— אַ דאַנק.

און דער פֿרעמדער מיט די שיינע אויגן איז צו צום קאַסע-פֿענסטערל און האָט געפֿרעגט:

— צי האָב איך דעם כּבֿוד מיטן הער דירעקטאָר?

— יאַ, איך בין דער דירעקטאָר!

— איך װאָלט װעלן אַריין אין אייער טעאַטער!

— ביטע! — זאָגט דער דירעקטאָר — װעלכן פּלאַץ װאָלטן זי? פּאַטעל, אָדער ערסטן?

— ניין, איך װיל װערן אַ אַקטיאָר ביי אייך!

— אַ אַקטיאָר? — ניין, איך האָבע מיינע אייגענע שוי-שפּילער! איך ברויך ניכט צו האָבן קיינע אַקטיאָרן! יאַ ניע פּאַטשע-בויען אַקטיאָרוװ!

דער הער האָט זיך אָװעקגעדרייט און געװאָלט אַװעקגיין, אָבער קלאַרע האָט אים אויפֿגעהאַלטן.

— װאו גייט איר? איר מעגט דאָך בלייבן און אָנקוקן די פֿאָרשטעלונג — האָט זי געזאָגט צו אים. — אַ יעדער אַק-טיאָר האָט אַ רעכט צו קומען אומזיסט צו אַ פֿאָרשטעלונג.

זי האָט דאָס געזאָגט האַלב צו דעם פֿרעמדן גאַסט און האַלב צו דעם דירעקטאָר.

— יאַ, אײנע פֿאָרשטעלונג, קענען זי זיך אַנשויען! יאַק,

פאַן כּבֿוד! גאַטירליך, ווען זי זיגט איין אַקטיאָר! ווי האָט איר שוין געשפּילט? — האָט געפרעגט דער דירעקטאָר.

דער גאַסט האָט זיך אומגעדרייט פון דער טיר און האָט אָפּגעלאָזט די קליאַמקע.

— איך בין נישט קיין אַקטיאָר — האָט ער געזאָגט — איך בין אַ מעדיצינער; איך שטודיר מעדיצין אויף דעם היגן אוניווערסיטעט; אָבער איך וויל גיין צום יידישן טעאַטער.

— אַ מעדיצינער? אַ דאָקטאָר? — האָט זיך פאַרווונדערט דער דירעקטאָר.

און קלאַרע איז צו צום גאַסט און האָט אים אַריינגעפירט אין ליידיקן טעאַטער-זאַל.

— וואַרט דאָ אויס אַ רגע! איך וועל באַלד צוריקקומען.

מיטן דירעקטאָר האָט זי געהאַט אַ לאַנגן געשפּרעך. איר האָט שטאַרק באַנג געטון, וואָס אָט-אָ-דער יונגערמאַן, וואָס זעט נעבעך אַזוי שלעכט אויס און וואָס איז אַ „געשטודירטער" זאָל אַוועקגיין מיט גאָרנישט.

זי האָט גענומען איבערצייגן דעם דירעקטאָר, אַז אַ „אינטעליגענטער מענטש קען תּמיד צונוץ קומען ביי אַ טרופּע" און איבריקנס, וואָס ווערט איר דאָ אָן? אַז ער וועט נישט טויגן, קען מען אים נאָך תּמיד אַרויסשטרן פון טרופּע.

דער דירעקטאָר האָט זיך געלאָזט איבעררעדן.

קלאַרע האָט אַרויסגערופן דעם יונגנמאַן פון דעם ליידיקן, טונקלען טעאַטער-זאַל און האָט אים צוגעפירט צוריק צום דירעקטאָר.

— איר האָט שוין אַ סך געזען טעאַטער? — האָט געפרעגט דער דירעקטאָר.

— יאָ, איך האָב זייער אָפט באַזוכט דאָס טעאַטער. איך האָב אַפילו געשריבן טעאַטער-קריטיקן פאַר די צייטונגען...

— אַזוי גאָר, זענט איר דאָך אַ קריטיקער, אַ ליטעראַט?

זי האָט געקוקט מיט דרך-ארץ אויף דעם באַוואַקסענעם גאַסט

און האָט געטראַכט ביי זיך:

אָבער אויגן האָט ער שיינע! ווי ביי אַ קינד! ווי בעמט דאָס אַ מענטש אַזעלכע שיינע אויגן?

און ווען דער דירעקטאָר האָט געגעבן דעם גאַסט אַ וויזיט-קאַרטע מיטן אַדרעס פון האָטעל און האָט אים געבעטן צו קומען דעם אַנדערן טאָג זייגער 10 צו פראָבע, האָט קלאַרע געקלערט ביי זיך:

— און ווען די גאַנצע וועלט גייט אונטער — ס'איז אַ שיין יינגל! און איך וועל נאָך רעדן מיט אים!

זי האָט זיך ווייטער דערמאָנט, ווי זי האָט וועררערן אָפּגע-וואַרט אין גאַס, זי האָט אים געזען אַרויסגיין אין האָטעל אַריין, זי איז אים נאָכגעלאָפן און זי האָט אים באַגעגנט אין טונקלע קאָרידאָר...

זי האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אין דעם, וואָס איז פאָרגע-קומען צווישןביידן ערשט היינט אין דער פרי...

ער האָט מיך פאַרכישופט, נאָר ער האָט מיך פאַרכישופט!

און דאָס מיידל האָט אויסגעשטרעקט די הענט, האָט זיי אויסגעצויגן פאַר זיך און צוגעדריקט די הענט צו אירע קליינע, האַרטע ברוסטלעך.

— דו שיינער מיינער! דו וועלסט מיינע, ליכטיקע!

איר האָט באַנג געטון, וואָס זי איז געווען צו אים אַזאַ שלעכטע דעם גאַנצן היינטיקן אָוונט. זי האָט זיך נישט געקענט מוחל זיין, וואָס זי האָט זיך דערשראָקן פאַר באַלאָוואָסקיס דראָונגען און זי האָט וועררערן אַפילו נישט אָנגעקוקט דורך דער גאַנצער צייט, וואָס זי איז געווען אין גאַרדעראָב.

— איך וועל צוגיין צו אים און פאַר אַלעמענס אויגן וועל איך געבן אין גאַרדעראָב אַ קוש! און זאָל דאַן זיין, וואָס עס וויל.

י האָט זיך אויפגעהויבן אַן אַנטשלאָסענע און זיך גענומען גיין צו דער טיר פון גאַרדעראָב.

א שטאַרקער קלאַפּ האָט זי איבערגעשראָקן.

די טיר האָט זיך געגעבן אַ פּראַל אויף און עפּעס אַ געשטאַלט אין אַ „היסטאָריש פֿאָלקס־העמדל" איז אַריין הינטער די קוליסן.

— וואו איז אַ שטעקן? גיט מער אַ שטעקן! לאָמיך זיי הרגנען! — האָט געשריגן גינגאָלד.

קלאַרע האָט אים אָפּגעשטעלט און האָט אים געפרעגט, רוהיק און מיט אַן איינגעמענדיקער שטים:

— וואָס איז, גינגאָלד? וועמען ווילט איר „הרגנען"? וואָס דאַרפט איר אַ שטעקן?

דער כאָריסט האָט זי אָנגעקוקט:

— דו ביסט עס, קלאַרע? דו זעסט, וואָס זיי האָבן פון מיר געמאַכט? דו זעסט?

— וואָס? איך פאַרשטיי אייך נישט?

— אָט זע!

ער האָט אויפגעדרייט דאָס ליכט אויף דער בינע.

— קום אהער קלאַרע, קוק מיך אָן!

קלאַרע האָט אים אָנגעקוקט און האָט זיך צעלאַכט.

זיין פּנים איז געווען אויסגעשמירט מיט סאַדזשע און נאָר זיינע קליינע פאַרשיכורטע אויגן האָבן זיך אַרויסגעזען מיט מורא־דיקע ווייסלען.

—כאַ = כאַ! כאַ = כאַ = כאַ! — האָבן געלאַכט די אַקטיאָרן, וואָס זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן אויף דער בינע.

— אָבער מיר האָבן דיך אויסגערוסט?

— נו, גינגאָלד! איז עפּעס גוט צו שפּילן „ציגנענטאַנג"?

אזוי האָבן זיי זיך גערייצט מיט גינגאָלדן, וואָס איז געשטאַנען צווישן זיי אַן אומגעלומפּערטער או נישט געוואוסט, וואָס צו טון מיט זיך.

ביז קלאַרע האָט אים גענומען אונטערן אָרעם.

— קומט גינגאָלד, קומט, איר וועט אייך אָפּוואַשן.

— הערט שוין אויף צו לאַכן! ס'איז אַ מיאוסע זאַך:

— האָט זי אַ געשריי געטון צו דער לאַכנדיקער חברה אַקטיאָרן און אַקטריסעס.

— קומט, גינגאָלד!

דער אַלטער כאָריסט איז מיטגעגאַנגען מיטן מיידל; ווען זיי זענען שוין ביידע געווען ביים עק פון דער בינע, האָט זיך גינגאָלד מיטאַמאָל אויסגעדרייט, האָט אַרויסגעשטרעקט אַ לאַנגן, רויטן לעקער און האָט אַרויסגעשטעלט די ווייסלעך פון די די אויגן.

— מע-ע-ע — מע-ע!

די אַקטיאָרן זענען שטיין געבליבן.

— טפו זאָל ער ווערן! זע נאָר, ווי ער האָט אונדז איבערגעשראָקן!

VIII

מיסטער גלאַזער

מיט באַלאָוואָסקי איז עס געגאַנגען שטאַרק באַרג־אַראָפּ.

קלאַרע האָט זיך פון אים אינגאַנצן אָפּגעזאָגט און ער איז געוואָרן „אויס מענטש״, ווי דאָס פלעגן צווישן זיך שמועסן זיינע חברים אין טרופּע.

קלאַרע האָט שוין בכלל נישט געמאַכט קיין סוד פון דעם, אַז זי האָט ליב ווערדערן און אַז פון אים, באַלאָוואָסקי, מאַכט זי זיך „אַזויפיל וויפיל פון פאַראיריאָריקן שניי״, זי פלעגט פאַר אַלעמען אין די אויגן רעדן מיט אים אויף „דו״, זי האָט זיך מיט אים אַרומגעפירט אונטערן אָרעם און הינטער די קוליסן פאַר, אָדער בעת אַ פאָרשטעלונג, האָט מען זיי זייער אָפט געזען זיצן צוזאַמען גאָר ענג ביינאַנאַנד און עפּעס דערציילן זיך זייערע סודות אויפן אויער, פון וואָס ביידע האָבן דאַן געלאַכט.

באַלאָוואָסקי האָט צוליב דעם זיך אָנגעהויבן חברן מיטן „לאַנגן גלאַזער״ און דאָס האָט אים זייער דערנידריקט אין די אויגן פון די איבריקע חברים.

— אַז ער האָט שוין אָנגעהויבן זיין אַ חבר מיט גלאַזערן, איז ער שוין אַ פאַרלוירענער! — פלעגט זאָגן וואַלדמאַן.

— איר הערט? באַלאָוואָסקי איז געוואָרן גלאַזערס חבר?

— האָט מען זיך דערציילט אין טרופּע די נייעס.

— אַזוי? ער איז גלאַזערס חבר? נו, איז ער שוין טאַ=

קע אין דר'ערד מיט די ביינער! — האָט מען אים באַדויערט.

— נעבעך, נעבעך! הייסט עס, אַז ער גייט טאַקע מיטן לאַנגן גלאַזער? אַי אַ שאָד! אַ שאָד! ווער וואָלט זיך דאָס אויף אים געגלויבט? באַלאָווסקי האָט אויסגעוויזן אַז ער וועט זיין אַ גוט אַקטיאָרל.

אָט אַזעלכע נייעסן האָט מען זיך דערציילט אין טרופּע און מען האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז אויף באַלאָווסקין איז שוין נישטאָ וואָס צו האָפן, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן חבר'ן מיט גלאַזערן.

דער לאַנגער גלאַזער האָט שוין צייט יאָרן געהאַט א גאָר שלעכטן שם אין די קרייזן פון די יידישע פּראָווינץ-טעאַטערס.

איין אַקטיאָר האָט איבערגעגעבן דעם אַנדערן וועגן די פאַרשידענע „שטיקלעך", וואָס גלאַזער טוט אויף אין אַ טרופּע און די דירעקטאָרן האָבן זיך אויסגעהיטן פאַר אים ווי פאַר אַ פייער.

עס איז געווען גענוג, אַז א געשעפטס-פירער פון אַ טעאַטער-טרופּע, וועלכער איז געקומען „נעמען אַ שטעטל", זאָל געוואויר ווערן, אַז אין דאָזיקן שטעטל איז געווען גלאַזער, אַז ער זאָל זיך אומקערן באַלד פון דער באַן און זאָל זיך לאָזן צוריק פאָרן צו זיין טרופּע „אָן אַ שטעטל", אום זיך נאָר נישט דאַרפן טרעפן מיט גלאַזערן.

ער איז געווען אַ שרעק פאַר די טעאַטער-טרופּן און מען האָט אים געזען אויסמיידן, אַזוי ווייט ווי נאָר מעגלעך.

— ווייל דאָרט, ווו גלאַזער האָט געשטעלט אַ פוס אין אַ שטעטל, וועט שוין קיין יידיש טעאַטער נישט שפילן „יאָרן-לאַנג" — איז אומגעגאַנגען אַ ווערטל צווישן די אַקטיאָרן.

ווער גלאַזער איז, פון וואַנען ער שטאַמט, צייט ווען און פון וואַנען ער איז געקומען צום יידישן טעאַטער, האָט קיינער נישט געוואוסט. די עלטסטע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן געוואוסט אויסצורעכענען דעם „יחוס" פון אַ יעדן אַקטיאָר, אָנגעהויבן פונם „גרויסן אַדלער" און געענדיקט אויפן קלענסטן כאָריסט, האָבן,

ווען ס'איז אויסגעקומען צו רעדן וועגן דעם לאנגן גלאזער, נישט געוואוסט צו זאָגן ווער, וואָס, ווען...

— עפּעס אַ פאַרשלעפּטע קרענק, אַ צרה, אַ אָנשיקעניש!

— אַזוי לאַנג איך בין ביים טעאַטער — האָט געזאָגט מיט גאווה נישט איין אַלטער אַקטיאָר —קען איך גלאַזערן. אָבער ווער ער איז, וואָס ער איז? איך ווייס נישט, איך קען אים נישט! זאָל אים דאָרט דער רוח קענען!

אָט מיט דעם גלאַזערן האָט זיך איצט געחברט באַלאָווסקי און צווישן אַקטיאָרן איז דאָס געווען דאָס ערגסטע, וואָס מען קען נאָר זאָגן צו אַקטיאָר.

מען האָט אויפגעפרישט די אַלטע מעשיות וועגן „גלאַזערס שטיקלעך" און מען האָט זיי דערציילט אין דער „טרופּע פּאָגעל" מיט אַ באַזונדערער כוונה.

גלאַזער אַליין איז געווען גאָר אַ היבער מענטש, מיט אומגלויבלעך לאַנגע הענט און פיס און מיט פּלייצעס, „ווי אַ טרעגער ביי אַ האַפן".

ער האָט געהאַט אַ גרויסן קאָפּ מיט לאַנגע גרויע האָר און אַ ברייט, רויט פּנים מיט מאַכטיקע שטשעקעס, וואָס האָבן עס ענלעך געמאַכט צו אַ פערדישן פּנים. ער איז געגאַנגען אָנ-געטון שטענדיק אין ווייסע לייוונטענע הויזן און זומער צי ווינ-טער אין אַ לאַנגער, ברייטער, שוואַרצער פעלערינע מיט אַ קאַ-פּוזע, וועלכע גלאַזער האָט געטראָגן אָנשטאָט אַ היטל. ער האָט געטראָגן אַן אַלט זעלנעריש רעקל, וועלכעס ער האָט זיך גע-לאָזט איבערמאַכן פון אַן אַלטן זעלנערישן מאַנטל. אויף דער רוימער, ברייטער נאָז האָט ער געטראָגן אַ „פּענסנע" און האָט געקוקט אויף אַ יעדן פון הינטער די גלעזער מיט אַ פּאָר גרוי-סע, שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן ביי אים געברענט מיט עפּעס אַ מאָדנע באַהאַלטענעם פייער.

גלאַזער האָט גערעדט עטלעכע שפּראַכן. ער האָט פאַר-שטאַנען פראַנצויזיש, ענגליש, שפּאַניש, איטאַליעניש, דייטש

פויליש, רוסיש, יידיש און העבּרעאיש. וואו ער האָט זיך אויסגעלערנט דידאָזיקע שפּראַכן, האָט מען קיינמאָל פון אים נישט געקענט דערגיין. ווען מען האָט אים וועגן דעם געפרעגט, האָט ער באַלד אָנגעהויבן דערציילן נישט געשטויגענע, נישט געפלויגענע מעשיות, וועגן זיינע „קינסטלערישע טורנעען", וואָס ער האָט געמאַכט אַמאָל אין דער גרויסער וועלט און האָט געוויזן אַלטע, אָפּגעריבענע צייטונגס-אויסשניטן, וואָס ער האָט אַפּערגענומען פון זיינע טיפע הויזן=קעשענעס, מיט רעצענזיעס וועגן דידאָזיקע „וועלט=טורנעען". ווען עמעץ האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אין דידאָזיקע רעצענזיעס — אין אַלע שפּראַכן פון דע וועלט — רעדט עס זיך דאָך גאָרנישט וועגן אים, גלאַזערן, נאָר וועגן עמעץ אַנדערש, האָט גלאַזער זיך גענומען קלאַפּן מיט זיין ריזיקער פויסט אין דער ברוסט אַריין און געשריגן.

— אָט-אָ=דאָס זאָג איך דיר דאָך! אָט-אָ=דער וועלט=באַרימטער אַקטיאָר, דאָס בין איך דאָך טאַקע געווען! איך אַליין! נאָר איצט הייס איך גלאַזער!

גלאַזער האָט געוואוסט צו דערציילן אָן אַ צאָל ליגנס. ס'איז נישט פאַרהאַן געווען קיין לאַנד, אָדער שטאָט אויף דער וועלט, וואו ער איז דאָרט נישט געווען און וואו ער האָט שוין נישט געשפּילט יידיש טעאַטער.

אין מאָמענטן ווען גלאַזער איז געווען אין אַ שטאַרקער אויפרעגונג האָט ער אָנגעהויבן רעדן און שעלטן מאַדיאַריש און דאָס האָט ביי די אַקטיאָרן אַרויסגערופן דעם חשד, אַז דער דאָזיקער „מדינה=שלעפּער", אָט=אָ=דער „וועלט=שנאָרער" דער גלאַזער שטאַמט אודאי פון אונגאַרן.

האָט מען אים אַמאָל געפרעגט, צו איז ער נישט געבוירן אין אונגאַרן, האָט ער באַלד אָפּגעענטפערט מיט עפּעס אַ קללה אין אַ פרעמדער שפּראַך, אויף שפּאַניש, צי גאָר אויף טערקיש און האָט גענומען קלאַפּן אין טיש מיט זיין ריזיקער פויסט, אַז „מען

גלויבט אים נישט" און אז „מען וויל אים נעמען אויפן זיכער".

ביי קיין יידיש טעאטער האט גלאזער קיינמאל נישט געשפילט. אין קיין טרופע וואלט מען אים נישט אריינגענומען פאר אלע אוצרות אין דער וועלט — נאר פארט האט ער געהאט א שיכות צום יידישן טעאטער.

ווען ער איז געקומען אין א קליין שטעטל האט ער אויף די מויערן פון דער קרעטשמע, אדער פון טעאטער־זאל אויסגעקלעפט ריזיקע אפישן. אויף די דאזיקע אפישן איז געווען אפגעדרוקט מיט גרויסע לעטערן, אז עס איז געקומען צו פארן „דאס בארימטע יידישע טאמאשעווסקי=טעאטער פון ניו=יארק". אויפן אפיש איז אויך געווען אנגערופן דער נאמען פון טעאטער=שטיק, וואס דאס „טאמאשעווסקי-טעאטער פון ניו-יארק" וועט שפילן אין דעם שטעטל. אחוץ דעם האט מען אויף דעם אפיש געזען די פאטאגראפיעס פון אן א צאל יידישע שוישפילערס, און שוישפילערינס, וואס האבן ווען ס'איז בכלל אויפגעטרעטן אויף דער יידישער בינע. גלאזערס טבע פון תמיד אן איז אויך געווען צו זאמלען בילדער פון ארטיסטן און אקטריסעס (נישט נאר פון יידישע) און ער האט די דאזיקע בילדער דאן אויסגעהאנגען אין אלע פענסטער פון די געשעפטן, רעסטאראנען, שענקען און ראזורן אין א שטעטל.

די אפישן, מיט די פאטאגראפיעס האט גלאזער אליין אויסגעקלעפט.

ווען ער איז געקומען אין א שטעטל, איז ער אריין אין ערשט=בעסטן יידישן רעסטאראן, האט זיך פארגעשטעלט פארן שענקער אלס „געשעפטספירער פון דעם טאמאשעווסקי־טעאטער אין ניו-יארק" און איז געגאנגען דינגען א טעאטער-זאל. קיין גרויסע שוועריקייטן האט גלאזער מיט דינגען א טעאטער=זאל נישט געהאט. ער האט געוואלדיק אימפאנירט דעם קליינשטעטלדיקן עולם מיט זיין ריזיק געשטאלט, ער האט גערעדט ענגליש און פראנצויזיש און האט זיך אויך קיינמאל נישט געדינ=

גען וועגן אַ פּרייז. דאָרט ווו אַ פּאַרוואַלטער פון זאַל האָט דעם לאָקאַל נישט געוואָלט אָפּגעבן פאַר אַ יידישע פאָרשטע-לונג, האָט גלאַזער געהאַלטן אַ שטאַרקע דרשה קעגן „אַנטיסע-מיטיזם בכלל און וועגן פעלקער-פאַרבינדונג בפרט" און האָט געדראָט, אַז ער וועט דאָס מעלדן דעם אַמעריקאַנישן קאָנזול...

דער „אַמעריקאַנישער קאָנזול" האָט גלאַזערן אַרויסגע-האָלפן פון פיל אומבאַקוועמלעכקייטן, וועלכע כ'האָט געבּרענגט מיט זיך זיין אַרט לעבן. ער האָט אַפילו אַרומגעטראָגן מיט זיך און געוויזן, אויב ער האָט דאָס איינגעפונען פאַר נויטיק, אַ פאַרשמאָלצענעם אויסשניט פון אַ אַמעריקאַנער צייטונג אין ענ-גלישער שפּראַך, וואו עס איז געווען אָפּגעדרוקט עטלעכע מאָל זיין נאָמען מיט גרויסע לעטערן. אין וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג מיט זיין פערזאָן דער נאָמען גלאַזער איז געשטאַנען אין אַמע-ריקאַנער בלאַט — אפשר וועגן עפּעס אַ גנבה גאָר, צי שווינ-דלעריי? — דאָס האָט מען קיינמאָל נישט געקענט דערגיין. גלאַזער האָט דעם דאָזיקן אויסשניט נישט געגעבן קיינעם אין האַנט אריין, לכל הפחות אָבער קיינעם נישט, פון וועלכן ער האָט זיך געקענט אָנשטויסן, אַז ער פאַרשטייט ענגליש. אָבער פאַר די קליינשטעטלדיקע יידן און באַאמטע איז דאָס גענוג געווען, אַז גלאַזער זאָל אין זייערע אויגן אויסקומען אַלס עפּעס אַ באַדייטנדיקע פערזענלעכקייט. „אַז ער איז געווען געדרוקט אין אַ אַמעריקאַנער צייטונג".

זיין חוצפּהדיקן און זעלבסבאַוואוסטן אויפטרעטן האָט דער דאָזיקער יידישער „מדינה-שלעפּער" געהאַט צו פאַרדאַנקען, וואָס אים האָט מען אין ערגעץ נישט געמאַכט קיין באַזונדערע שווע-ריקייטן מיטן אַרויסגעבן אַ דערלויבניש צו שפּילן אַ פאָרשטע-לונג פון „טאָמאַשעווסקי-טעאַטער אין ניו-יאָרק". צי דאָ האָט אַנטשיידט זיין ריזיק-גרויסע געשטאַלט, צי די מאַכט פון זיין גבורהדיקער שטים, וואָס האָט זיך געהערט אין די קליינע, נידעריקע, קליינשטעטלדיקע צימערן, ווי אַ דונער, צי גאָר די

סודותפולע פּאַפּירן אין פאַרשידענע שפּראַכן פון דער וועלט׳ וועלכע ער האָט, ווי פון אַ אומאויסשעפּבאַרן תהום אַרויסגע־באָבּרעט אויס זיינע „הויזן־קעשענעס אָן אַ דנאָ״ — ווי דאָס האָבּן דערציילט וועגן אים די יידישע אַקטיאָרן — ווער קען עס וויסן? גענוג, אַז וועגן דעם האָט מען זיך דערציילט אין אַלע יידישע פּראָווינץ־טעאַטערס פון גאַליציע, אַז גלאַזער אויב ער וויל, וועט ער קריגן אַ „קאָנסענץ צו שפּילן״ אַפילו דאָרט, וו צוליב אַ שלעכטן סטאַראָסטע, אָדער אַ „קאָמיסאַר אַ הונט מיט ציין״ האָט נאָך אַ יידיש טעאַטער פריער נישט באַוויזן צו שטעלן אַ פוס.

אין די מקומות, וועלכע גלאַזער האָט אויסגעזוכט אַלס פּאַסיק פאַר אַ „אויפטריט״ פון זיין „טאָמאַשעווסקי־טעאַטער אויס ניו־יאָרק״ האָט זיין דערשיינונג אַרויסגערופן אַ נישט־געוויינלעכן אויפזען.

גלאַזער פלעגט אַרויסגיין אין סאַמע מיטן ברען פון אַ מארק־טאָג, פון אַ וואָכן־יאריד, צי פון אַ יאָרמארק.

שוין פון וויטנס האָט מען אים געזען גיין און זיין הויכע געשטאַלט האָט איבערגעוואַקסן די אַרומיקע מענטשן מיט אַ צוויי קעפּ. מיט דער וויכטיקייט פון אַ פרומער גאָטס־פּאַרכטיקער „עבודה״ האָט גלאַזער געשפּרייזט מיט זיינע לאַנגע פיס איבער די פאַרשטויבטע גאַסן פון אַ קליין גאַליציש שטעטל און נאָך איז כסדר באַכגעגאַנגען, נ אָ כ ג ע ל אָ פ ן — קיינער האָט נישט געקענט האַלטן מיט אים שריט — אַ גאַנצע כאָפּטע ייִנגלעך און מיידלעך, דאָס גאַנצע קליינוואַרג פון שטעטל, סיי דאָס יידישע סיי דאָס גויאישע. איז גלאַזער שטיין געבליבן, איז שטיין געבליבן מיט אים די גאַנצע חברה פון זיינע באַגלייטערס.

און שטיין געבליבן איז ער זייער אָפט. מיטן פאַרשטענד־ניש פון אַ געניטן רעזשיסאָר, וואָס קען די פּסיכיק פון המון, איז גלאַזער אימשטאַנד געווען צו בלייבן שטיין פלוצלינג אין

מיטן גאַס, אין מיטן העלן טאָג, פאַררייסן דעם קאָפּ אין דער שוואַרצער קאַפּוזע אַרויף און קוקן אַ פערטל־שעה־לאַנג אויף עפּעס אַ פּונקט אויפן הימל. אין דער דאָזיקער צייט איז גע־בליבן שטיין דאָס גאַנצע שטעטל. יידן מיט פּאַרטאַלאַפּעטע בע־קעשעס, ווייבער מיט „שלעמפּערס" ביי די קליידער און פּאַררוקטע אָן אַ זייט טשיפּיקעס, אַלץ האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן פון זיין טעגלעכער אַרבעט און האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום גלאַזערן קוקנדיק גלייך מיט אים — אין הימל אַריין.

— וואָס זעט ער דאָרט?

— וואָס איז? וואָס איז? — זענען צוגעלאָפן אַלץ פריי־שע מענטשן צו דעם ריזיקן ראָד, וועלכער האָט זיך דערווייל אָנגעזאַמלט אַ ום גלאַזערן.

— פאַניע, פאַניע, ווו קוקט איר?

— ר' ייד, וואָס איז געשען, וואָס קוקט איר עפּעס אין הימל אַריין?

גלאַזער האָט נישט געענטפערט.

ווען די אָנשפּאַנונג און נייגעריקייט צווישן עולם איז שוין דערגאַנגען צו איר העכסטן פּונקט האָט גלאַזער מיטאַמאָל אַני־דערגעלייגט אַלץ וואָס ער האָט געטראָגן אויף דר'ערד, האָט אַריינגעשטעקט אַ האַנט אין דער הויזן־קעשענע און אַרויסגענו־מען פון דאָרט אַ שוואַרץ, לענגלעך פּודעלע.

ער האָט זיך אומגעקוקט אין ראָד אויפן עולם, וואָס איז אַרום אים אַרומגעשטאַנען און אַלע פּאָר דער שרעקלעכקייט פון זיין בליק, פון אונטער די גלעזער, וואָס האָבן אים געבלי־שטשעט אויף דער נאָז, האָבן זיך צוריקגעצויגן אַ האַלבן שריט צוריק.

דאַן האָט גלאַזער מיט כונה געעפנט דאָס שוואַרצע, לענג־לעכע פּודעלע, וועלכעס ער האָט געהאַלטן אין האַנט און האָט אויף זיין געוויינלעכער פּענסנע אָנגעטון נאָך אַ צווייטע מיט שוואַרצע גלעזער.

ווען ער האָט זיך, באַוואָפנט מיטן דאָזיקן צווייטן זע־אינ־סטרומענט, אַרומגעקוקט אויפן אַרומשטייענדיקן עולם איז אויף אַלעמען געפאַלן אַ אימה. די, וואָס זענען אים געשטאַנען אַמ־נאָענסטן, האָבן געפרווט, וואָס שנעלער אַנטלויפן, נאָר זואָס גיכער אַרויס פון ראָד, אָבער פון אונטן איז דערוויל דער דרוק געוואָרן אַלע מאָל שטאַרקער, דאָס ראָד איז מיט יעדער רגע אָנגעוואַקסן און קיינע פון די, וואָס זענען געשטאַנען פאָרנט נעבן גלאַזערן, האָט נישט געקענט מער צוריק.

אין אַזאַ מאָמענט האָט גלאַזער אויסגעשטרעקט זיך צו דער גאַנצער הויך, האָט אויסגעשטרעקט זיינע ביידע לאַנגע הענט צום הימל און האָט אַרויסגעגעבעצט אַ לאַנגען, הויכן אַ — אַ — אַ — ה — ה!

אַלעמענס הערצער האָבן גענומען פלאַטערן פאַר שרעק.

ער האָט זיך אָנגעבויגן צו דר׳ערד, גלייך ער וואָלט זיך צו עמעצן געביקט און האָט, נעמענדיק זיינע זאַכן אין ביידע הענט אַריין, זיך געלאָזט גיין.

דער עולם האָט אים פלאַץ געמאַכט און גלאַזער איז גע־גאַנגען מיט צוויי „פענסנעס" אויף דער נאָז, פון וועלכע, בפרט דער שוואַרצער, האָט מוראדיק געפונקלט אין דער זון.

אין איין האַנט האָט גלאַזער געטראָגן אַ ראָל פון זיינע טעאַטער־אַפישן מיט די אויסצייליקע פאָטאָגראַפיעס, אין דער צווייטער אַ גרויסן בלעכערנעם טאָפּ פון וועלכן עס האָט אַרויס־געשטאַרט אַ לאַנגער דראָנג פון אַ קאַלעך־באַרשט. גלאַזער איז געגאַנגען גלייך פאַר זיך, נישט קוקנדיק, נישט רעכטס, נישט לינקס, האָבנדיק הינטער זיך אַ לאַנגן עק פון די קליינשטעטל־דיקע ווייבער, קינדער, מאַנסבילן און הינט, וואָס איז מיט אַ יעדער רגע געוואַקסן.

פאַר דעם נידריקסטן הייזל אינמיטן מאַרק האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

ער האָט מיט אַ פאַרבעם אַ פלאַסטער געטון מיטן גרויסן

אַפּיש מיט די פאָטאָגראַפיעס אין דער לופט, ער האָט געטון אַ מיש-אויס מיט דער קאַלעך-באַרשט אין דער געדעכטער „סאַלאַמאַכע", וואָס איז געווען ביי אים אין דעם בלעכערנעם „באַניאַק" און האָט אויף דער וואַנט פון דעם קליינעם הייזל, גאַנץ נאָענט שוין הינטערן שטרויענעם דעכל, אויסגעקלעפּט אַן אַפּיש.

בעת זיין אַרבעט איז דער עולם דרך-ארצדיק געשטאַנען פונדערווייטנס און האָט געגאַפט. בלויז גאָר קליינע יינגלעך, עזות-פּנימער און מוטיקע, וואָס האָבן זיך אויף דעם געקענט פאַרגינען, האָבן זיך אַריבערגעבויגן איבערן קאַנט פונעם גרויסן טאָפּ, האָבן אַריינגעשטעקט די הענט אין דער „סאַלאַמאַכע" און אַרויסגענומען פון דאָרט פאַרקלעפּטע פינגער, אַזוי געשמירטע מיט עפּעס אַ מאָדנער, ברוינער, קלעפּיקער מאַסע. דער עולם האָט זייערע הענט באַטאַפּט מיט מבינות, באַוואונדערט און געמחט זיך, פון וואָס דיזאָזיקע „סאַלאַמאַכע" קען זיין צוזאַמענגעשטעלט. מען האָט אויף גוט-גליק געטראָפן, אַז דאָס מוז זיין איינגעווייקט ברויט מיט קאַרטאָפלעס, צי גאָר „מעגעגע מיט בוימל" — אַזוי לאַנג, ביז גלאַזער האָט זיך איבערגערעדט צום עולם מיט זיינע שוואַרצע גלעזער און האָט מיט גוט-פריינטשאַפט אַ הילך געטון:

— „אַמעריקאַנישע טינקטור"!

— אַ, אַזוי, „אַמעריקאַנער טינקאַטור"? — האָט זיך דער עולם דערפרייט, וואָס דערדאָזיקער סודות-פולער פערשוין האָט זיי מזכּה געווען מיט אַן ערקלערונג.

און ס'האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן שבחים אויף אַמעריקע.

יינגעלייט פונעם ציון-פאַריין אין שטעטל, מיט געקרייזלטע, שוואַרצע האָר און מיט גרויסשטעטישע געלע האַלב-שיך אויף די פלאַטשיקע שוואַכע פיס, האָבן זיך אָנגענומען מיט האַרץ, צוגעטרעטן צו גלאַזערן און מיט אַ בישט דרייסטן „שאַלאָם" האָבן זיי זיך צוגערוקט צום אַפּיש און אָנגעהויבן אויספרעגן, וועמען עס שטעלט פאָר די אָדער יענע פאָטאָגראַפיע.

גלאַזער האָט זיך נישט געלאָזט בעטן מיט אַן ענטפער.

ער האָט די ייִנגעלייט פון „ציון-פאַריין" באַלד געענטפערט אויף העברעאיש און האָט זיי געפרעגט, ווי אַזוי עס זעט אויס „דאָס יידיש-נאַציאָנאַלע לעבן" אין שטעטל.

ער האָט געגעבן אויפקלערונגען וועגן יעדן איינצעלנעם בילד, וואָס איז געווען צו זען אויף דעם גרויסן אַפּיש פון „טאָמאַשעווסקי טעאַטער ניו-יאָרק" און האָט זיך נאָכגעפרעגט, ווען ס'קומט דער נאָענטסער צוג פון ווין, פון וואַנען די אַקטיאָרן דאַרפן נאָך אָנקומען צו דער היינטיקער פאָרשטעלונג.

די פיר יונגע ציוניסטלעך זענען געווען אין הימל, וואָס גלאַזער האָט זיי באַערט מיט אַ געשפּרעך. פון צווישן זיי האָט זיך אויך געוויינטלעך אַרויסגערוקט איינער, וואָס איז געווען דער „קאָרעספּאָנדענט" פון דאָזיקן שטעטל און האָט געבעטן ביי גלאַזערן אַן „אינטערוויו" פאַר זיין צייטונג, „צום יידישן בלאַט אין לעמבערג".

— איך גיב פּרינציפּיעל נישט קיין אינטערוויוס — האָט גלאַזער זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּנים, — אָבער פאַר דער פּרעסע בין איך גרייט צו געבן געהעריגע ערקלערונגען וועגן מיינע „אַנשויונגען" אויף דער צוקונפט פון יידישן טעאַטער.

— יונגערמאַן! — האָט גלאַזער פאַרענדיקט דעם געשפּרעך מיטן „קאָרעספּאָנדענט" — אויב איר האַלט עס פאַר אומבאַדינגט נויטיק פאַר אייער חשובער צייטונג, דאַן באַזוכט מיך נאָכמיטאָג אין מיין האָטעל!

— וואָס זאָגט ער? וואָס זאָגט ער? — האָט מיט נייגעריקייט זיך נאָכגעפרעגט דער עולם ביי די ציוניסטלעך, וועלכע זענען שטאָלצע אַרומגעשטאַנען דעם סודות-פולן פערשוין.

— איר וועט וועגן דעם האָבן די געלעגנהייט צו לייענען אין דער צייטונג! — האָט זיך געווענדט צום עולם גלאַזער און צו די ייִנגעלייט, וואָס זענען נעבן אים געשטאַנען האָט ער געזאָגט:

— וואָלט איר נישט אפשר געהאַט די פריינטלעכקייט צו העלפן טראָגן מיינע „רעקוויזיטן" ?

— איך וועל טראָגן! איך וועל טראָגן! פאַניע! פאַניע.

— האָבן זיך פון עולם געבעטן עטלעכע חדר־יינגלעך, וואָס זענען אַרויסגעשפּרונגען צום טאָפּ און האָבן זיך געריסן וועגן כבוד צו טראָגן גלאַזערס „סאַלאַמאַכע" און די קאַלעך־באַרשט.

די פאַרשעמטע ציוניסטישע יינגעלייט האָבן ביי גלאַזערן געוואָלט אָפּנעמען די ראָל מיט די אַפּישן, אָבער גלאַזער האָט אָפּגעזאָגט.

— דאָס נישט, מיינע יונגע פריינט! די אַפּישן וועל איך שוין טראָגן.

און ער איז ווידער געגאַנגען פון איין נידריקן הייזל צום צווייטן און האָט אויסגעקלעפּט זיינע אַפּישן און האָט פאַרטיילט די בילדער פון פאַרשידענע אַרטיסטן אין די געוועלבן פון שטעטל, אין די וואַרשטאַטן, וואָס האָבן געהאַט פענסטער צו דער גאַס און אין פּריזירשטובן.

דעם גאַנצן טאָג האָט מען אין שטעטל שוין וועגן גאָר־נישט מער גערעדט, נאָר וועגן טעאַטער.

אין דעם שענק, אין וועלכן גלאַזער איז אָפּגעזעסן דעם גאַנצן טאָג, וואַרטנדיק אויף דער טרופּע, „וואָס דאַרף מיטן ביינער־צוג קומען פון ווין", האָט זיך אַ גאַנצן טאָג געטון חושך.

גלאַזער איז געזעסן ביי אַ טיש, דער נאַענטסטער נעבן אים איז געזעסן דער „קאָרעספּאָנדענט", וואָס האָט אים געקוקט אין מויל אַריין און פלייסיק געשריבן מיט אַן אָנגעבלאָזענער וויכטיקייט. די „מקרבים" פון גלאַזערן זענען געווען די יונגע־לייט פון ציון־פאַריין און ווייטער ביים טיש זענען געזעסן סתם־יונג־לייט און האָבן געהאָרכט די ליגנס, וואָס גלאַזער דער־ציילט וועגן זיינע וועלט־רייזעס און זיינע גרויסע „ערפאָלגן".

דערביי האָט ער פלייסיק געטרונקען.

— הער ווירט! — האָט ער אַלעמאָל אויסגעשריגן — ביטע נאָך אַמאָל מיין מאָאס!

דער שענקער האָט אַלע פינף מינוט אַנידערגעשטעלט אויפן טיש אַ וואסער־גלאָז אָנגעפולט ביזן סאַמע ברעג. פון וואַנען דער שענקער האָט געצאַפּט דאָס דאָזיקע וואסער, האָט מען נישט געקענט דערכאַפּן. מען האָט בלויז געזען, אַז ער בויגט זיך אַראָפּ אונטערן שענק־טיש מיטן ליידיקן גלאָז און נעמט עס פון דאָרט אַפּער אַ פּולס.

— אפשר וועט איר ערלויבן אַ שנאַפּס, מיסטער גלאַזער?

— האָט געפרעגט דער „קאָרעספּאָנדענט", נאָכדעם ער האָט זיך „אויפן ווינק" פארשטענדיקט מיט זיינע חברים, אַז זיי וועלן „שטעלן פארן מיסטער גלאַזער אַ שנאַפּס"...

— ניין, אַ דאַנק, מיינע הערן, איך טרינק נישט קיין אַלקאָהאָל! איך טרינק פּרינציפּיעל נאָר וואסער! דאָס איז דאָס בעסטע פארן „מענטשלעכן אָרגאַניזמוס"!

און גלאַזער האָט גענומען דאָס וואַסער־גלאָז, האָט עס אָנגעבויגן צו זיין ברייט געעפנטן מויל און אַריינגעגאָסן אין אין זיך די קלאָרע פליסיקייט.

— וואַסער, מיינע הערן, דאָס דערהאַלט דעם מאָגן שטענ־דיק אין אָרדנונג. וואסער, מוזט איר וויסן, מיינע יונגע פריינט, איז דאָס זעלבע פארן מענטש, וואָס רעגן פאר אַ בלום. „ווען איינע בלומע, מיינע הערן, קיין וואסער האָט, דאַן ווירד זי פערדערט און פערקריפּעלט. ווען איין מענטש זיינעם אָרגאַניז־ניכט די נעטיקע קוואַנטיטעט וואַסער צופירט, דאַן פערדאַרט ער ווי איינע בלומע אָנע וואַסער".

אַזוי האָט דאָס גלאַזער גערעדט צו די יונגעלייט „טיף־דייטש" און זיי האָבן אים געקוקט אין מויל אַריין, ווי דאָס וואָלט געווען וויינקסטנס עפּעס אַ באַקאַנטער ציוניסט פון דער גרויסער שטאָט, וואָס איז געקומען האַלטן אַ דרשה אין זייער „ציון־פאַריין".

נאָכדעם גלאַזער האָט אויסגעטרונקען זיינע פּאָר גלעזלעך מיטן „וואסער“, האָט ער זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער הויך און האָט געזאָגט צו די אַרומזיצנדיקע יוגנטלייט:

— איך גיי זיך אַביסל אַדורך, אָנקוקן אייער שטעטל. וואָס קען מען דאָ ביי אייך זען עפּעס אינטערעסאַנטס? אַן אַלטע שול, אַן אַלטע מצבה, אַן אַלטן בית-עולם, וואו עס ליגן באַגראָבן גוטע יידן? וואָלט איר מיר אפשר, מיינע ליבע יונגע חברים, (גלאַזער האָט געזאָגט „כאוועירים“) נישט געוואָלט וויזן אַביסל אייער שטאָט?

— אָ, מיטן גרעסטן פאַרגניגן! — האָבן געזאָגט די יונגע-לייט — עס איז פאַראַן ביי אונז צו זען זייער פּיל אינטערעסאַנטס! קומט מיט אונז, מיסטער גלאַזער!

בעת די יונגעלייט מיט געקרייזלטע קעפּ האָבן זיך נאָך גע-אַמפּערט צווישן זיך, וואו מען זאָל דאָס פירן דעם „מיסטער גלאַזער, צי אַמערשט אויפן „שלאָס“, צי אין שול, צי גאָר קודם כּל אויפן בית עולם, איז גלאַזער געגאַנגען פאָרויס אַליין אויפן שטויביקן וועג. נאָך אים איז נאָך אַלץ נאָכגעגאַנגען אַ חברה ייוג-לעך און מיידלעך, וואָס האָבן זיך אָבער געהאַלטן פון אים כּסדר עטלעכע שריט פונדערווייטנס, ווייל גלאַזער האָט פון צייט צו צייט זיך איבערגעדרייט צו זיי מיטן פּנים און אַ גלאַנץ געטון מיט די שוואַרצע גלעזער אויף דער נאָז, אַז די ייִנגלעך און מיידלעך איז דאָס האַרץ אַנטפאַלן פאַר שרעק.

צווישן די פּיל ערטער, וואָס די יונגעלייט האָבן אָנגעבאָטן גלאַזערן, אַז ער זאָל זיי אָנקוקן צום ערשט, ווייל זיי זענען „היס-טאָרישע ערטער“, האָט גלאַזער אויסגעקליבן געוויינטלעך דעם בית-עולם.

דאָרט האָט ער זיך אויסגעשטרעקט אונטער אַ שאָטנדיקן בוימל, האָט אויסגעצויגן פאַר זיך די מוראַדיקע, לאַנגע פיס מיט די געגעגלטע, זעלנערישע שיך און האָט געקוקט מיט די שוואַרצע גלעזער אַרויף אין דער זון אַריין.

— אייערע היסטאָרישע קברים — האָט ער געזאָגט צו די יונגעלייט, וואָס זענען אַרום אים געשטאַנען, — וועל איך אָנקוקן שפּעטער. איצט וועל איך זיך אַביסל אָפּרוען. קען איינער פון די חברים זינגען עפּעס אַ שיין נאַציאָנאַל ליד? איר ווייסט גאָרנישט, מיינע ליבע יונגע פריינט, וואָס פאַרא הייסער נאַציאָנאַלער ייד איך בין. ווען איך הער אַ נאַציאָנאַל ליד, ווער איך גערירט ביז טרערן... ביטע, זינגט מיינע יונגע פריינט!

און בעת די „יונגע פריינט" האָבן זיך צעלאָזן מיט זייער „ געזאַנג" האָט גלאַזער אויפגעהויבן אַ האַנט און פון דר'ערד אויס ווי ער איז געלעגן האָט ער דיריגירט די „התקוה", וואָס די יונגעלייט האָבן פאַר אים געזונגען, מיט אַלע־מאָל העכערע שטימען, ווילנדיק איינער איבערשרייען דעם אַנדערן.

— גוט! גוט! — האָט קאָמאַנדעוועט גלאַזער, — זייער גוט! ווייטער, ווייטער!

און מיטאַמאָל האָט ער אַ קלאַפּ געטון מיט דער פלאַכער האַנט אין דר'ערד און האָט אויסגעשריגן:

— גענוג! איר רירט מיך ביז טרערן! גענוג! איר דער־מאַנט מיך אין מיינע יונגע יאָרן, וועלכע איך האָב פאַרבראַכט אין אונזער הייליקער שטאָט ירושלים! גענוג, זינגט נישט מער!

און גלאַזער האָט זיך איבערגעדרייט צו דער ערד מיטן פּנים אַראָפּ און האָט געוויינט מיט אַ מוראדיק קול.

די יונגעלייט זענען געבליבן פאַרשטיינערטע.

— מיסטער גלאַזער! מיסטער גלאַזער! וואָס איז מיט אייך? הערט אויף צו וויינען, מיסטער גלאַזער!

זיי האָבן געפּרוווט אויפהויבן זיין קאָפּ פון דר'ערד, אָבער „מיסטער גלאַזער" איז געווען שווער ווי אַ קלאָץ. ער איז אַלץ געלעגן מיטן פּנים אין גראָז אַריין און האָט שווער געאָכצט, גלייך ס'וואָלט אויף אים געלעגן דער גאַנצער יאָך פון צוויי־טויזנט־יעריקן גלות.

— וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? — האָבן זיך געעצהט

זיינע באַגלייטער — ס'האָט זיך אונז פאַרגלוסט צו זינגען! — האָבן זיי זיך געמאַכט פאַרוואָרפן — אַז אַ מענטש זאָל האָבן אַזאַ ווייך האַרץ, ווען ער הערט אַ יידיש נאַציאָנאַל-ליד.

זיי זענען געשטאַנען שטילע, שוויינגדיקע אַרום „מיסטער גלאַזער" און האָבן נישט געוווסט, וואָס צו טון.

דער בית עולם איז געלעגן אין גלאַנץ פון דער זומערדיקער זון; די ווייסע מצבה-שטיינער האָבן געבלאַנקט און די הערצער פון די יונגע ציוניסטלעך האָט פון דער העלער הויט אַרומגענומען אַ טרויעריקייט, וואָס איז זיי געקראָכן אין האַלז אַריין און האָט אָנגעפולט זייערע אויגן מיט טרערן.

— ער איז אַ הייסער נאַציאָנאַלער ייד! — האָט איבערגעריסן די שטילקייט דער „קאָרעספאָנדענט" — ער האָט אַ ווייך, גוט יידיש האַרץ, חברים!

— אודאי אַזוי! — האָבן מסכּים געווען די אַנדערע — נישטאָ אַסך אַזעלכע הייסע יידן! איבעריגנס, וואָס איז דאָ זיך צו וואונדערן? ווען ער האָט זיין יוגנט פאַרבראַכט אין ירושלים?

אַזוי האָבן זיי זיך געסודעט צווישן זיך און ס'איז געבליבן ביי זיי, אַז זיי וועלן דעם „מיסטער גלאַזער" פאַרבעטן אויף אַ פאָרטראַג אין שבת אין זייער „ציון"-פאַריין, אַז ער זאָל רעדן איבער „יוגנט-איינדריקן פון ארץ-ישראל".

דערווייל איז „מיסטער גלאַזער" נאָך אַלץ געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ און האָט געכראָפּעט, ווי אַ טעמפּע זעג, וואָס שניידט אַ פייכטע פּאָליאַנע האָלץ.

ער האָט געפייפט אין אַלע טענער, ער האָט געברומט ווי אַ הונגעריקער לייב און מיטאַמאָל האָט ער זיך אין מיטן שלאָף איבערגעדרייט מיטן פּנים אַרויף.

זיין מויל איז געווען ווייט אָפן, די נאָז האָט געגלאַנצט רויט און פלאַמענדיק, ווי אַ אָפּגעשיינדעגע און פון ביידע זייטן האָט זיך פון די מויל-ווינקלען געגאָסן דער שפּייכל ווי אַ קליינער קוואַל.

אזוי האָט זיך דאָס דער „לאַנגער גלאַזער" אויסגעשלאָפן נאָך די פּאָר גלעזער „וואַסער", וועלכע ער האָט אויסגעטרונקען אין שענק.

די יונגעלייט האָבן געדולדיק געוואַרט.

עס איז פאַרגאַנגען אַ האַלבע שעה, אַ שעה, די זון האָט אַלץ הייסער געוואַרעמט און ווען ס'איז געקומען מיטאָג־צייט זענען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין זייערע היימען.

אָוונטס איז גלאַזער געזעסן ביי דער טעאַטער־קאַסע און האָט דעם עולם, וואָס האָט זיך צו זיין טישל געשטופּט, ווי נאָך מצה־וואַסער, פאַרקויפט בילעטן.

נעבן אים זענען, ווי געטרייע אַדיוטאַנטן, געשטאַנען די ציוניסטישע יונגעלייט. גלאַזער האָט זיי אַלעמאָל געפרעגט וויפל דער זייגער האַלט און צי ס'איז שוין נישט צייט „אַרויסצוגיין צום צוג דערוואַרטן די טרופּע"?

די יונגעלייט האָבן אים געטרייסט, אַז ס'איז נאָך דאָ זייער פיל צייט און גלאַזער האָט, זיצנדיק ביי דער קאַסע, אַלעמאָל פון שופלאָד אַרויסגענומען געלט, באַצאָלנדיק די פאַרשידענע פּערזאָנען, וועלכע זענען אים געקומען מאָנען. ער האָט באַצאָלט דעם שענקער, ביי וועלכן ער איז איינגעשטאַנען און ווען דער „קאָרעספּאָנדענט" האָט דערזען די פּאַרהעלטניסמעסיק גרויסע סומע, וועלכע גלאַזער האָט דעם יידל אָפּגעציילט אין דער אויפגעשטעלטער האַנט, האָט ער גענומען פּראָטעסטירן, אַז „דאָס איז אַ אויסנוצעריי", און אַז דער שענקער איז אַ שווינדלער ווען ער נעמט ביי „מיסטער גלאַזער" אַזויפיל געלט פאַר אַ נאַכט אי־בערשלאָפן שוין אין פאַרויס און פאַר עסן"...

— איר האָט דאָך גאָרנישט געגעסן — האָט דער קאָרעס־פּאָנדענט איינגערוימט גלאַזערן אין אויער אַריין — איך האָב דאָך בלויז געזען, ווי איר האָט בלויז געטרונקען עטלעכע גלע־זער מיט „וואַסער!"

— מאַכט נישט אויס, יונגער פריינט! — האָט אים גלאַ־

זצר אַרויפגעלייגט אויפן אַקסל אַ האַנט ווי אַ צענטנער — מאַכט נישט אויס! אַז איך פאַרדין, זאָל יענער אויך פאַרדינען! ער איז אַ טאַטע פון קינדער, אַט=אָ=דער אָרעמער שענקער נע=בעך און ער דאַרף האָבן „פּינאָסע".

אויך די איבריקע הוצאות, וואָס זענען פאַרבונדן מיט א טעאַטער=פאָרשטעלונג אין אַ קליין שטעטל, האָט גלאַזער זיצנ=דיק ביי דער קאַסע און שאַרנדיק דאָס געלט פאַר די בילעטן אין שופלעדל אַריין, באַצאָלט אויפן אָרט און מיט אַ גאָר בריי=טער האַנט, נישט דינגענדיק זיך מיט קיינעם.

די יינגעלייט, וואָס האָבן דאָס געגוי געזען, האָבן באַלד פאַרשפּרייט אין שטאָט אַ קלאַנג וועגן „מיסטער גלאַזער", וואָס איז אַ בעל-צדקה און דאָס האָט געברענט דערצו, אַז דער איבער-געלויף ביי דער טעאַטער=קאַסע איז געוואָרן מיט אַ יעדער מי-נוט גרעסער און גרעסער. די גאַנצע שטאָט יידן און אַ האַלבע שטאָט גויים איז אַרומגעשטאַנען דאָס טישל מיטן נאַפט-לאָמפּ, ביי וועלכן ס'איז געזעסן דער מיסטער גלאַזער און האָט „געשאַרט געלד", ווי מען האָט זיך דאָס דערציילט אין שטעטל איינער דעם אַנדערן.

ווען סאיז שוין היפש טונקל געוואָרן, האָט גלאַזער איבער-געלאָזט זיין טעטיקייט אַלס קאַסירער.

ער האָט אויסגעבלאָזן דעם לאָמפּ, האָט זיך פאַרוואָרפן די קאַפּוזע אויפן קאָפּ און ער האָט דאָס געלט מיטביידע הענט אַרויסגענומען פון שופלאָד, אָנשטופּנדיק זיך מיט די באַנקנאָטן ביידע הויזנקעשענעס.

— איך גיי צום צוג! — חאַט ער מיט זיין דונער=קול אויס-געשריגן צום עולם, וועלכער איז שטיין געבליבן אויפן אָרט נישט זאויסנדיק, וואָט סאיז דאָס עפּעס פּלוצלינג געשען. — איך גיי צום צוג אַפּוואַרטן מיינע אַקטיאָרן און אַקטריסעס. דאָס געערטע פּוב-ליקום בעט איך שוין אַריינצוגיין אין זאַל. די פאָרשטעלונג הויבט זיך אָן שפּעטסטנס אין אַ האַלבער שעה!

ווי אויף אַ געגעבענעם סיגנאַל האָבן זיך ניטאָמאָל געטון אַ עפן אויף די טאַפּל־טירן פון טעאַטער־זאַל, וואָס האָט אַרויסגעלאָזן אויף דער טונקלער גאַס אַ סנאָפּ פון ליכט, פון די לאָמפּן, וועלכע זענען אינעווייניק געווען אַלע אָנגעצינדן.

דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן שטופּן צו דער טיר פון טעאַטער־זאַל, ביי וועלכע ס'זענען געשטאַנען צוויי מיטגלידער פון „ציון־פאַריין" אַלס בילעטערן. אין זאַל האָט זיך שוין אַרומגעדרייט, ווי אַ בעל־הבית, דער „קאָרעספּאָנדענט" מיט אַ בלוי־ווייסן שאַרף אויף דער ברוסט און נעבן אים נאָך צוויי אַנדערע „ציון"־מיטגלידער, וואָס האָבן דעם עולם אָנגעוויזן די פּלעצער.

— מיר מאַכן היינט „ערנדינסט" ביי דעם יידישן טעאַטער אויס ניו־יאָרק! — האָבן זיי געזאָגט צו אַ יעדן חשובן גאַסט, וועלכן זיי האָבן געצייגט, וואו זיך צו זעצן. — מיר נעמען דערפאַר נישט קיין געלט! — האָבן זיי פאַרזיכערט.

—דאָס טעאַטער שפּענדעט דערפאַר צוויי מיליאָן מאַרק פאַר אונזער פאַריין! - האָט געזאָגט איינער פון די פרייוויליקע בילעטערן צום אַדוואָקאַט פון שטעטל, וואָס האָט זיך מיט זיין געפּודערטן ווייב אַנידערגעזעצט אין דער ברייט אין דער ערשטער ריי.

— טאַק, אַך פּליטשניע! — האָט זיך דערפרייט דער „הער דירעקטאָר", בעמענדיק זיך פוצן דעם טעאַטער־שפּאַקטיוו, וואָס זיין ווייב האָט אַרויסגענומען פון א לעדערן טעשל.

אַזוי האָט זיך דאָס פּובליקום לאַנגזאַם אויסגעזעצט און אַלע האָבן געקוקט מיט שפּאַנונג אויפן גרויסן פאָרהאַנג, וואו ס'איז געווען אויסגעמאָלן אַ „פּאַנע" מיט אַ לאַנגן, ווייסן העמד און מיט בלויזע פיס. אויף די הענט, וועלכע זי האָט געהאַלטן אויסגעשטרעקט צום גרינעם הימל, האָט זי געטראָגן שטיקלעך איבערגעריסענע קייטן, אַ סימן, אַז זי איז ביז איצט געווען געקאָוועט אין די דאָזיקע קייטן. איבער איר קאָפּ איז געווען אויס=

געמאָלן מיט ווייסע, פּוילישע אותיות: „אָדראָדזאָנאַ פּאָלסקא". (די באַפרייטע פּוילן).

ווען דער עולם איז רויק אָפּגעזעסן אַ גוטע האַלבע שעה און ווידער אַ פערטל שעה, האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן די לעמפּלעך פאַרן טעאַטער-פאָרהאַנג.

— אַה, אַהאַהאַ! — האָט דער עולם אָפּגעעטעמט מיטאַמאָל און זיך פאַרראַכטן איף די זיצן.

עס האָבן זיך דערהערט דריי שאַרפע קלינג פון אַ גלעקל, אין זאַל איז מיטאַמאָל געוואָרן שטאָק-פינסטער און דער פאָר-האַנג איז אַרויפגעגאַנגען, סקריפּנדיק שטאַרק אין דער שטילקייט, וואָס האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן טעאַטער-זאַל

די בינע איז געווען העל באַלויכטן.

מען האָט געזען אַ „רייך צימער" מיט פאָטעלן און גע-דעקטע טישן, אויף וועלכע ס'האָבן געברענט לעכט אין זילבער-נע לייכטערס, וואָס גלאַזער האָט זיך זיי נאָך ביי טאָג געלאָזט אויסלייען דורך די ציוניסטישע יינגעלייט ביי זייערע טאַטע-מאַ-מע. פון דער בינע האָט זיך געטראָגן אַ הויך פון יום-טובדי-קייט און בעל הביתישער רויקייט.

אָבער די בינע איז געווען ליידיק.

דער עולם האָט געקוקט רויק אויף דעם „רייכן צימער" און איינצלנע פון די טעאַטער-געסט האָבן דערקענט צו וועמען פון די שטאָט בעל-הבתים ס'געהערט דער אָדער יענער אויס-געבעטער שטול, דאָס סאַמעטענע טישטוך, וואָס האָט צוגעדעקט דעם גרויסן טיש און די בילדער, וואָס זענען געווען צעהאָנגען איבער די ווענט פונם „רייכן צימער".

דאָס אַלץ האָבן פאַר גלאַזערן צוזאַמענגעטראָגן זיינע „יינגע-פריינט" פון „ציון"-פאַריין.

אויף דער בינע איז אַרויס גלאַזער.

ער איז געווען אָנגעטון טאַקע אין דיזעלבע ווייסע הויזן, וואָס תמיד, נאָר אַנשטאַט דעם זעלנערישן רעקל האָט ער גע-

טראָגן אַ הויך פּאַרקנעפּלטן „שלוס־ראָק" מיט לאַנגע פּאָלעס, וואָס זענען אים געגאַנגען ביז איבער די קניעס.

ער האָט פאַררוקט אַ האַנט אין בוזים אַריין און ער האָט אָנגעהויבן:

— זער געערטע הערשאַפטן! מיינע ווערטע דאַמען אונד הערן! ברידער! יידן! נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע יידן!

„איך מוז אייך לײדער מודיע זיין, אַז צו מיין גרעסטער פאַרוואונדערונג איז מיין טרופּע נאָך נישט אָנגעקומען. איך בין געווען אויפן וואָקזאַל, אָבער איך האָב דאָרט קיינעם נישט געטראָפן. דער צוג פון ווין איז אַפילו אַהער אָנגעקומען נאָרמאַל, אָבער מיינע געליבטע פריינט און פריינדינס פון דעם וועלט-באַרימטן טאָמאַשעווסקי-טעאַטער אויס ניו-יאָרק זענען נישט אָנגעקומען מיט אים. זעט אויס, אַז מען האָט זיי נישט פּינקטלעך איבערגעגעבן מיין טעלעגראַמע, דאָס זיי דאַרפן שוין שפּילן היינט פאַרן האָכגעערטן פּובליקום! אָבער ניכט-דעסטאָ-וועניגער, מיינע האָכגעשעצטע דאַמען אונד הערן —"

אים האָט איבערגעריסן אַ פּיפּעריי און אַ געשריי:

— שווינדלער! גיט אָפּ דאָס געלט! וואָס דערציילט איר דאָ עפּעס מעשיות? גיט אָפּ די „גראַצערס"!

גלאַזער האָט אויסגעשטרעקט אַ לאַנגע האַנט און האָט מיט איר געשאָקלט אין דער לופט באַרויקנדיק דעם עולם:

— דאָס געלט ווערט צוריקגעגעבן! ווער עס פאַרלאַנגט, דער קען תיכף באַקומען דאָס געלט צוריק! אָבער חשובע פאַרזאַמלטע: מיין טרופּע וועט מאָרגן גאַנץ באַשטימט זיין אין אייער שטאָט. און מיר וועלן מאָרגן שפּילן. די געקויפטע בילעטן בלייבן גילטיק פאַר דער מאָרגיקער פאָרשטעלונג. אָבער, אַזוי ווי היינט זענט איר אייך שוין צוזאַמענגעקומען, וויל איך נישט, אַז איר זאָלט אַוועקגיין מיט גאָרנישט. איך בין געווירט פון דעם היינטיקן צאָלרייכן באַזוך, מיט וועלכן איר האָט באַערט אונזער טעאַטער און איך וועל מיר ערלויבן צו ווייזן אייך מיט מיין אייגענער קונסט!

און גלאַזער האָט מיטאַמאָל אויסגעשריגן.
„די ליכט-פּאַרקויפערין פון מאָריס ראָזנפעלד".
און ער האָט דעקלאַמירט:
„אין העסטערסטריט ביי אַ טעלעגראַפנסלופּ,
זיצט אַ אָרעמע פרוי בלייך ווי אַ טרופּ"...

ער האָט געשריגן, געמאַכט מיט די אויגן און געוואָרפן מיט די הענט, געקנייטשט די נאָז און געשטשערעט די ציין ווי אַ געפּגרט פערד; דאָ האָט ער זיך איינגעקאָרטשעט אין דרייען און באַלד האָט ער זיך געטון אַ שטרעק אויס צו זיין גאַנצער מוראדיקער לענג און האָט דעם עולם אַזוי פאַרשריגן מיט זיין ריזיקער שטים, אַז עס איז מדרגה=ווייז געוואָרן אויפן זאַל אַ טויטע שטילקייט אין וועלכער זיין שטים האָט זיך געהערט, ווי דאָס ברומען פון אַן אָקס.

ווען ער איז צוגעקומען צו די ווערטער פון ראָזנפעלדס געדיכט:

„דאָס האָבן די רייכע, די פרומע געמאַכט!"

האָט ער פאַרצויגן זיין פּנים צו אַזאַ מוראדיקן גרימאַס פון שנאה צו די „רייכע און צו די פרומע", ער האָט אַרויסגע=שטעלט אויפן עולם אַזאַ מין פּאָר שרעקלעכע אויגן, אַז די „ריי-כע און פרומע" פון די ערשטע בענק האָבן זיך גענומען אונטער=ווייַלעכץ צוריקבויגן און האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.

אָבער ווען גלאַזער האָט געענדיקט, האָט זיך אין די אונטערשטע בענק אָנגעהויבן אַ גוואַלדיקער אַפּלויז. דאָרט זע=נען געזעסן די „בונדיסטן" פון שטעטל, די רעכטע און די לינ־קע „פּועלי-ציון" און זיי האָבן אויסגענוצט גלאַזערס „דעקלאַ=מאַציע" פאַר אַ „פּאַרטייאישער אַרויסטרעטונג".

נאָך דער דעקלאַמאַציע האָט ער געזונגען. „דאָס ייִנגעלע" פון ראָזנפעלד איז געווען זיין שטענדיקער „רעפּערטואַר"-שטיק און אויך דאָס האָט שטאַרק נושא חן געווען ביים עולם.

גלאַזער פלעגט זינגען מיט „געפילעכץ" — אַזוי האָבן

ווען איס דערציילט די אַקטיאָרן — אַ יעדער וואָרט פון ליד האָט ער אונטערגעשטראָכן מיט אַ ברייטן זשעסט און אַ „געמאַכטער מימיק" און ווען ער איז צוגעקומען צו די לעצטע ווערטער פון ליד:

„ווען דו ערוואַכסט אַמאָל מיין קינד,
געפינסטו מיך נישט מער" —

האָט אים דער אַנטציקטער עולם אָפּגעדאַנקט מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן.

אַזוי האָט דאָס גלאַזער פּאַרשטאַנען אָפּצושלעפּן אַ גאַנצן אָוונט מיט זיינע „סאָלאָ-נומערן."

דער סוף פון זיין פּראָגראַם איז שטענדיק געווען אַ „קאַזאַק" וועלכן ער האָט געטאַנצט איינער אַליין אָן מוזיק, אָבער דערפאַר האָט ער די מעלאָדיע אַליין געזונגען און געפייפט אויף צוויי פינגער, וועלכע ער האָט אַריינגעשטעקט אין מויל אַריין.

ער האָט געהויבן זיינע לאַנגע פיס אין די לופטן, ער האָט געוואָרפן מיט די הענט ער האָט געברילט ווי אַ לייב און האָט געטופעט מיט די שווערע פיס צום טאַקט פון קאָזאַק, אַז פון די ברעטער זענען אַזש געפלויגן שפּענער. די גאַנצע בינע האָט מיטגעציטערט אונטער זיינע פערדישע טריט. אַ וואָלקן שטויב האָט זיך אויפגעהויבן פון די בינע-ברעטער און האָט איינגעהילט דעם טאַנצדיקן גלאַזער אין אַ נעפּל, אין וועלכן ער האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַ שוואַרצער, גרויסער פּאַיאַץ אויף שטריקלעך, וועלכער וואַרפט מיט די הענט און מיט די פיס, לויט דעם, וואָס אים באַפעלט אַ פרעמדער ווילן...

דער עולם פלעגט פון אַזאַ מין שפּעקטאַקל אַוועקגיין געווייינטלעך גאָר צופרידן.

מען האָט אין שטעטל אַרומגערעדט אַ יעדן פונקט פון „פּראָגראַם" באַזונדער און אַלץ האָט זיך געריכט אויף דעם „מאָרגן" אין וועלכן די גאַנצע טרופּע פון טאָמאַשעווסקי-טעאַ=

טער אויס ניו-יאָרק וועט „ווייזן וואָס זי קען".

אָבער אַזאַ „מאָרגן" איז קיינמאָל נישט געקומען.

גלאַזער פּלעגט דעם אַנדערן טאָג פון דער שטאָט פאַרשוווּנדן ווערן באַלד אינדערפרי.

מען האָט אים אומזיסט געזוכט אין אַלע שענקען און ראַזורן פון שטעטל; די ציוניסטישע יונגעלייט האָבן אים אומזיסט געזוכט אינדערפרי אין האָטעל, וווּ זיי זענען געקומען מיט אַ דעלעגאַציע, אים צו פאַרבעטן אויף אַ פאָרטראַג אין „ציון"-פאַריין אויף שבת נאָכמיטאָג. פון גלאַזערן איז שוין קיין שפּור נישט געווען.

אַפילו די אַפישן און פאָטאָגראַפיעס פון די אומצייליקע שוישפּילער האָט ער פאַר זיין אַוועקפאָרן אָפּגענומען אין די קלייטן און שענקען פון שטעטל, אונטערן אויסרייד, אַז ער ברענגט באַלד נייע, ווייל „יעדן טאָג גיב איך נייע פאָטאָגראַפיעס".

פון אַ שטעטל ווּ גלאַזער האָט „געמאַכט דעם שאָס" פלעגט ער אַוועקפאָרן אין אַ אַנדערס, עטלעכע שעה ווייטער מיט דער באַן און דאָרט האָט ער טעג און נעכט געשיכּורט אָן אַ מאָס און אַ גרענעץ.

ער פלעגט זיצן אין שענק און איז נישט אָפּגעטרעטן פריער איידער ער האָט נישט פאַרשיכּורט דעם גאַנצן פאַרדינסט פון זיין אויפטון מיטן „טאָמאַשעווסקי-טעאַטער אויס ניו-יאָרק". ער האָט געטרונקען דעם שאַרפסטן שפּירט אויס וואַסער-גלעזלעך, ער האָט זיך געחברט מיט אַלע טרעגערס און בעלי-עגלות און איז מיט זיי איבערגעלעגן אין די רינשטאָקן, וואו די פּאָליציאַנטן האָבן אים אָפט געטראָפן ליגן מיטן פּנים אַראָפּ.

אין אַן אָרט ווּ גלאַזער האָט שוין איינמאָל באַוויזן זיין „קונץ" האָט זיך קיין יידיש טעאַטער שוין נישט געטראַכט ווייזן יאָרן-לאַנג. מען האָט דאָרט גוט געדענקט, „ווי אַזוי די אַרטיסטן האָבן אָפּגענאַרט דעם עולם" און די יונגעלייט פון שטעטל

האָבן שוין געוואָרט מיט בענקשאַפט, אַז עס זאָלן זיך אהין אַראָפּוויזן אַ פּאָר יידישע אַקטיאָרן, אַז מען זאָל זיי קענען אָפּברעכן די ביינער.

☆ ☆ ☆

אַזאַ מין שלים־מזל, צו קומען אין אַ שטאָט, פון וואַנען גלאַזער איז גראָד אַרויסגעפאָרן, נאָכדעם ער האָט דאָרט געמאַכט „די קאָמעדיע", האָט פונקט געטראָפן מיט מעכלען, דעם „לאַפּאַצאַן" און געשעפטס־פירער פון דער טעאַטער־טרופע פון „יאַנקל שיקסע־ניק."

ער איז געקומען מיט אַ ראָל טעאַטר־אַפישן אונטערן אָרעם; ער האָט דאָרט גערעכנט אויסציקלעבן אַפישן, אַז „דאָס בארימטע טעאַטער פון יאַקאָב פאָגל קומט אויף גאַסטראָלן".

ווען מעכל האָט ביי די בעלי־עגלות אויף דער באַן, נישט ווייסנדיק פון גאָר נישט אָנגעפרעגט ווי געוויינטלעך, וואו ס'געפינט זיך דאָ אין שטאָט אַ טעאַטער־זאַל, זענען זיי אים באַלד ביים אַרויסגיין פון וואַגזאַל באַפאַלן מיט איבערגעדרייטע בייטשן־שטעקנס און האָבן אים געשלאָגן אַזוי לאַנג, ביז ער איז אַ באַגאָסענער מיט בלוט אַנידערגעפאַלן אויף דר'ערד אַ פאַרחלשטער.

אַרום דעם ליגנדיקן האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עו־לם, וועלכער האָט דעם אומגליקלעכן מעכל באַשפּיגן, אָפּגעריסן פון אים די קליידער, און זיך געוואָלט נעמען ווייטער אים שלאָגן, ווען נישט עטלעכע פּאָליציאַנטן, וואָס זענען צוגעקומען און דעם פאַרבלוטיקטן מעכל אַוועקגעטראָגן אין דער פּאָליציי־תפיסה.

דאָרטן איז מעכל אָפּגעלעגן אין „געהאַקטע וואונדן" עט־לעכע טעג און ווען ער איז צוריקגעקומען מיט אונטערגעהאַקטע אויגן און מיט אַלטע צעריסענע קליידער צו דער טרופע פון

„יאנקל שיקסעניק", וואו מען האָט נישט געוואוסט וואו אהין ס'איז ערגיץ אַהינגעקומען מעכל, האָט מען אים קוים דערקענט.
ווען מעכל איז גלייך פון דער באַן אריין צום דירעקטאָר פאָגעל אין צימער און האָט ביי דער טיר שטייענדיק אויסגע־שריגן דאָס וואָרט „גלאַזער", האָבן די אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וואָס זענען גראָד דאַן געווען פארזאַמלט ביים דירעקטאָר אין צימער און גערעדט וועגן „טעאַטער־פּאָליטיק" — באַלד פאַר־שטאַנען, וואָס עס האָט פּאַסירט.
די דירעקטאָראָווע האָט זיך צעלאָזט אין אַ שרעקלעכן געוויין, זי האָט אויף זיך געריסן די באַקן און איז צוגעפאַלן צו מעכעלען מיט אַ מוראַדיקן געשריי:
— מעכעלע! מעכעלע! וואָס האָט מען דיר געטון? ווער האָט עס דיך אַזוי צעהרגעט?!
מען האָט דעם „לאַפּאַצאַן" אוועקגעלייגט גלייך אין בעט אַריין און ווערדער, וועלכער איז געווען דער „היימישער דאָקטאָר" אין טרופּע, האָט אים געלאָזט מאַכן קאַלטע קאָמפּרעסן.
— שאַט! — האָט זיך פּלוצלינג אָנגערופן ברעטלער, — וואָס זאָגט איר? גלאַזער? ער איז דאָך דאָ אין שטאָט! איך האָב אים היינט געזען ביי איזיק מאירן אין שענק!
— יאָ! — האָט זיך אָנגערופן סאָלציע — ער זיצט דאָך מיט באַלאָווסקין! איך האָב אים אַליין געזען!
— אָט־אַזוי האָט זיך די טרופּע דערוווּסט וועגן גלאַזערס אָנוועזנהייט אין שטאָט און וועגן דעם, אַז באַלאָווסקי חברט זיך מיטן „לאַנגן גלאַזער".
— דו הערסט יאַנקל! מען דאַרף באַלאָווסקין אַרויסוואַרפן פון טרופּע! דו הערסט!
— אַרויסוואַרפן! אַרויסוואַרפן! — האָבן זיך צעשריגן די אַנדערע. — ס'איז אַ חרפה! ער וועט אונז אַלע אומגליקלעך מאַכן, דער שניידער־יונג, אַ־דער!
נאָך קלאַרע און ווערדער האָבן נישט געגומען קיין אָנ־

טייל אין דעם אַלגעמיינעם טומל.

ווערדער איז געשטאַנען ביי מעבלס בעט און האָט אי...
מיט אַ טערמאָמעטער „געמאָסטן די היץ" און קלאַרע האָט זי...
אַ שווייגנדיקע איבערגעדרייט צום פענסטער.

— זע נאָר, זי וויינט גאָר — העט מיטאַמאָל אויסגע־
שריגן די „קוואָטשקע".

— קלאַרע! וואָס טויג ער דיר? וואָס באַדאַרפסטו האָבן
באַלאַווסקין? — דו האָסט דאָך ווערדערן!

קלאַרע איז שלוכצנדיק אַרויסגעלאָפן פון צימער.

IX

באַלאָווסקיס נקמה

„יאַנקל שיקסעניק” האָט פאַרשטאַנען צו האַלטן זיין טעאַטער פעסט אין די הענט. ווען די אַקטיאָרן האָבן געפאָדערט „אַרויסצוּוואַרפן באַלאָווסקי פון טרופּע”, ווייל ער איז געוואָרן „גוטער ברודער” מיטן „שיכּור גלאַזער” האָט ער אַמערשט בכלל נישט געענטפערט, גלייך וואָלט זיך דאָס אַלץ מיט אים גאָר נישט אָנגעהערט. ער האָט געגעבן רעכט די אַקטיאָרן, ער האָט געברוּמט אונטער דער נאָז „יאָ, יאָ מ'עט דאַרפן זען עפּעס צו טון”, אָבער געטון האָט ער גאָרנישט.

ער איז פון יאָרן שוין געווען דירעקטאָר פון אַ יידישן טעאַטער און ער האָט זיך שוין געהאַט זיינע כּללים אין זיין פאַרקער מיט די אַקטיאָרן און אַקטריסעס.

— שוישפּילער צווישן זיך — פלעגט ער זאָגן — זענען ווי די גאַסן-פרויען. היינט שלאָגן זיי זיך, מאָרגן בעטן זיי זיך איבער. איכל זיך צווישן אייך נישט מישן! טוט אייך וואָס איר ווילט, אָבער מיין טעאַטער זאָלט איר מיר לאָזן צורו! צוליב אייך וועל איך נישט אויפלייזן קיין טעאַטער און ווערן אַ סוחר. און ספרים שרייבן וועל איך אויך נישט. ווער ס'וויל גיין, מעג ער זיך גיין געזונטערהייט! איך האַלט קיינעם נישט צו און איך וואַרף קיינעם נישט אַרויס! מיך לאָזט אָפּ, מיט אייערע אַקטיאָרישע געשעפטן.

און אַזוי איז עס געקומען, אַז באַלאָוואָסקי איז געבליבן אין טרופּע. אַ גאַנצן טאָג האָט מען אים נישט געזען, קיין פּראָבעס האָט מען שוין לאַנג נישט געמאַכט, ווייל די טרופּע האָט געשפּילט בלויז אַלטע, שוין געשפּילטע שטיק און באַלאָוואָסקי האָט מיט קיינעם פון די אַקטיאָרן קיין פּאַרקער נישט געהאַט. אָוונטס איז ער געקומען פּינקטלעך אין גאַרדעראָב, האָט זיך אַ שווייגנדיקער אָנגעטון, האָט אים עמעץ עפּעס געפרעגט, האָט ער נישט געענטפערט און איז אַ שטילער, פאַרלוירן אין זיינע מחשבות געזעסן הינטער די קוליסן און האָט געוואַרט אויפן רעפּליק.

ווען ער איז אַרויס אויף דער בינע האָט מען נישט איינמאָל געפילט פון אים דעם בראָנפן אויף עטלעכע שריט פון דערווייטנס. די אַקטיאָרן האָבן געפלוכט און ווען מען האָט וועגן דעם דערציילט דעם דירעקטאָר, האָט ער אַ מאַך געטון מיט די אַקסלען:

— קינדער, וואָס גייט דאָס מיך אָן? און וואָס גייט דאָס אייך אָן? וואָס אַרט עס אייך, ווען ער שיכורט? ער עט אַזוי לאַנג שיכורן, ביז ער וועט אויפהערן... מען פילט פון אים דעם שנאַפּס? וועל איך אים זאָגן, אַז ער זאָל אָנהויבן צו טרינקען פּאַרפיום!

און דער דירעקטאָר האָט זיך איבערגעדרייט און איז אַוועקגעגאַנגען צו דער קאַסע.

באַלאָוואָסקי האָט זיך שוין אויף קלאַרען נישט אומגעקוקט. ווען ער האָט זי געטראָפן צופעליק אין אַן ענגן דורכגאַנג הינ־טער די קוליסן, האָט ער זי תמיד געלאָזט אַדורכגיין פריער, ער האָט גאָרנישט געזאָגט, גלייך ער וואָלט זי קיינמאָל נישט געזען געקענט, גלייך וואָלטן זיי נישט מיט אַ קורצער צייט צוריק געווען „כמעט חתן כלה".

קלאַרע איז דאַן קנאַפּ נעבן אים פאַרבייגעגאַנגען, זי האָט

נישט געקוקט אין זײַן זײַט און האָט אויסגעמיטן זיך צוזאַמענ־טרעפן מיט אים.

אָבער שטענדיק האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז באַלאָווסקי קוקט איר נאָך. זי האָט דאַן געשפּירט גלײַך ווי אַ הייסן הויך אין נאַקן. זי האָט געפּרוווט נישט אומקוקן זיך, זי האָט גע־דרייט מיטן קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס, ביז זי האָט גלײַך, ווי אונטער עמעצנס געהיימען באַפעל, מיט בייזקייט זיך אומגעקוקט. אַן אומרויקע פלעגט זי זיך דאַן שוין אַ גאַנצן אָוונט אַרומדרייען און זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. אומעטום, אַזוי האָט זיך איר אויסגעדאַכט, קוקט איר נאָך באַ־לאָווסקי.

זי האָט דאָס לאַנג געהאַלטן אין זיך, ביז זי האָט דאָס איינמאָל דערציילט ווערדערן.

— יולעק, לאָמיר אַוועק פון דאַנען! לאָמיר אַוועק פון דער טרופּע און פאָרן ערגעץ אַנדערש, וואו ס'נישט איז, אַבי נישט דאָ מיט אים צוזאַמען. איך פיל זיך עפּעס אַזוי נישט גוט. ווייסט, איך בין היינט געווען ביי אַ קאָרטן־לייגערין — — —

ווערדער האָט איר אַ בייזער איבערגעהאַקט:

— ווידער מיט דיינע נאַרעשקייטן, מיט קאָרטנלייגערינס און נאַרישע אַקטיאָרסקע איינרעדענישן! איך זאָג דיר, קלאַרע, זאָלסט אויפהערן מיט די אַלע זאַכן! אַלעמאָל קריכט פון דיר אַרויס דאָס טעאַטער! געוויין דיר שוין אָפּ אַמאָל די אַלע „טעאַטראַלע שטיקלעך"!

קלאַרע איז דאַן אַוועקגעגאַנגען אויף עטלעכע שריט, זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און האָט געקוקט פאַר זיך מיט גרויסע, פאַרטראַכטע אויגן.

ווערדער האָט זיך אומגעדרייט עטלעכע מאָל איבערן צי־מער, האָט איר פונדערווייטנס צוגעוואָרפן בייזע בליקן, ביז אים האָט גענומען באַנג טון אויף זיינע ווערטער. ער איז צוגעגאַנגען

צו איר, האָט אַנידערגעקניט פאַר אירע פיס און האָט אַנידער־געלייגט זיין קאָפּ אויף איר שויס.

— זיי נישט בייז אויף מיר, קלאַרע! איך האָב דיר דאָך נישט געוואָלט קיין בייז טון.

קלאַרע האָט אים געגלעט איבער די האָר, זי האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ מיט ביידע הענט, האָט אים געקוקט מיט פאַרטרערטע אויגן אין זיין פנים אַריין און האָט געפרעגט, שטיל און מיט פאַרמאַכטע ליפּן!

— אָבער דו האָסט מיך ליב, יולעק!

— יאָ, יאָ, איך האָב דיך ליב! — האָט געשטאַמלט ווערדער. זיינע הענט האָבן געבלאָנדזשעט איבער איר לייב, וועלכעס עס האָט זיך קיל אַרויסגעפילט פון אונטער איר דינעם קליידל, ער האָט זיך פעסט צוגעדריקט צו איר און האָט זי גענומען קושן, איבער די הענט, איבער די אָרעמס, איבערן פנים.

קלאַרע האָט אים לייכט אָוועקגעשטופּט פון זיך:

— נישט איצט, נישט איצט טייערער. ס'איז דאָך העלער טאָג! מען דאַרף נישט.

— ער איז דאַן באַלד אויפגעשפּרונגען פון די קניעס אַוועק צום פענסטער און האָט אַרויסגעקוקט מיט אַן אָנגעכמורעטן פנים.

דאָס מיידל איז לאַנג געזעסן אין איר ווינקל. אין שטוב האָט געפלאַטערט אַ דריקנדיקע שטילקייט, ביז דאָס מיידל האָט ווידער אָנגעהויבן:

— פון וואָס קלערסטו איצט, יולעק?

ער האָט נישט געענטפערט. אין דער שטילקייט פון צימער האָט זיך בלויז געהערט, ווי ער קריצט מיט די ציין.

— זאָג, יולעק, שטיי איך דיר אין וועג? דו וואָלסט אפשר וועלן צהיים פאָרן, צו דער מאַמען צום טאַטן. טאַקע, וואָס איז דיר איינגאַנצן דאָס טעאַטער? דו האָסט דען נישט צו

עסן אין דער היים, צי וואָס? אַט אַ שטיקל פֿאַנטאַזיע בײַ דיר געווען און נישט מער! אַ שטיקל פֿאַנטאַזיע...

קלאַרע האָט געזאָגט „פֿאַנטאַזי״, אַזוי ווי מען זאָגט עס אין אַ „היסטאָרישער פּיעסע״ אויף דער בינע און וועדער האָט זי גענומען מוסרן.

— ווי ס'זאָל נישט זײַן, אויף קיין שום פֿאַל זאָגט מען אָבער נישט אין ייִדיש „פֿאַנטאַזי״, נאָר „פֿאַנטאַזיע״. פֿאַנטאַזי־ע! דו פֿאַרשטייסט?

זי האָט אים אָנגעקוקט און געשמייכלט פֿון אונטער די טרערן:

— וואָס איז דאָ דער חילוק? „פֿאַנטאַזי צי פֿאַנטאַזיע״, אַלץ איינס קבצן! ס'איז אין דר'ערד דאָס שנײַדערײַ און שוין! אַט־אָ־דאָס איז עס!

זי האָט פֿאַרפֿלאָכטן די הענט אויף די קניעס און האָט ווידער געשוויגן מיט אַן אײַנגעשפּאַרטקייט.

★ ★ ★

זײַט אַ צײַט האָט קלאַרע מיט וועדערן געוווינט צוזאַמען. ווען באַלאָזוסקי האָט איר גענומען נאָכגיין שריט בײַ שריט, איר נאָכשפּיאָנירן, איר דראָען, אַז ער וועט איר אָפּגיסן דאָס פּנים מיט וויטריאָל, איר „ברעכן די ביינער״, ווען ער וועט זי זען נאָכאַמאָל רעדן מיט וועדערן, מיט אָט־אָ־דעם יאָלד, דעם „תּמוואַטן״, האָט זי וועגן דעם דערציילט וועדערן און ער האָט געזאָגט צו איר קורץ אַנטשלאָסן:

— גוט, אויב ער לויפֿט דיר שוין טאַקע נאָך, און אַז ב ער דראָט דיר, וועלן מיר טאַקע וווינען אינאיינעם! סײַ־ווי רעדן זיי אויף דיר, זאָלן זיי כאָטש האָבן פֿאַרוואָס!

קלאַרע האָט זיך דאָס גאָרנישט געקענט מוחל זײַן, וואָס זי איז דערויף אײַנגעגאַנגען, נישט, אַז דאָס זאָל איר האָבן

באנג געטון, וואָס זי האָט אָנגעהויבן ווינען מיט ווערדערן ווי מאַן און ווייב! דאָס נישט! זי האָט אים דאָך ליב געהאַט מיט א יעדן מינדסטן קעמערל פון איר יונגן הארץ! נאָר זי האָט זיך עטוואָס, ווי געשעמט. ווען זי האָט זיך באַקענט מיט ווערדערן, האָט זיך איר געדוכט, אַז ער איז עפעס גאָר, גאָר אַנדערש ווי די אַלע מענטשן, וואָס זי האָט ביז איצט געקענט און אין וועמענס סביבה זי האָט געלעבט. און דערווייל איז אַלץ געקומען, ווי זי האָט געהערט וועגן דעם, אַז עס געשעט צווישן די אַקטיאָרן און אַקטריסעס. זי ווינט צוזאַמען מיט אים, זיי לעבן צוזאַמען און אָט-אָ-דאָס איז עס? וואו-זשע איז דאָך טאַקע דער חילוק?

אויף דעם האָט זי קיין ענטפער נישט געפונען.

און דאַן: קלאַרע האָט באַמערקט, אַז אין טרופּע באַציט מען זיך צו איר שוין נישט מיט דער פריערדיקער ליבשאַפט און מיט דרך ארץ, צו וועלכן זי איז געוואָן צוגעוווינט פון פריער. ווען זי איז פריער געווען צוזאַמען מיט די אַקטיאָרן, האָבן זיי זיך פאר איר אויסגעהיט מיט מיאוסע רייד, האָבן נישט גערעדט קיין צווייטייטיקייטן און האָבן איבערגעהאַקט זייערע אינטימע נבול-פּה-געשפרעכן, ווען זי איז נאָר אַריינגעקומען אין גאַרדעראָב. אפילו דער אַלטער גארפיין, וואָס האָט גערעדט מיט א שיכורער צונג די נידריקסטע גאַסן-ווערטער, ווען ער האָט דערזען קלאַרען, האָט ער אָפּגעהאַקט אין מיטן זיינע „מאַאַסעס” און איז צו צו קלאַרען.

— קלאַרע, עך זאָל אַזוי לעבן, עך וועל שוין נישט מער! ס'האָט זעך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט! קלאַרע, דו הערסט? עכל שוין נישט רעדן אַזוי!

קלאַרע האָט אים דאַן געדראָט מיט איר שיינעם, קליינעם פינגער: איר וועט זען, איך וועל נישט רעדן מיט אייך, גארפיין!

און דאָס איז שוין גענוג געווען, אַז אפילו גארפיין זאָל זיך אויסהיטן אין איר אַנוועזנהייט מיט א מיאוסן וואָרט.

אָבער זינט קלאַרע האָט אָנגעהויבן „צו גיין" מיט וועל־דערן און בפרט זינטן טאָג, וואָס זי האָט מיט אים געווינט צו־זאַמען, האָט דאָס אַלץ אויפגעהערט.

די אַקטיאָרן האָבן הויך אויפן קול אין קלאַרעס אָנוועזנ־הייט גערעדט איבער זייערע אינטימסטע עראָטישע פּאַסירונגען. זיי האָבן די „מאַאַסעס געוואָלגערט" מיט אַ באַזונדער׳ער צו־פרידנקייט, „צעלייגט אויף טעלערלעך", אַז קלאַרען איז די מיאוסקייט נישט איינמאָל געקראָכן אין האַלז אַריין און זי האָט געמיינט, אַז אָט-אָט וועט זי ברעכן.

ווען זי האָט געזאָגט צו די אַקטיאָרן, אַז עס פּאַסט נישט אַזעלכע ווערטער צו רעדן אין געגנוואַרט פון אַ דאַמע, האָבן זיי זיך אומגעקוקט אויף איר בלויז מיט האַלבע בליקן פון דער זייט און ווייטער דערציילט זייערע „מאַאַסעס".

עס איז אפילו געקומען אַזוי ווייט, אַז די קוואַטשקע, וואָס האָט ביז דאַן אפילו נישט דערוועגט זיך צו רעדן הויך אַ וואָרט אין קלאַרעס אָנוועזנהייט, האָט זיך איבערגעדרייט צו סאַלציען און האָט געזאָגט פּאַרציענדיק די בלאַסע ליפּלעך:

— דו הערסט, סאַלציע? ס׳זאָל מיך כאַטש עפּעס אָרן, וואָס די מענער רעדן דאָרט! איך פאַרשטיי גאָרנישט קיין וואָרט פון דעם!

און סאַלציע האָט צוגעגעבן:

איך פאַרשטיי אויך גאָרנישט! זאָגט מיר, פרייליין קלאַרע, וואָס הייסט עפּעס דאָס וואָרט, וואָס זיי האָבן גראָד איצט גע־זאָגט?

און די כאָריסטקע האָט מיט אַן אומשולדיקער מינע אָנ־גערופן אַזאַ מין געמיין וואָרט, אַז קלאַרע איז אַזש רויט גע־וואָרן ביז אין טיפן האַלז אַריין.

די „קוואַטשקע" האָט איבערגעחזרט דאָס דאָזיקע וואָרט, האָט עס ווי געהאַלטן, „פּאַסמאַקנדיק" אויף דער שפּיץ צונג און עס נאָכגעזאָגט עטלעכע מאָל, ביז ביי איר און ביי די איבריקע

מיידלעך פון כאָר האָבן גענומען בלישטשען די אויגן און פלאַ-
מען די באַקן מיט אַן אומגעזונטער רויטקייט.

פרוי פוטער, וועלכע האָט אין דער לעצטער צייט „אָנגעהויבן
האַלטן מיט קלאַרען, האָט איבערגעריסן דאָס דאָזיקע שפּיל:

— שטיל דאָרט, שלעפּלעך! — האָט זי געשריגן צו די
כאָריסטקעס — אז דו וועסט דאָס אַזוי לאַנג האַלטן אין מויל,
וועסטו זיך נאָך דערוואָרגן מיט דעם.

אַזעלכע סצענעס זענען אָבער פאָרגעקומען אין גאַרדעראָב
נאָר דאַן ווען ווערדער איז נישט געווען. קלאַרע האָט זיך אים
געשעמט דאָס צו דערציילן און אַזוי האָט זי זיך יעדן אָוונט
געהאַט אויסצושטיין די מאַטערנישן, — צוליב ווערדערן.

דעם גאַנצן טאָג האָט קלאַרע פאַרברענגט מיט ווערדערן
צוזאַמען אין האָטעל-צימער.

ער איז געזעסן ביים פענסטער מיט אַ בוך אין האַנט און
קלאַרע האָט געקוקט אויף אים פון איר ווינקל און אים נישט
געוואָלט שטערן אין זיין פאַרטיפונג. נישט איינמאָל האָט זי אים
געוואָלט פרעגן, וואָס אַזעלכעס ער לייענט. זי איז דאַן אויפגע-
שטאַנען פון בענקל, איז צו צו אים מיט שטילע טריט און האָט
זיך פאַר אים אָפּגעשטעלט, קוקנדיק אויף זיין אָנגעבויגענעם
קאָפּ.

עס איז פאַרגאַנגען אַ היפּש שטיקל צייט ביז ווערדער
האָט אויפגעהויבן די אויגן פון בוך, האָט זי אָנגעקוקט מיט
מאַטע אויגן און זי געפרעגט גלייכגילטיק:

— יאָ?

קלאַרען האָט עס דאַן ווי אָנגעכאַפּט ביים האַרצן, די
ווערטער, וועלכע זי האָט געהאַט צוגעגרייט זענען איר ערגעץ
פאַרפאַלן געוואָרן און עס איז ווידער פאַרגאַנגען אַ צייט, אַז
זי האָט אַרויסגעזאָגט מיט פלוצלינג פאַרטרוקנטע ליפּן:

— גאָר נישט.

זי האָט באַנעצט די ליפּן מיט דער צונג, האָט עטלעכע

מאָל געעפֿנט דאָס מויל און איז שטיין געבליבן פֿאַר אים מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט. אין איר האָט זיך געוואָרפֿן אַ וואָרט, עס האָט געוואָלט זיך אַרויסרייסן פֿון דער טיפֿקייט פֿון איר מוח, אָבער זי האָט דאָס קיינמאָל נישט געקענט געפֿונען. אַלץ, וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן, האָט זיך איר אויסגעוויזן נישט אויפֿן אָרט, נישט צו דער צייט, און זי האָט מורא געהאַט, אַז ווערדער זאָל זי ווידער אָנקוקן מיט שטרענגע אויגן און זי ווידער פֿרעגן, נאָר דאָס איינע וואָרט:

— יאָ?

און זי איז צוריקגעגאַנגען צו איר ווינקל.

זי האָט זיך צוגעשלייכט מיט אומהערבאַרע שריט צום בעט, אונטער וועלכן עס איז געשטאַנען ווערדערס קעסטל מיט די ביכער, און האָט עס גענומען אָפּערציען.

פֿאַר גרויס אָנגעשטרענגטקייט צו טון אַלץ, וואָס שטילער, האָט זי געפֿילט ווי עס באַגיסט זי אַ שווייס, ווי אירע פֿיס ציטערן אין די קניעס און ווי די הענט, וועלכע האָבן געטאַפּט פֿאַר זיך דאָס שלעסל פֿון קעסטל, כּדי נישט־דערהערבאַר איבערצודרייען דעם שליסל, ווערן קאַלט ביז איבער די שפּיץ־פֿינגער און טוען דאָס אַלץ מיט אַ אומגעלומפּערטקייט, וואָס זי איז ביי זיך קיינמאָל נישט געוווינט געווען. עס איז פֿאַרגאַנגען גוטע עטלעכע מינוט, ביז זי האָט פֿון אונטער דעם אויפֿגעעפֿנטן דעקל פֿון קעסטל אָנגעטאַפּט עפּעס אַ גראָב בוך און האָט עס געפּרוווט אַרויסציען. מיט דערזעלבער מי וואָס פֿריער האָט זי ווידער פֿאַרמאַכט דאָס ביכער־קעסטל.

ווען זי איז אויף די שפּיץ־פֿינגער צוגעגאַנגען צו איר פּלאַץ און האָט זיך געוואָלט אַ שטילע אַנידערזעצן לייענען דאָס בוך, האָט זי מיטאמאָל דערזען ווי ווערדער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, קוקט איר גלייך אין פּנים אַריין און אין זיינע צוויי קנייטשן ביים מויל בלאָנדזשעט אַן אַראָפּגעדריקטער שמייכל.

— וואָס מיינסטו, איך בין עפּעס אַ קינד! — האָט פּלוצ־

לינג פון קלאַרן אַרויסגעשריגן איר ביז־איצט באַהאַלטענער צאָרן.

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר! — האָט זי זיך צעשריגן, ווי נישט מיט איר שטים.

ווערדער איז אויפגעשטאַנען, האָט פאַרמאַכט דאָס בוך, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, האָט עס אַנידערגעלייגט אויפן טיש און איז צוגעגאַנגען צו קלאַרען. זי איז געשטאַנען מיט בליצנדיקע אויגן און איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ווען ער זאָל זי איצט ווען אָנרירן מיט זיינע רויקע, שטענדיק־וואַרעמע הענט, וואָלט זי אים אַ פּאַטש געטון אין פּנים!

אָבער ווערדער האָט גענומען פון טיש די וואַסער־פלאַש, האָט זיך אָנגעגאָסן פּאַמעלעך אַ גלאָז וואַסער און האָט עס געטרונקען, בעת קלאַרע האָט מיט פאַרווונדערטע אויגן געקוקט אויף זיין גלאַטיקן, ווייסן האַלז, ווו ביי יעדן שלוק האָט געטאַנצט אַ ביינדעלע אַרויף און אַראָפּ.

דאַן האָט ער געפרעגט:

— מיר וועלן אַביסל אַראָפּגיין שפּאַצירן? וואָס?

★ ★ ★

אַממערסטן האָט קלאַרע ליב געהאַט די דאָזיקע שפּאַצירן.

דער נאָכמיטאָג האָט גערופן. ער האָט זיך אַריינגעריסן מיט דער זאַטער וואַרימקייט פון אַ זומער־טאָג אין די פיר ווענט פון האָטעל־צימער און קלאַרע האָט דערפילט ווי אין איר צעזינגט זיך אַ פרייד, אַ לוסטיק ליד, וועלכעס זי האָט געהערט ערגעץ נאָך קינדווייז, ווען זי איז געשטאַנען אַ קליין מיידל מיט אַ פינגער אַריינגעשטעקט אין מויל און האָט זיך צוגעקוקט ווי

די קינדער דרייען זיך אין שטאָטישן גאָרטן אין א קאראהאָד און זינגען מיט קווישנדיקע קולעכלעך:

יאוואָר, יאוואָר, יאוואָראָווי לודזיע
דאָקאָנד טאָ יידזיעטציע?
אידזיעמי פאָ מאָסטציע
פושי פאנו סטאראָסטציע,
א טזשי קאָניע פושעפושטשאָמי
א יעדנעגאָ זאָסטאַוויאָמי.

און זינגענדיק שטיל אין זיך אריין דאָס קינדערשע לידל האָט קלארע זיך געפּאָרעט איבערן צימער, האָט געעפנט איר קופערט מיט די קליידער און מיט דער וויסער וועש. וואָס פון איר האָט עס געשמעקט איבערן צימער מיט א פּארפיום. — זי האָט זיך שנעל אָנגעטון, גיך! גיך! ארויס פון דאנען! זי גייט שפּאַצירן מיט יולעקן!

זי האָט זיך אראָפּגעוואָרפן דאָס לייכטע קליידל, אין וועלכן זי איז ארומגעגאנגען אין שטוב און ווען זי האָט זיך אליין דער-געקוקט פון אונטער די קאָראַנקעס, וואָס מיט זיי איז געווען באנאכט איר העמד — האָט זי זיך פאר פרייד אליין געקלאפּט מיט די הענט איבער די אָרעמס. זי האָט זיך אָנגעטון שנעל, ארויפגעוואָרפן אויף זיך וואָס-בישט-איז און איז געבליבן שטיין פאר ווערדערן מיט גלאנצנדיקע אויגן:

— קום!

אינדרויסן איז געלעגן צעשפּרייט דער זומער און די לופט האָט געציטערט מיט ליכטיקייט און ווארימקייט. ביידע יונגע מענטשן האָבן אויף גיך פארלאָזט די שטאָט, אָנגעהאָנגען איינס אינם אנדערן און ווען זיי זענען געקומען אונטערן שטעטל האָבן זיי גייענדיק נאָך איבערן פארשטויבטן שאָסע געזוכט א פּלאַץ אינם וועלדל, וואָס איז געלעגן צו רעכטער האנט פונם

*) א פּויליש קינדערלידל

פעלד, וועלכעס האָט געבליט מיט דער געלער זאַפטיקייט פון ציטיקן ווייץ און געבלענדט דאָס אויג מיט דער שטראַלנדיקער בלויקייט פון די בלאָוואַטקעס.

זיי זענען געגאַנגען איבער אַ שמאָלער סטעזשקע צווישן צוויי פעלדער און, ווען זיי האָט ארומגענומען די קילקייט פון די נאָדל־ביימער, וואָס האָבן געווינקען צו זיי מיט די טונקל־גרינע צווייגן, האָט זיך אין די הערצער פון די צוויי ליבנדיקע צעשפילט עפּעס אַ פּלוצלימדיקע פרייד און זיי זענען צוגעפאַלן איינס צום אַנדערן דורשטיקע, מיט פייכטע ליפּן און צעהיצטע הענט און האָבן זיך געדריקט איינס צום אַנדערן אַלע מאָל ווידער, אָן אָפּרו און פאַרגעסנדיק אין אַלץ אַרום.

מידע פון אומדערפולטער קערפּערלעכער בענקשאַפט האָבן זיך ביידע אַנידערגעזעצט אויפן ווייכן טעפּיך פון פאַרטרוקנטע נאָדלען מיט וועלכע ס'איז געווען אויסגעבעט די ערד אונטער די בוימער; זיי האָבן זיך פעסט געהאַלטן ביי די הענט און גע־קוקט אויף זיך מיט אַ גרענעצלאָזער ליבשאַפט, וואָס האָט זיך באַנייערט, דאַכט זיך, און איז שטאַרקער געוואָרן פון אַ יעדן צופעליקן באַריר פון די ציטערדיקע הענט, פון דעם ריח פון די האָר, פון די הייסע, יונגע קערפּערס און פון דעם וואַלד, וועלכער האָט געווינקען אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרזונקענער אין עפּעס נישט אויסגערעדטע סודות.

אַלץ האָט זיך זיי אויסגעוויזן ניי, פול מיט פריידיקע, ליכטיקע אַנטפּלעקונגען, אויף וועלכע די אויגן זענען ביז איצט געווען פאַרמאַכט און — זע נור וואָס פאַרא נאַראָנים מיר זענען! — מיר האָבן דאָס ביז איצט קיינמאָל נישט געזען.

ווערדער האָט זיך גענומען קאַטשען איבערן ווייכן, גלי־טשיקן נאָדל־טעפּיך און ער האָט געלאַכט הירזשנדיק און שרייענ־דיק מיט אויסטערלישע קולות אין אַ שפּראַך, וועלכע איז קיין שפּראַך נישט געווען; סיידן, אַז עס האָבן זיך מיט איר אַמאָל באַנוצט די ערשטע אורמענטשן, ווען זיי האָט געכאַפּט אין די־

אָרעמס די פרייד פון זומער-נאָכמיטאָגן און דאָס גליסטונג נאָך אַ פרוי.

קלאַרע איז געזעסן אויפן אָרט און האָט געקייכט פאַר געלעכטער קוקנדיק אויף יולעקן — מיין יולעק! — וועלכער האָט פאַראַרבעט ווי אַ קינד, געשטעלט זיך אויפן קאָפּ, געגאַנ-גען אויף די הענט און פאַרציענדיק זיין פנים צו לוסטיקע אויסטערלישע גרימאַסן, האָט ער באַוויזן פאַר קלאַרען אַלע קונצן, וועלכע ער האָט זיך ווען ס'איז אויסגעלערנט נאָך קינדער-ווייז, שפּילנדיק זיך אויף דער קאַנאַפּע אין עס-צימער פון זייבע טאַטע-מאַמע.

און ווען די קלויסטער-גלאָקן האָבן גענומען קלינגען צום אָוונט-געבעט און, ווען זייער געקלאַנג האָט זיך מיט אַ ווידער-קול אָפּגעשלאָגן פון דער וואַנט בוימער אין וואַלד — איז קלאַרע צוגעפאַלן צו יולעקן, זי האָט אים געקושט אויף דער נאַקעטער ברוסט און אויפן האַלז און האָט זיך איינגעוויגן אין אים מיט אירע ליפּן און מיט די ציין, איבערלאָזנדיק אויף די ערשטע רויטע פלעקן.

— דאָס וועסטו האָבן אַ אָנדענק פון מיר יולעק! — האָט זי געלאַכט — אז דו זאָלסט וויסן, ווי פיינט איך האָב דיך!

זיי זענען אין שטאָט אריין געקומען שפּעט אָוונטס. די לופט אין האָטעל, וווּ זיי זענען אָפּגעטרעטן כדי זיך מיטצוזעמען די זאַכן, אין וועלכע זיי האָבן זיך געגוויטיקט צו דער פאַר-שטעלונג, האָט זיך זיי אויסגעוויזן מאָדנע דושנע, ווי אָנגעפולט מיט פאַרדומפּנקייט פון ענגעניש און קליינשטעטלדיקע באַגרע-ניצונג.

קלאַרען האָט די דאָזיקע ענגעניש געמאַכט שטאַרק מיד שווייס-טראָפּנס זענען איר אַרויסגעקומען אויפן שטערן און וואָס מער זי האָט זיי אָפּגעווישט מיט דער האַנט, אַלץ מער האָבן זיי זיך אַרויסגעקייקלט פון אונטער דער הויט. דאָס קלייד האָט בעקלעבט אָן איר קערפּער און זי איז מיטאַמאָל בלאַס געוואָרן

אָנלענענדיק זיך ביים קאָפּ פון בעט, ביי וועלכן זי האָט זיך געהאַלטן מיט די ווייסע הענד, וואָס האָבן ביי איר געציטערט פאַר שוואַכקייט.

זי האָט שטיל אויפגעזיפצט און ווען ווערדער, וועלכער איז געווען פאַרנומען מיט ארויסנעמען די „בינע-קליידער" פון דער שאַפע, האָט זיך צו איר איבערגעדרייט, האָט ער זיך דערשראָקן פאַר איר פלוצלינגדיקע בלאסקייט. זי האָט געקוקט אויף אים מיט ווייט-אויפגעעפנטע אויגן, וואָס זענען איר ווי אונטער דער האַנט גלייך ווי אריינגעפאַלן וואָס אמאָל טיפער אין קאָפּ אריין, דאָס מויל האָט זי געהאַט אָפן און האָט נישט געקענט דערכאַפּן דעם אָטעם; ווערדער האָט זיך איבערגע-שראָקן:

— וואָס איז? וואָס איז מיט דיר?

ער האָט איר דערלאַנגט אַ גלאָז מיט וואַסער, פון וועלכן דאָס מיידל האָט געטרונקען אָנקלאַפנדיק אין דעם מיט די ציין, וואָס האָבן ביי איר נישט-איינגעהאַלטן געציטערט.

— עס איז מיר שוין גאָר נישט! ס'איז מיר שוין בע-סער — האָט זי געפרוווט שמייכלען. — יולעק! האָט זי זיך באַנייט אויסצוזען פריילעך — איך וועל אַליין פרווון אַראָפגיין אין טעאַטער. איך קען נישט בלייבן לענגער אין צימער! איך פיל מיר ווערט דאָ שלעכט! קום באַלד אַראָפּ נאָך מיר, יולעק! און די זאכן נעם מיט!

און דאָס מיידל איז אַ וואַקלדיקע פאַר שוואַכקייט אַרויס-געגאַנגען פון צימער.

ווערדער האָט איר געוואָלט נאָכלויפן, זי געוואָלט אָפּ-האַלטן, זי זאָל נישט גיין אַליין, אָבער ווען ער איז אַרויס אין האָטעל-קאָרידאָר, האָט אים קלאָרע אָפּגעהאַלטן:

— לאָז מיך גיין אַליין, יולעק: ס'איז מיר שוין בעסער! גיי, גיי צוריק אין צימער אַריין! איך וועל גיין אַליין! די לופט וועט מיר גוט מאַכן!

זי איז אַראָפּ פון די האָטעל=טרעפּ טריט ביי טריט־ צוהאַלטנדיק זיך פון צייט צו צייט ביי די פּאַרענטשעס.

ביים האָטעל-אַריינגאַנג האָט זי מיטאַמאָל דערזען באַלאָווסקין. ער איז געשטאַנען ביי דער גלאָז-טיר, וואָס האָט פון האָטעל גע־ פירט אין גאַס אַרויס און האָט זין געביסן די נעגל. ער איז אַ פּנים געווען שיכּורלעך, ווייל קלאַרע האָט דערזען, ווי זיינע אויגן, וועלכע האָבן געקוקט אויף איר, זענען פאַרלאָפן ווי מיט אַ פאַרע און אַז ער האַלט זיך נישט אינגאַנצן זיכער אויף די פיס.

קלאַרע האָט געפּרווט דורכגיין נעבן אים, אָבער באַלאָווטקי האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג:

— זאָג נאָר, דו! — האָט ער געשעפּטשעט צו קלאַרען — זאָג נאָר, דו!

— וואָס ווילסטו? לאָז מיך אַדורך!

— אַדורך ווילסטו? אַדורך!

— און דער יונגער אַקטיאָר איז צו גאַנץ נאָענט צו קלאַרען און מיטאַמאָל האָט זי דערפילט, ווי עס פאַלט זיין האַנט אויף איי־ רע באַקן. דער ברענענדיקער שמערץ האָט זי געשטאָכן אין פּנים. זי האָט אָנגעהויבן שרייען, אָבער דאָס האָט נאָך מער באַלאָווסקין אַריינגעבראַנגט אין כּעס. ער איז איר פאַרפאָרן מיט דער פאַר־ מאַכטער פויסט אין דער נאָז און קלאַרע איז אַנידערגעפאַלן אויף דר׳ערד. זי האָט געשלונגען דאָס געזאַלצענע בלוט, וואָס האָט איר אָנגעפולט דאָס מויל. זי האָט זיך געוואַלגערט אויף דר׳ערד און האָט געשריגן:

— פאַרוואָס שלאָגסטו מיך? פאַרוואָס שלאָגסטו מיך! יולעק! יולעק!

דער ליגנדיקער אויף דער ערד האָט באַלאָווסקי געגעבן אַ טריט מיטן פיס אונטער די ברוסטן:

— דו, כאַנטע, דו!

ער האָט אויסגעשפּיגן אויף איר און איז אַנטלאָפן.

X

אין ט שאד פון בלוט

דינט יענעם אָווגט האָט מען שוין באַלאָווסקין נישט מער געזען. ער איז ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן פון דער טרופּע און קיינער האָט נישט געוואוסט וואו.

דערווייל האָט זיך דאָס טעאַטער פון יאַנקל פּאָגעל געשלעפּט פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל איבער דעם לאַנד גאַליציע און די טעג פון דער „טרופּע פּאָגעל" זענען אַוועק מיט די געוויינטלעכע געקריגערייען, אינטריגעלעך און „אונטערשטעלן פיסעלעך", וואָס אָן דעם קען זיך קיין טעאַטער נישט באַגיין.

די פּאָר מענטשן פון דער „פּאָגעל־טרופּע" האָבן געשאַפן ווי אַ באַזונדער וועלטל פאַר זיך; זיי האָבן געלעבט בלויז מיט די אייגענע, קליינע פריידן און צרות און זיך ווייניק וואָס געקי־מערט, וואָס עס טוט זיך מחוץ זייער „געשעפט".

אָבער מחוצן טעאַטער איז גראָד פאָרגעקומען עטוואָס גאָר נייעס, וואָס האָט זיך אויך ערטערווייז געלאָזט פילן אפילו אין דער פאַרמאַכטער וועלט פון טעאַטער.

די אַקטיאָרן פון יידישן טעאַטער און פיל ווייניקער פון אַ פּראָווינץ־טעאַטער איז עס נאָך קיינמאָל נישט געגאַנגען אַזוי גוט ווי דוקא איצט, ווען זיי האָבן זיך ממש געבאָדן אין גאָלד. די טעאַטערס זענען יעדן אָווגט געווען אויספאַרקויפט ביזן לעצטן אָרט. און דער טעאַטער־עולם האָט גאָרנישט געקוקט אויף דעם, וואָס די

פרייזן פון די טעאַטער-בילעטן זענען געוואַקסן כמעט אַ יעדן טאָג, לויט דעם, ווי ס'איז געגאַנגען אין דער הויך דער קורס פון אַמע-ריקאַנער דאָלאַר.

די אַקטיאָרן זענען אַרומגעגאַנגען איבער די שטעטלעך לאַכנדיקע, מיט אויסגעפּאַשעטע, רויטע פּנימער און יום-טובדיק אויסגעפּוצטע. מען האָט זיך נישט געדאַגהט וועגן „זבאָר", ווייל יעדער פון די טעאַטערלייט האָט געוואוסט, אַז ווען ער וועט אָנגעס קו-מען צו דער פאָרשטעלונג, וועלן אַלע בילעטן שוין זיין אויספאַר-קויפט, נאָך איידער די „דירעקטאָראָווע" וועט זיך באַווייזן „זעצן צו דער קאַסע".

נאָך ביי טאָג האָט „מעכל לאַפּאַצאַן" אַרויסגעהאָנגען ביי דעם אַריינגאַנג צום טעאַטער-זאַל דאָס שילדל מיטן אויפשריפט

א ו י ס פ א ר ק ו י פ ט !

וואָס האָט איצט געהערט צו די שטענדיקע „רעקוויזיטן" פון „יאַנקל שיקסעניקס" טעאַטער.

מעכל אַליין האָט די בילעטן גענומען צו זיך און האָט זיי פערקויפט בלויז צו „גוטע ברידער", צו שטאַבילע „טעאַטער-געסט".

— דאָס יידישע טעאַטער האָט איצט אַן אייביקן בענעפיס!

— אַזוי האָבן די אַקטיאָרן גערעדט פריילעכע צווישן זיך.

בלויז דער אַלטער וואַלדמאַן איז נישט געווען צופרידן.

— עפּעס אַ טעאַטער-שגעון האָט אָנגעכאַפּט די מענטשן. —

— האָט ער געזאָגט — אַזוי לאַנג איך בין ביים טעאַטער, האָב נאָך נישט געזען, אַז מענטשן זאָלן זיך אַזוי שטופּן אין טעאַטער אַריין!

פאַר די בילעטן האָט מען געצאָלט מיט גרויסע, פריש-גע-דרוקטע באַנקנאָטן. יעדער האָט פאַרלאַנגט כסדר נאָר „ערשטן פּלאַץ" און האָט גענומען צווייטן אָדער דריטן פּלאַץ נאָר דאַן, ווען קיין בעסערער אָרט איז שוין נישט געווען צו באַקומען.

— „אַ פּעקל" מער, אַ פּעקל ווייניקער! — האָבן געזאָגט

די טעאַטער־געסט, שלעפּנדיק די באַנקנאָטן מיט פולע זשמעניעס פון אַלע קעשענעס; און וואַרפנדיק זיי מיט פאַראַכטונג פאַר די געלע, רויטע און ווייסע טעאַטער־בילעטן, האָבן זיי געצאָלט מיט דער פולער האַנט, גלייך וואָלט דאָס גאָרנישט קיין געלט נישט געווען, נאָר עפּעס אומנוציקע פּאַפּירלעך, פון וועלכע, וואָס פריער מען קען פּטור ווערן, דאָס בעסער.

אָבער אין דערזעלבער מאָס, ווי גרויס ס'איז געווען דער גערדראַנג צום טעאַטער, איז אויך געוואַקסן די פאַראַכטונג פון די אַקטיאָרן צו דעם דאָזיקן „עולם גולם", וואָס האָט אויסגעפילט דאָס טעאַטער ביזן לעצטן אָרט.

דער עולם איז נישט מער געקומען, ווי פריער אַמאָל גאָר דער מלחמה, אין טעאַטער אויסגעפּוצט. ווי צו אַ יום־טוב, אָנגעטון אין די שבתדיקע קליידער, פון וועלכע ס'האָט זיך נאָך געפילט דער ריח פון נאַפטאַלין, מיט וואָס די קליידער האָבן זיך אָנגעזאַפּט, ליגנדיק אין די טונקעלע שאַפעס פון די בעל־הביתישע שטובן.

עס איז געווען גאָר אַ ניי פּובליקום, וואָס האָט נישט געוואָלט הערן די „טרויעריקע שטיק", נאָר ס'האָט פאַרלאַנגט „לוסטיקע שטיק" מיט וואָס מער טענץ און לוסטיקע לידלעך און נבול־פּהדיקע קופּלעטן.

ווער־דער האָט נישט איינמאָל געקוקט מיט פאַרוואונדערונג, ווי דער טעאַטערזאַל ווערט אויסגעפילט מיט צעכראַסטעטע, גראָבע יידענעס אין די טייערסטע, פוטערנע מאַנטלען, פון אונ־טער וועלכע עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן קליידער פון סאַמעט און זיידנס.

אָבער די טייערע קליידער זענען געווען, ווי איינגעטונקען אין ברוד פון קיכן און פון אונטער די קאַראַקולענע מאַנטלען האָט זיך געטראָגן דער ריח פון רינדערן פּעטס און פון צוגע־פּרעגלטע ציבעלעס.

מען האָט געקוקט, שפּילנדיק אויף דער בינע, אויף די

אויפגעריסענע מיילער פון די טעאטער-געסט, פון וואַנען עס האָט אין ליכט, וועלכעס ס'איז געפאַלן פון דער בינע, געגלאַנצט מיט שורות גאָלדענע ציין.

די גאַנצע וועלט — אַזוי האָט זיך אים אויסגעוויזן — טראָגט גאָלדענע ציין און די גאַנצע וועלט גייט איינגעהילט אין טייערע פוטערס און האָט ווייטע, גראָבע הענט, פון וועלכע עס גלאַנצן אַראָפּ גראָבע, גאָלדענע רינגען מיט שטיינער, וואָס האָבן געגלאַנצט אין האַלב-טונקלען טעאַטער-זאַל, ווי פונקען וואָס ווערן צעשאָטן אויפן פּאָן פון אַ שוואַרצער נאַכט.

— קיין אָרעמע-לייט, איז דאַכט זיך אויף דער וועלט נישטאָ! — האָבן גערעדט צווישן זיך די אַקטיאָרן — און ווער ס'האָט אין די היינטיקע צייטן נישט זיין אייגנס אַ פּאָר הונדערט מיליאָנען, איז אָדער אַ נאַר, אָדער סתם עפּעס אַ משוגענער!

און אַזוי איז עס געקומען, אַז אויך די אַקטיאָרן פון דער טרופּע פּאָגעל האָבן דאָ און דאָרט „אָפּגעלעקט אַ ב. נדל" ביי אַ זיבעצן אָדער זעכצן-יעריקן ייִנגל, וואָס איז געקומען אין טעאַטער אַריין און האָט אויסגעלערנט די אַקטיאָרן, ווי אַזוי מען קען פאַרדינען „צווישן יאָ און ניין" אַ פּאָר „רעדלעך" האַנדלענדיק מיט דאָלאַרס, מיט ליִוונט, צי גאָר מיט שטיינדלעך צו צינד-אַפּאַראַטן און מיט הייזער אין בערלין.

די אַקטיאָרן פלעגן זיך אָפּטמאָל ארומזעצן אַרום עפּעס אַ זעכצן-יעריקן בחור, וואָס האָט גערעדט, ווי אַ געניטער אַלטער „פּאַסקאַזש", און וואָס האָט געשאָטן מיט באַנקנאָטן פאַר אַ לידל, וועלכעס מען האָט אים געזונגען „לויט זיין באַשטעלונג", ווען ער איז מיט דער חברה אַקטיאָרן געזעסן אָוונטס נאָכן שפּעקטאַקל אין רעסטאָראַן און האָט געטרונקען אַ פלאַש ווייִן נאָך דער אַנדערער — ביז די אויגן זענען ביי אים געוואָרן קעלבערן און די שפּיץ נאָז בלאָס, ווי קאַלעך און דער שטערן פאַרשוויצט.

און אַזוי האָט זיך דאָס געמאַכט, אַז די אַקטיאָרן האָבן זיך אָפּגעוויינט לאַנגזאַם אַרויסצוקוקן אויף דער „מאַרקע", וועלכע עס פּלעגט זיי אויסצאָלן „יאַנקל שיקסעניק" נאָך אַ יעדער פאָר-שטעלונג. מען האָט נישט מער געוואַרט מיט אומגעדולד, וואָס וועט היינט זאָגן די „מאַרקע", נאָר מען האָט מיט אַ גלייכגילטיקייט אַראָפּגעלאָזט אין די הויזן-קעשענעס די פּוילישע באַנקנאָטן, אומ-געציילטע און מ'האָט געשלעפּט פון דאָרטן באַנקנאָטן, ווי פון אַ אומאויסשעפּבאַרן ברונעם.

די אָוונטן, וועלכע די אַקטיאָרן האָבן פאַרברענגט מיט די רייכע טעאַטער-געסט, האָבן מער „געטראָגן" ווי אַ גאַנצע וואָך שפּילן טעאַטער ביי „יאַנקל שיקסעניק".

פאַר אַ לידל, וועלכעס עס האָט געזונגען דער קאָמיקער ברעטלער אויפן געהייס פון אַ טעאַטער-גאַסט האָט ער נישט איינ-מאָל אין איין אָוונט פאַרדינט אַזוי פיל, אַז ער האָט פון דעם גע-קענט לעבן אַ גאַנצן חודש. ווער נאָר פון דער חברה אַקטיאָרן האָט געהאַט חשק, האָט זיך אויסגעזוכט פון צווישן די טעאַטער-געסט אַ יאָלד, מיט וועלכן ער איז דאַן געזעסן אַ שעה-צוויי נאָך דער פאָרשטעלונג און מיטן לידל, וועלכעס ער האָט פאַר אים גע-זונגען, האָט ער אַרויסגעשלעפּט ביים יאָלד די נשמה מיט די גראָ-צערס אינאיינעם...

אין די קופּערטעס פון די אַקטיאָרן, האָבן זיך ביים סאַמע דנאָ אונטער אַ באַרג קליידער און שמוציקער וועש, געפונען פּעק-לעך מיט דאָלאַר-באַנקנאָטן, וועלכע האָבן געשאַפן דעם „קאַפּיטאַל", פון אַקטיאָר, „ווען עס זאָל חלילה קומען שלעכטערע צייטן"...

★ ★ ★

אַ שיכּרות האָט אַרומגענומען די וועלט, וועלכע באָדט זיך אין אַ ים פון פּאַפּיר-געלט און ביקט זיך צום גרינעם דאָלאַר, ווי צו אַן אָפּגאָט, וועלכער איז אומשטאַנד צו עפענען די טויערן, וואָס

פירן צו וואַלטזאַג, שײנע קלײדער, פּרעסערײ און שײנע װײַבער, װאָס מען קען זײ קױפן פאַר אַ שיבוש.

אַזױ האָט געזאָגט װערדער צום אַלטן װאַלדמאַן, װעלכער איז איצט אָפט אַרײַנגעקומען אין צימער, װאו קלאָרע מיט װערדערן האָבן געװאױנט צוזאַמען. ער האָט װערדערן געפרעגט, װאָס ער האַלט עפּעס פון דער איצטיקער צײַט און צי ער, װערדער, „װעלכער איז דאָך עפּעס אַ געלערנטער מענטש, גלױבט אין דעם, אַז דאָס זאָל אַזױ קענען נאָך לאַנג דױערן".

װערדער האָט דאַן דעם אַלטן אַקטיאָר אַרױסגעזאָגט זײַנע מײנונגען װעגן דער גרױסער איבערקערעניש, װאָס ס'האָט אָנגעאַרבעט די מלחמה. ער האָט אים אױף אַ לײַכטן אופן געגעבן צו פאַרשטײן, װאָס ער האָט אַלײן געװאוסט װעגן „סאָציאַלע צושטאַנדן, װעלכע שאַפן זיך צוליב װירטשאַפטלעכע סבות און װאָס זענען די פּשוטסטע רעזולטאַטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער װעלט-אָרדנונג, װאָס האַלט בײַם צעפאַלן װערן און װאָס איר גסיסה װײַזט זיך אַרױס אין אָט-די דערשײַנונגען, װעלכע מיר זען פאַר זיך און װעלכע מיר אַלע לעבן איצט איבער".

ער האָט פאַר אים אַנטװיקלט די גאַנצע טעאָריע װעגן דער „מאַטעריאַליסטישער באַנעמונג פון דער היסטאָריע", ער האָט פאַר אים אױסגעשאָטן אַלץ, װאָס ער האָט געדענקט נאָך פון דער צײַט פון גימנאַזיע, װען ער און זײַנסגלײַכן ייִנגע סטודענטן האָבן אין די געהײמע „צירקלען" זיך געמחט צו דערגײן די געהײמסטע סבות פון סאָציאַלע געשעענישן און האָבן אױף אַלעמען געפונען די פּשוטסטע פאַרענטפערונג דורך „עקאָנאָמישע סבות װעלכע זענען דער פונדאַמענט, אױף װעלכן די געזעלשאַפט איז נישט מער װי דער איבערבױ..."

װערדער האָט גערעדט מיט אַ רויִקער שטים, מיט זאַכלעכקײט און מיט אַ הײסן איבערצײַג; ער האָט געשפּאַנט איבערן צימער אַהין און צוריק, גערױכערט פּאַפּיראָסן און פאַרשאָטן עם אַלטן מיט אױפקלערונגען, װעלכע האָבן אים זיך אױסגע-

ה״ז גאַר פּשוט; זיי זענען אָבער דעם אַלטן נישט געגאַנגען אין קאָפּ אריין.

איר, הער ווערדער — האָט דער אַלטער געזאָגט פאַרשטייט טאקע אייערס און איך פאַרשטיי מיר מיינס! איך זאָג אַז נישט מער ווי אַ „מאַנקאָליע״ (דער אַלטער דאָט געמיינט „מעלאַנכאָליע״) האָט זיך פאַרשפּרייט איבער די וועלט. ס׳איז איצט אַ אונטערגאַנג אַזאַ און נישט מער! וואָס מיינט איר? פאַרוואָס לויפן די מענטשן איצט אַזוי׳ אין טעאַטער אַריין? נישט מער, נאָר די מעלאַנכאָליע! אַלץ איז אדורכגעגעסן מיט מעלאַנכאָליע!

ווערדער האָט זיך צעלאַכט, בײזלעך אַביסל אַין מיט אי־ראָניע.

—וואָס רעדט איר? וואָס הייסט עפּעס מאַנקאָליע? וואָס מיינט איר מיט דעם?

און דער אַלטער האָט געענטפערט:

— ס׳איז אַ פּשוטע זאַך! אויף דער שלאַכט איז פאַרגאָסן געוואָרן דאָס בלוט פון מיליאָנען מענטשן און עס ווערט נאָך היינט טאקע אויך פאַרגאָסן. איר פאַרשטייט? אָט האָט מען אויסגעשחטן מיליאָנען מענטשן, ווי די בהמות.

— אָבער וואו קומט אײנס צום צווייטן?

און דער אַלטער ווייטער:

— לאָזט אייך דינען! איך בין נישט קיין געלערנטער מענטש, איך ווייס, אַז פון דער ערד גייט אַן אייביקע פּאַרע. אַ פּאַרע, גאַנץ פּשוט אַ פּאַרע! די זון ברענט און פון דער ערד גייען אין דער הויך אַלע וואַסערן, און אַ יעדע פייכטקייט, וואָס עס איז אויף דער ערד. איז, פאַרשטייט איר מיך, די זאַך אַזוי: אַזוי לאַנג עס גייט פון דער ערד די פּאַרע, וואָס קומט אַרויס פון וואַסער, איז גוט. וואַסער איז געזונט און דאָק־טוירים אפילו הייסן קראנקע מענטשן זיך היילן מיט וואַסער. אַזוי לאַנג ס׳גייט פון דער ערד די פּאַרע, וואָס קומט אַרויס פון ריינעם וואַסער, זענען די מענטשן געזונט און זיי

ארבעטן אזוי ווי ס'דאַרף צו זיין און פאַרדינען און אַלץ איז אין בעסטער אָרדנונג. אָבער זאָגט מיר, איר זענט דאָך עפּעס אַ געלערנטער מענטש? וואוהין גייט אָפּ דאָס פילע בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן? איר וועט זאָגן אין דער ערד אריין! איאָ? און אָט פון דעם נעמט זיך טאַקע די דאָזיקע מאַנקאָליע! אָנשטאָט דעם, וואָס פריער איז געגאַנגען פון דר'ערד אַ פּאַרע פון ריינעם וואַסער, גייט איצט אַ פּאַרע פון גאָלע בלוט! איר פאַרשטייט? און אָט די בלוטיקע פּאַרע עטעמען מיר איין און פון דעם קומט, וואָס דאָס בלוט, — די פּאַרע הייסט עס פונם בלוט — שלאָגט די מענטשן אין קאָפּ אַריין און זיי גייען דאָן אַרום שיכּורע פון בלוט! שיכּורע פון בלוט! און דאָס איז עס! און פון דעם, פאַרשטייט איר מיך טאַקע, נעמט זיך די מאַנקאָליע! ס'איז אַ קרענק אַזאַ און דאָס איז עס! די מענטשן זענען קראַנק, אַ יעדער איינער איז טויט-קראַנק פון דעם איינעטעמען דאָס פילע בלוט און דערפאַר טאַקע איז אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף! ס'איז פון בלוט, ס'קומט פון דער בלוטיקער פּאַרע, וואָס גייט כּסדר פון דער ערד!

ווערדער האָט דעם אַלטן אויסגעהערט, ער האָט אים אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן אַקסל און האָט געזאָגט:

— עס איז אפשר פּסיכאָלאָגיש דערקלערבאַר, אַז צוליב די פלוצלינגדיקע ענדערונגען אין דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער היינטיקער געזעלשאַפט האָבן זיך געביטן די באַגריפן וועגן מאָראַל, אָבער דאָס איז נאָך נישט קיין ראיה אויף דעם —

דער אַלטער אַקטיאָר האָט אים איבערגעריסן:

— סטרוקטור-פוקטור! האַצמאַך-גרונגם! וואָס זאָגט איר, פּאַ-ניע ווערדער? וואָס מיינט איר? איך פריי זיך טאַקע אזוי גאָר שטאַרק, וואָס מענטשן גייען איצט אַזוי פיל אין טעאַטער אריין? אַ נעכטיקער טאָג! וואָס האָט איר דערפון, אַז איך קוק היינט אַראָפּ פון דער בינע אין זאַל אַריין, דאַכט זיך מיר תּמיד, אַז איך שפּיל פאַר אַ זאַל מיט משוגעים! ס'איז דאָך עפּעס שוין

גאָרנישט הימלעך צו זען, ווי די מענטשן פולן אויס, וואָס אַ טעאַטער, ווו אַ קינאָ, ווו אַ באַל, אַ טאַנץ און אַ קאַפע־הויז! ס'איז אַלץ פאַר „מאַנקאָליע", ס'איז דאָס בלוט, וואָס שלאָגט זיי אין קאָפּ אַריין, אַז זיי קענען זיך אין ערגעץ קיין אָרט נישט געפונען און ווילן פאַרגעסן אַ ווייל, אויף וואָס פאַר אַ וועלט זיי לעבן! ס'איז פונקט, ווי מען נעמט אַ טויטקראַנקן, וואָס אָט־אָט דאַרף ער שוין שטאַרבן און מען פירט אים אַריין אויף עפעס אַ קאָמעדיע, אַז ער זאָל זיך אָנלאַכן פאַרן טויט!

און דער אַלטער איז געוואָרן גאָר ערנסט און האָט הויך גערעדט די ווערטער, גלייך וואָלט ער עפעס געזאָגט אַ נביאה:

— די וועלט איז קראַנק, די וועלט האָט אַ קראַנקן קאָפּ און זי נויטיקט זיך אין אַ רפואה. און אַלץ וואָס מיר זעען איצט מיט אונזערע אויגן, איז אַ סימן אויף וועלט־אונטערגאַנג! איר וועט זען, אַז אין אַ מיטן העלן טאָג וועט די וועלט אונטער־גיין און אַ טויטשטילקייט וועט אַרומנעמען אַלע שטעט און אַלע דערפער, און גאָרנישט וועט זיין, נאָר מתים וועלן אַרומליגן אויף אַלע גאַסן און אויף אַלע פעלדער און מיר צווישן זיי מיט די ציין אַרויף און מיט די פיס אויסגעשטרעקט! אַ, אַה! ס'איז אַזש אַ מורא צו קלערן וועגן דעם!

★ ★ ★

ווערדער האָט שוין נישט געהערט, וואָס וואַלדמאַן האָט דערציילט.

עס איז געווען שפעט ביי נאַכט. די פאָרשטעלונג האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט און זיי זענען געזעסן ביי וואַלדמאַנען זיין האָטעל־צימער אין אַ קליין שטעטל, וואו ס'איז קיין עלעקטריש ליכט נישט געווען און דאָס צימער איז געווען באַלויכטן פון אַ גראָשענעם ליכטל, וואָס איז געווען צוגעקלעבט צום וואַשטיש.

ווערדער האָט בעת די רייד פונם אַלטן אָראָפּגעהאָרכט אונטן און געהערט, ווי פון רעסטאָראַן, וואָס האָט זיך געפונען אין זעלבן האָטעל, האָבן די אַקטיאָרן פאַרברענגט מיט די „יאָלדן".

עס האָט זיך געהערט, ווי דאָרט איז עס „לוסטיק". ברעטלער זינגט עפּעס אַ קופּלעטל „איך האָב אַ וואַאַב", מען נעמט דאָס אויף מיט אַ געלעכטער און דער גאַנצער טיש „יאָלדן" זינגט נאָך דעם רעפריין מיט שרייענדיקע שטימען און מיט אַ שיכורער אויסגעלאַסנקייט.

דאָס פענסטער, וואָס איז אַראָפּגעגאַנגען פון ווערדערס צימער אַראָפּ אין האָטעל-הויף איז געווען אָפן. ער האָט זיך אַרויסגעבויגן און ער האָט געזען דאָס ליכט, וואָס פאַלט פון באַלויכטענעם רעסטאָראַן-פענסטער, ווי עס גייט אויף דער קראַטע פון קאַנאַל, וואָס אין מיטן הויף און באַשיינט דאָרט די אָפּפאַלן פון דער רעסטאָראַן-קיך, וועלכע זענען געוואָרן אויסגעגאָסן צוגלייך מיטן ברודיקן וואַסער.

אָבער אין דער הויך איבער די מויערן, וואָס האָבן פאַרמאַכט דעם הויף פון אַלע פיר זייטן, איז אויף אַ קלאָרן, טונקלבלויען הימל געשטאַנען די פולע לבנה און ווערדערן האָט אַרומגעכאַפּט אַ גרענעצלאָזע בענקשאַפט.

ער האָט זיך געשטרעקט ביים אָפענעם פענסטער און אים האָט זיך פאַרוואָלט גיין אין דער שיינער זומער-נאַכט אַריין, זאָל זיין וואו-ס'איז, זעען אַרום זיך מענטשן, וואָס זאָלן ווי אַ לעבעדיקער שטראָם זיך צעגיסן איבער העל-באַלויכטענע בולוואַרן פון גרויסע וועלט-שטעט; ער האָט געגאַרט זיך אַריינצוואַרפן אין דאָזיקן שטראָם, זינגען מיט זיי לידער פון לעבנספריידיקייט און שטורמישע לידער פון קאַמף; ער האָט זיך דערמאַנט ווי ער איז נאָך אַלס יונגעטשקער סטודענט פון אַ לעמבערגער גימנאַזיע אַרומגעגאַנגען מיט זיינע חברים פון געהיימען גימנאַזיסטן-צירקל איבער די שטילע גאַסן פון דער

שטאָט; ווי זיי זענען געגאַנגען מיט מאַנדאָלינעס און גיטאַרעס אין די הענט און האָבן מיט זייערע יונגע שטימען געזינגען אַ פאַרשייט ליד וועגן מיידלעך, וואָס קענען נישט אָנטזאָגן זייערע יונגע קערפּערס, ווען זיי דערזען פאַר זיך דעם „סטודענט מיט שוואַרצע לאָקן"; ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אין אַ זומערנאַכט, פּונקט ווי די הייַנטיקע, זענען זיי אָפּט געגאַנגען אין אַ לאַנגער שורה נעבן די באַלויכטענע פענסטער פון די נאַכט־קאַפעהייזער און ווי זיי האָבן אויפגעשרעקט די הוליענדע קאַפעגעסט, די „בורזשויעס", די „פּיליסטערס" מיט אַ דרייסטן ליד:

„טשעשטש וואַס פּאַנאָוויע מאַגנאַטשי"!

ווי אין קאַפעהויז איז מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס עלעקטרישע ליכט; די מוזיק האָט אין מיטן טאַקט איבערגעהאַקט איר שפּילן און ווי אין טונקלען קאַפעהויז האָט זיך אָנגעהויבן מיטאַמאָל אַ טומלדיקע ליפערײַ און אַ געשריי נאָך פּאָליציי!; און ווי זיי, עטלעכע און צוואָנציק יונגע גימנאַזיסטן, זענען נישט אָפּגעטרעטן פון הינטער די פענסטער פון טונקלען קאַפעהויז, ביז זיי האָבן נישט אויסגעזונגען אַלע סטראָפן פון דאָזיקן ליד און ביז זיי האָבן זיך, נאָך לאַנגע „פּערטראַקטאַציעס" מיטן פאַרשלאָפענעם און דערשראָקענעם עסטרייכישן פּאָליציאַנט, אַנטשלאָסן אָוועקצוגיין ווייטער אין דער נאַכט אַריין, זינגענדיק און שפּילנדיק אויף גיטאַרעס און מאַנדאָלינעס ביזן פריען מאָרגן אַריין...

ווערדער האָט געשמייכלט צו זיך אַליין, דערמאָנענדיק זיך אין יענע צייטן. ער האָט מיט אַ בענקשאַפט געחלומט, צי ווען זיך די דאָזיקע דורכגעזונגענע נעכט נאָך ווען ס'איז אומקערן; ער האָט געפילט ווי אויף דער וואָר דעם ריח פון צעבליטן בעז, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די שטעטישע פּאַרקן אין דער ליכטיקער זומער־נאַכט אַ יין און פאַר זיין דמיון איז אַדורכגעגאַנגען די גאַנצע שורה ליבע דבֿרים, בריוו פון איין

*) אַ אַלט פּויליש רעוואָלוציאָנער ליד.

אידעע, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים דורכגעטומלט יענע נעכט, פול מיט יוגנטלעכער הארבקייט, אין וועלכע זיי האָבן אריינגעוועפּט זייערע חלומות וועגן בעסערע צייטן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, וועגן „סאָציאַלער רעוואָלוציע" און א קומענדיקער וועלט-אָרדנונג.

א ווארים ווינטל האָט זיך צעבלאָזן און ווערדער האָט דערהערט פונדערווייטנס דעם רויש פון די פילע ביימער פון א וואַלד פון אונטערן שטעטל. ער האָט אויפגעעטעמט טיף און ער האָט מיט אמאָל דערפילט ווי דער ווינט טראָגט אין הויף נאָז דעם זיסלעך-שאַרפן ריח פון קאַנאַל, וואָס אונטן אין זיין.

אַלע זיינע חלומות, אַלע זיינע בענקשאַפטן זענען פון אים אָפּגעפאַלן, ווי א פרעמד מלבוש. ער איז אָפּגעטרעטן פון אָפענעם פענסטער און האָט זיך איבערגעדרייט מיטן פנים צו דער שטוב.

אויף א בענקל נעבן טיש איז געזעסן דער אַלטער וואַלדמאַן.

ער האָט געראויכערט א פּאַפּיראָס און האָט געבלאָזן פאַר זיך דעם רויך, ארויסלאָזנדיק אים דורך די שפּאַרעס פון זיינע שפּאָרע ציין. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן אראָפּגעלאָזט און ווערדער האָט אין שיין פון דעם ליכטל געזען די איינגעקאָרטשעטע און געראונצלטע הויט פון וואַלדמאַנס גרויסן פּליך.

דעם אַלטנס קאָפּ האָט געציטערט פאַר מידקייט און שוואַכקייט, די האַנט, וועלכע ער האָט געפירט מיטן פּאַפּיראָס אין מויל אריין, האָט געציטערט און ווען דער אַלטער האָט דערזען פאַר זיך ווערדערן, וועלכער איז געשטאַנען פאַר אים און האָט אים שווייגנדיק אָנגעקוקט, האָט ער זיך ווי אַנטשולדיקנדיק געזאָגט:

— אָט האָט זיך אייך אָפּגעזוכט א גאַסט! אָט זיץ איך דאָ ביי אייך און רויכער אייך אויס דעם גאַנצן טיטון.

אין בעט נעבן פענסטער — (דעם איינציקן בעט אין

דאָזיקן צימער) — איז געלעגן קלאַרע און געשלאָפֿן.
ווערדער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפֿן קאַנט פֿון בעט און האָט זיך גענומען אויסטון צום שלאָפֿן=גיין. ער האָט אַראָפּ= געוואָרפֿן פֿון זיך די מאַרינאַרקע, ער האָט אָפּגעקנעפּלט דעם קראַגן און דעם קראַוואַט, ער האָט אַריינגעלייגט אַ האַנט אונטערן העמד און האָט זיך גענומען קראַצן איבערן אויבערלייב. ער האָט דערביי געפּילט עפּעס אַ מאָדנעם ווילטאָג. דאָס בעט האָט געקנאַקט פֿון זיין באַוועגונג און קלאַרע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, זיך אויפֿגעזעצט אין בעט און האָט אויסגעשריגן אַ דערשראָקע= נע פֿון שלאָף:
— וואָס איז! וואָס איז!
— גאָרנישט איז! — האָט ווערדער געענטפֿערט — שלאָף! שלאָף! דאָס בין איך! איך גיי שוין שלאָפֿן!
וואַלדמאַן האָט זיך אויפֿגעשטעלט פֿון זיין בענקל און איז אַרויסגעגאַנגען פֿון צימער:
— אַ גוטע נאַכט, הער ווערדער! וואָס האָט איר דערפֿון? ס'איז שפּעט און מאָרגן דאַרף מען אויפֿשטיין צו פֿראַבע...
ווערדער האָט אונטער אים פֿאַרמאַכט די טיר.
דאַן האָט ער זיך אַנידערגעשטעלט נעבן בעט און גע= קוקט אויף דער שלאָפֿנדיקער קלאַרע.
קלאַרע איז געלעגן מיט אַ אָפֿענעם מויל שווער, געאָטעמט, די אויגן זענען ביי איר געלעגן טיף אין די גריבער, אירע באַקן זענען געווען איינגעפֿאַלן און ווערדערן האָט זיך אויסגעזען, אַז זי האָט עפּעס פֿלעקן אויפֿן פּנים, וואָס ער האָט ביי איר פֿריער נישט באַמערקט.
בכלל אָבער איז קלאַרע ווערדערן לעצטנס שטאַרק נמאס געוואָרן. ער האָט אַפֿילו זיך געכאַפּט דערביי, אַז רגעווייז פֿילט ער צו איר עפּעס ווי אַ שנאה. זי איז אין די לעצטע פּאָר וואָכן געוואָרן וואָס אַ טאָג מער שוואַכער און שוואַכער, זי האָט אָפֿט געחלשט און ווערדער האָט זי אַלעמאָל געמוזט ראַטעווען

דערבײ האָט ער דאָס שטאַרק נישט געקענט לײדן, װאָס קלאַ־
רע האָט אים פּאַרמיאוסט דאָס עסן. זי איז מיט אים, װי גע־
װײנטלעך, אַראָפּגעגאַנגען עסן אין רעסטאָראַן, אָבער קוים האָט זי דערזען דעם קעלנער אין זײן שװאַרצן, פֿאַרשמאָלצענעם פראַק, אָדער דערפֿילט דעם װאַרעמען ריח פֿון געקעכטס, װאָס האָט זיך געטראָגן פֿון דער קיך, איז זי אַנטלאָפֿן אין הויף אַרײן און, װען זי איז צוריקגעקומען, איז זי געװען בלאַס װי די װאַנט. זי האָט אָנגעװוירן אַ יעדן חשק צום עסן און גאַנצע טעג האָט זי געפֿאַסט.

די אַקטריסעס פֿון דער טרופּע האָבן קלאַרען שטאַרק באַדויערט; זײ זענען איצט אָפֿט געקומען צו איר אין צימער, זענען געזעסן אויף איר בעט און האָבן זיך מיט איר געסודעט אין דער שטיל. װען װערדער איז אין אַזעלכע מאָמענטן אַרײנ־
געקומען, האָט ער באַמערקט װי קלאַרע װערט רויט און קוקט אויף אים מיט דערשראָקענע אויגן, װי זי װאָלט בײ אים זיך געבעטן ער זאָל איר עפּעס מוחל זײן. װערדער האָט נישט ליב געהאַט „װײַבערישע װיזיטן" און קלאַרע, װעלכע האָט געװוסט װעגן דעם, האָט מורא געהאַט, אַז ער זאָל די אַקטריסעס, װאָס זענען זי געקומען טרײסטן, נישט אַרויסװאַרפֿן פֿון צימער. װען ער איז אַרײנגעקומען האָבן זיך די װײַבער געװײנטלעך אויפֿגע־
הויבן פֿון קלאַרעס בעט, װו זײ זענען אַרומגעזעסן, װי די קװאָטשקעס, האָבן די ליגנדיקע קלאַרע געקושט און האָבן זי שטילערהײט געטרײסט:

— עס איז גאָרנישט, ס'איז נאָר די ערשטע צײט אַזױ, שפּעטער װעסטו לאַכן פֿון דעם! —

און זײ האָבן זיך אַלע אַרויסגערוקט אונטערװײלעכץ פֿון צימער, קוקנדיק דערבײ פֿון דער זײט אויף װערדערן, װאָס איז געזעסן אַ אָנגעכמורעטער און „געקוקט נאָר װי אַ מער־
דער"!

קלאַרע האָט איצט זײער פֿיל צײט פֿאַרבראַכט אין בעט

זי איז שלאָפן געגאַנגען פרי, באַלד נאָך אַ פאָרשטעלונג און פון דעם אַז זי זאָל קענען אַראָפּגיין אין רעסטאָראַן פאַרברענגען מיט אַנדערע אַקטיאָרן און אַקטריסעס איז גאָר קיין רייד נישט געווען.

ווערדער האָט צוליב דעם געפילט אויף זיך דעם חוב צו בלייבן מיט איר אין צימער. אָבער אויך אין דער פרי איז קלאַרע אויפגעשטאַנען זייער שפּעט, זי איז כסדר מיד געווען און ווי נישט אויסגעשלאָפן. דער שלאָף האָט זי נישט געשטאַרקט און זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אינדערפרי אַ שוואַכערע נאָך און אַ מידערע, ווי זי האָט זיך געלייגט. קוים־קוים, וואָס זי דאָט זיך אַראָפּגעשלעפּט צו אַ „פּראָבע” און אויך דאַן האָט זי קוים זיך געקאָנט דערוואַרטן די מינוט, ווי זי וועט אָפּזאָגן איר ראָל און אַרויפגיין ווידער אין צימער.

און ווידער האָט ווערדער מיט איר געמוזט פאַרברענגען אין דומפּיקן האָטעלצימער גאַנצע נאָכמיטאָגן, ווייל אַפילו דער מינדסטער שפּאַציר האָט זי מיד געמאַכט און זי איז גרייט געווען יעדן מאָמענט צו חלשן.

דאָס האָט דערפירט דערצו, אַז ווערדער איז געוואָרן אַ „שטוב־מענטש”. ער האָט געקוקט אויף קלאַרען, ווי אויף אַן „[illegible]נשיקעניש”, אַ לאַסט, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף זיין יונגן לעבן און פון וועלכער ס׳וואָלט גוט געווען פּטור צו ווערן.

אָבער דעם מוט דערצו האָט ער נישט געהאַט, ער האָט זיך געשעמט פאַר די „מענטשן אין טרופּע”.

איז ביי אים געבליבן, אַז ער וועט וואַרטן. אויף וואָס צו וואַרטן האָט ער אַפילו נישט געוואוסט אויף קלאָר, אָבער ער האָט זיך געטרייסט מיט דעם, אַז פריער צי שפּעטער וועט ער דאָך געפינען אין זיך דעם כח און וועט „אַוועק, וואו די אויגן וועלן אים טראָגן”.

ער האָט זיך אויסגעטאָן און האָט זיך געלייגט אין בעט, וואָס האָט געשמעקט מיט הייסקייט פון קלאַרעס קערפּער, וועלכע

איז געלעגן אין אים שוין עטלעכע שעה.

ער איז באלד איינגעשלאפן.

אָבער אינמיטן שלאָף האָט ער דערפילט, ווי אים ווערט וואָס אַמאָל הייסער אין רוקן. ער האָט געפילט, ווי זיין קערפער באָדט זיך אין שוויס, ער האָט זיך געוואָלט איבערדרייען אין דעם ענגן בעט, אָבער קלאָרעס הייסער אָטעם האָט אים געבלאָזן גראָד אין פנים אריין.

ביים שיין פון ליכט, וועלכעס האָט געהאַלטן ביים אויסגיין, האָט ער דערזען אירע אָרעמס, וואָס זענען געלעגן איבער דער קאָלדרע אויסגעשטרעקט און האָבן געבלאַנקט מיט אַ קראַנקער ווייסקייט. ער האָט זי געוואָלט צודעקן, אָבער ווען ער האָט דאָבײַ צופעליק באַרירט אירע הענט, וואָס זענען געווען פייכט פון שוויס, האָט אים אָנגעכאַפּט אַן אומבאַשרייבלעכער עקל צו דעם מיידל.

ער האָט דורכאויס זיך געוואָלט באַפרייען פון איר נאָענט און האָט איר מיטן עלנבויגן געטון אַ שטויס אין דער זייט.

— נישט בייטאָג און נישט ביי נאַכט האָב איך רו פון דיר! — האָט ער געקריצט מיט די ציין.

דאָס מיידל האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט.

זי האָט בלויז שטאַרק אויפגעקרעכצט:

— אך!

און איז ווייטער געשלאָפן.

IX

וואָרט אויף מיר

אָ ער אין די רייד פון אַלטן וואַלדמאַן וועגן דעם „טשאַד פון בלוט", וואָס האָט פאַרשיכורט די אַרומיקע וועלט, האָט ווער ער שוין נישט געקענט פאַרגעסן.

ער האָט זיך איצט אָפט געכאַפּט דערביי, ווי שפּילנדיק אויף דער בינע, פאַרגעסט ער, וואו ער געפינט זיך, ער האָט דאַן נישט געזען נעבן זיך קיינעם פון די מיטשפּילנדיקע אַקטיאָרן, ער האָט פאַרגעסן אין זיין ראָל.

אים זענען דורכן דמיון דורכגעפלויגן עפּעס נישט געוויינטלעכע בילדער. פעלדער צעטראָטענע פון פערדישע טריט, באַקעטע אין זייער אומפרוכפּערקייט, ווייטע שטחים אַקערערד, וואָס האָט זיך געוויטלט אין דעם אומגעזונטן שיין פון אַ זון, וועלכע האָט געגליט ווי פון אונטער דער ערד אַרויס, גלייך ס׳וואָלט זיך געעפנט דאָס מויל פון דער ערד און געלאָזט צעגיסן זיך איבער אירע פלאַכן שטראַלן פון אַן אונטערערדישן פייער, אין וועלכן ווערדער האָט מיט דערשטויבונג דערקענט די זון, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון איר הויך; איבער דער נידריקייט האָט זיך געשלעפּט אַ רויטער נעפּל, וואָס איז זיך צעוואַקסן צו אַ נישט-געהאַפטער ריזיקייט און האָט זיך געלייגט שווער קריכנדיק, אַלץ פאָראויס און פאָראויס, ווי אַ גרויסע שלאַנג; ער האָט געזען, ווי דער רויטער נעפּל צעשפּרייט זיך אין דער

ברייט און פאַרשטעלט דעם אויסקוק אין דער ווייטקייט; און ווי דער נעפּל גייט אַלץ העכער אַרויף און ער פאַרשטעלט אינגאַנצן דעם הימל, וואָס איז ווי אַ רויטע קופּערנע דעק געלעגן שווער און לאַסטנדיק איבער דער נאַקעטער ערד, פון וועלכער ס'איז געגאַנגען אַ כּסדרדיקע פּאַרע, ווי פון אַ גרויסן קעסל, וואָס אַז אויפגעריסן געוואָרן, ווייל זיינע ווענט האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן דעם געדראַנג פון דעם ריזיקן כּח, וועלכער האָט זיך אין אים אָנגעזאַמלט.

— דער טשאַד פון בלוט, דער טשאַד פון בלוט! — האָט ווערדער געדענקט אין שרעק און ער האָט גאָרנישט געפילט, ווי זיינע ליפּן שרייען אַרויס די דאָזיקע ווערטער מיט פּחד.

— וואָס איז מיט אייך, ווערדער? — האָט צו אים געשעפּטשעט מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן זיין פּאַרטנערין אויף דער בינע.

פרוי ראָזנקראַנץ האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אָרעם און האָט אים אַרויסגעפירט הינטער די קוליסן.

זי איז ווידער אַרויס אויף דער בינע און אַלס אַן אַלטע אַקטריסע האָט זי זיך באַלד אַרויסגעהאָלפן. אַרומקוקנדיק זיך, אַז ווערדער וועט אַ פּנים נישט אַזוי באַלד צוריקקומען, האָט זי זיך אויף גיך גענומען רעדן אַ „מאָנאָלאָג", ביז ס'איז אָנגעקומען ברעטלער און האָט גענומען מאַכן זיינע „פּוילע שטיק" אַלס קאָמיקער. אין טרופּע האָט מען שוין פון דעם געוואוסט, אַז מיט ווערדערן „איז עפּעס נישט ווי ס'דאַרף צו זיין". מען האָט געקוקט אויף אים פון דער זייט. מען האָט אים לאַנגזאַם אָנגעהויבן נישט געמען אין אַכט ביים פּאַרטיילן „גרעסערע ראָלן" און ער איז געבליבן בלויז ביי די אַלטע ראָלן, ביי די שוין געשפּילטע פון פריער.

איינמאָל האָט ווערדער געהאַט געענדיקט אַ גאָר וויכטיקע סצענע מיט זיין פּאַרטנערקע ער האָט אין יענעם טאָג

געשפּילט מיט אַ זעלטענעם פייער, וואָס האָט אַדורכגעוואַרעמט יעדעס וואָרט פון דער נאַרישער טעאַטער-פּראָזע, וועלכע ער האָט „געקנאַקט“ אויף אויסווייניק כמעט. אויך דאָס פּובליקום האָט אָפּנים געפילט נישט באַוווּסט, אַז דער יונגער אַקטיאָר, וואָס שטייט אויף דער בינע „לייגט אַריין אין זיין ראָל זיין גאַנצע נשמה“; מען האָט וועדערן אַפּלאָדירט ביי דער אָפּע-נער בינע און צו די „בראַוואָ“-געשרייען האָט עס גאָרנישט געוואָלט נעמען קיין סוף. דאָס פּובליקום האָט אים „געשלונגען מיט די אויגן“ און געטרונקען אַ יעדער וואָרט זיינס מיט אַ דורשטיקייט פון פאַרשמאַכטע; די אַקטיאָרן האָבן זיך נישט געקענט געבוג באַוווּנדערן, וואָס עס איז מיט אים געשען, אַז „ער שפּילט היינט אויסערגעוויינטלעך שיין“.

זיי זענען אַלע געשטאַנען הינטער די קוליסן און האָבן געקוקט אויף אים מיט באַוווּנדערונג, גלייך וואָלט ער נישט גע-ווען וועדער, דער „ליבהאַבער“ פון דער „טרופּע פויגל“, וועלכן זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו זען יעדן אָוונט ביז צו דער איבערזעט, נאָר עפּעס אַ פרעמדער „גאַסט“, אַ „סטאַר“, וואָס איז געקומען „ווייזן דאָס אמתדיקע טעאַטער“...

ווען וועדער איז אַראָפּ פון דער בינע האָט דאָס פּוב-ליקום געשטורעמט מיט אַפּלאָדיסמענטן; און די אַקטיאָרן הינ-טער די קוליסן האָבן אים געדריקט די הענט מיט אַ זעלטע-נעם דרך ארץ און האָבן געקוקט אויף אים נישט מער ווי אויף זייערס גלייכן, נאָר ווי אויף אַ גרויסן. אַ טויזנט-מאָל גרעסערן פון זיי. — „איר האָט דעם אמתדיקן טאַלאַנט — האָט אים געזאָגט דער דירעקטאָר, פאַרגעסט נישט, ווען איר וועט זיין אַמאָל גרויס אויף דער יידישער בינע, אַז איך בין געווען דער ערשטער, וואָס איך האָב דאָס אייך געזאָגט“.

אויך די „דירעקטאָראָווע“ איז אַריינגעלאָפן הינטער די קוליסן פון אויינגאַנג אין גאָרטן, ווו דאָס טעאַטער האָט איצט געשפּילט אין אַ גרעסערער גאַליצישער שטאָט. זי איז צוגע-

פאַלן צו אים, האָט אים אַרומגענומען, אים געדריקט צו זיך מיט אַ אומגעלומפּערטער צערטלעכקייט פון אַ מאַמען, האָט אים געקושט איבערן שמינק מיט אירע פייכטע ליפּן און האָט אים אויסגעווייקט דאָס פּנים מיט אירע טרערן. דערביי האָט זי זיך געהאַלטן מיט אַ האַנט ביים האַרץ, ווייל זי פילט, האָט זי געזאָגט, אַז דאָס האַרץ וועט איר פּלאַצן פאַר פרייד, אַז איר קענט אַזוי שיין שפּילן!

אויך די אַנדערע „דאַמען" פון טרופּע האָבן גענומען פּלוצלינג זיך ווישן די אויגן און האָבן געקוקט אויף ווערדערן מיט אַ צערטלעכקייט און באַוווּנדערונג פאַר „ווערדערס גרויסער קונסט" (אַזוי האָבן זיי געזאָגט). זיי האָבן אים אַלע געדריקט די הענט און זענען דאַן איינע נאָך דער אַנדערער צוגעגאַנגען צו אים מיט געשפּיצטע ליפּן און האָבן אים געקושט גלייך אויפן מויל. די לעצטע איז צוגעטרעטן קלאַרע. זי איז אויפגעשטאַנען פון איר בענקל אין גאַרדעראָב, פון וועלכן זי פלעגט זיך אויפהייבן נאָר ווען זי האָט געמוזט אַרויסגיין אויף דער בינע, האָט געקוקט אויף אים מיט גרויסע פאַרטרערטע אויגן און האָט אַרויסגעשעפּטשעט בלויז דאָס איינע וואָרט:

— דו!

דאַן איז זי צוריקגעגאַנגען צו איר אָרט און ווען ווערדער האָט זי געזען, ווי זי גייט אַ שווערע מיט לאַנגזאַמע שריט, מיט דער פרוכט פון זייער ביידנס ליבע אין איר מיידלשן לייב, האָט אים מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט אַ זעלטענע צערטלעכקייט צו איר; זיין האַרץ האָט זיך אין אים איינגעקאָרטשעט, ווי צוגעדריקט מיט דער האַנט פון אַ זיסן שמאַרץ; איז צוגעפאַלן צו אירע קניעס מיט זיין קאָפּ, האָט איינגעגראָבן זיין פּנים אין איר קלייד און האָט געשטאַמלט:

— פאַרציי! פאַרציי מיר, קלאַרע!

דאָס מיידל האָט אים געגלעט מיט אַ גרענעצלאָזער ליבשאַפט און זי האָט געזאָגט:

— שטיי אויף! דו זאָלסט נישט קניען פאַר מיר, יולעק!
און זי האָט צוגעגעבן:
—שטיי אויף, אַלע קוקן אויף דיר!
די אַקטיאָרן און אַקטריסעס זענען אַרומגעשטאַנען די צווי אין אַ רעדל; זיי האָבן געקוקט שווייגנדיק ווי ווערדער שטייט אויף פון די קניעס און האָבן זיך פון הינטערווייַלעכץ געלאָזט אַרויסגיין פון גאַרדעראָב.

ווען ביידע זענען געבליבן אַליין אין גאַרדעראָב האָט ווערדער אָנגעהויבן רעדן אַלס ערשטער:
קלאַרע! קלאַרע! איך וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן! גלויב דאָס נישט אויף מיר!

זי האָט געקוקט אויף אים מיט שרעקיקע אויגן:
— וואָס רעדסטו עפּעס, יולעק, וועגן „פאַרלאָזן"? ווי קומסטו אויס אַזוי צו רעדן?

ער האָט געוואָלט ענטפערן, אָבער די טיר, וואָס האָט געפירט פון גאַרדעראָב אין גאָרטן אַרויס האָט זיך געעפנט און ס'איז אַריין דער דירעקטאָר.

— קינדער, קינדער, — האָט ער געזאָגט, — מען דאַרף ווידער אָנפאַנגען! עס ווערט שוין שפּעט! — און דערזעענדיק ווערדערן און קלאַרען אַליין האָט ער געזאָגט:

— נו, וואָס זאָגט איר איצט, פאַניע ווערדער? איר האָט געהערט דעם אַפּלויז, וואָס איר האָט דאָס היינט אַביסעלע גע-האַט? און וועמען האָט איר דאָס צו דאַנקען, ווען נישט מיר? איך האָב תיכף דערקענט, אַז איר וועט זיין אַ אַקטיאָר! נו, ס'איז געווען גאָר „אַלרייט", — האָט ער אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע — איך האָב עפּעס נאָך מיט אייך צו רעדן:

— איר ווילט אפשר אַ בענעפיס? — האָט ער ווערדערן איינגערוימט אַ סוד — נישט-קשה, נישט-קשה, איר דאַרפט זיך נישט שעמען, איר האָט עס כשר פאַרדינט, אַז איר זאָלט האָבן אַ בענעפיס!

און איידער ווערדער האָט נאָך באַוויזן עפּעס צו ענטפערן, איז דער דירעקטאָר גרויסעלבן אויף דער בינע, וואו ס'זענען אַרומגעזעסן די אַקטיאָרן, האָט געפּאַטשט אין די הענט און האָט געשריגן:

— אָנפאַנגען, אָנפאַנגען, קינדער! ס'ווערט שפּעט!

★ ★ ★

דער צווייטער אַקט האָט זיך אָנגעהויבן און ווערדער איז געשטאַנען הינטער די קוליסן. ער האָט דורך אַ לאָך אין דער לייוואַנטענער וואַנט אַרויסגעקוקט אין גאָרטן, וואָס איז געווען איבערגעפּולט מיט אַ שבת־פּובליקום, וועלכעס איז געזעסן ביי „טישלעך", האָט געגעסן צומערשט די מיטגעבראַכטע פון דער היים ברויט־מיט־פּוטערן און האַרטע אייער און האָט געטרונקען דאָס ביר, וועלכעס די קעלנער פון דעם גאָרטן־רעסטאָראַן האָבן געהאַלטן אין איין טראָגן אין שוימנדיקע קופליעס.

ווערדער האָט מיט לוסטיקע אויגן געקוקט אויפן דאָזיקן יידישן עולם פון באַלבעסלעך מיט זייערע יידענעס, וואָס זענען געקומען פאַרברענגען דעם שבת־צו־נאַכטס אין יידישן טעאַטער אַריין און וואָס האָבן מיט איין אויג געקוקט אויף די טעלערס און קופליעס און מיטן אַנדערן אויג נאָכגעגאַנגען די געשעענישן אויף דער בינע.

בפרט איז אים גאָר געפעלן געוואָרן עפּעס אַ דיקער, אויסגעראַזירטער סוחר אין דער ערשטער ריי טישלעך, וואָס האָט זיך שטאַרק געמוטשעט מיטן צעשניידן אַ האַרטן געבראָטנס, וואָס דער קעלנער האָט אים גראָד געברענגט פון קיך. דער דאָזיקער „גאַסט" האָט מיט די פילע רינגען אויף די פינגער און מיט אַ גראָבער גאָלדענער קייט אויפן בויך, האָט בכלל

אויף די בינע נישט געקוקט, מוטשנדיק זיך מיטן האַרטן געבראַטנס.

אָבער אין אַ געוויסן מאָמענט, ווען די אַקציע אויף דער בינע איז געוואָרן „גאָר שפּאַנענדיק" און ווען מאַדאַם פּוטער, אין דער ראָל פון אַ יידישער מאמע, האָט זיך גראָד גענומען אויסטעהנען מיטן „גראַף" (דאָס איז געווען ענגלענדער) האָט ער ווי נישט ווילנדיק אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט אויף דער בינע. ווערדער האָט געזען, ווי דאָס מויל עפנט זיך ביי אים אַלע מאָל מער און מער, אַנטשפּרעכנד צו דעם, ווי פרוי פּוטער האָט וואָס אַמאָל העכער געשריגן.

די הענט מיטן מעסער און גאָפּל האָט ער געהאַלטן אין דער לופטן, העגנגדיקע איבערן טעלער... אַזוי איז דאָס דערדאָזיקער סוחר געזעסן און האָט געגאַפט, ביז אין דער רגע פון העכסטער אָנשפּאַנונג פון דער „אַקציע" אויף דער בינע, איז אים (אַ פּנים פאַר שרעק) דאָס מעסער און דער גאָפּל אַנטפאַלן געוואָרן פון די הענט און איז אַראָפּגעפאַלן אויפן טעלער מיט אַ פלוצלינגדיקן קלאַפּ; ער האָט זיך גענומען צום עסן מיט אַ וואָס גרעסערן אימפּעט, נישט וואַרפנדיק מער קיין בליק אויף דער בינע, הגם דאָרט איז גראָד פאָרגעקומען אַ „גאָר שפּאַנענדיקע" סצענע: פרוי פּוטער האָט ארויסגעצויגן אַ מעסער פון איר דויכן בוזעם און האָט געדראָט דעם „גראַף", אַז זי גייט זיך שטעכן, אויב ער וועט נישט אָפּלאָזן פון איר קינד, דער אומשולדיקער מרימל...

פלוצלינג איז אין גאָרטן אויסגעבראָכן אַ מהומה.

עס האָבן זיך געהערט געשרייען, דערשראָקענע קולות און אַ שאַרפער פייף.

אַלע זענען אויפגעשפּרונגען פון די זיצן. די טעאַטער-געסט האָבן זיך אויסגעדרייט מיט די רוקנס צו דער בינע און זענען געלאָפן צום אַרויסגאַנג. עס האָט אָבער אויסגעזען, אַז דער

אַרויסגאַנג איז פֿאַרשפּאַרט, ווייל דיזעלבע מחנה האָט זיך איצט געלאָזט לויפֿן צוריק צו דער בינע. אַזוי עטלעכע מאָל.

דאַן איז אַלץ שטיין געבליבן: אַ שוואַרצע מאַסע, וואָס איז געבערענגט געוואָרן צו פֿאַרגליווערונג, וואָס האָט געשוויגן אין אַ פּלוצלינגדיקער ראַטלאָזיקייט און שווער געעטעמט מיט דער פֿאַרצווייפֿלונג פֿון פֿאַרמאַכטע חיות אין אַ שטייג — — אַזוי האָט זיך איצט ווערדערן אויסגעוויזן די מענטשן=מאַסע, וועלכע איז געשטאַנען אין טעאַטער=גאָרטן אויף אַן אָרט און האָט זיך נישט גערירט, ווי וואַרטנדיק אויפֿן קלאַפּ, וועלכער מוז פֿאַלן אויף אירע קעפּ מיט אַן אונטערטעניקייט צו דעם, וואָס עס דאַרף קומען און צו וואָס עס איז קיין עצה נישטאָ, אַז מען זאָל פֿאַר דעם קענען אַנטרינען.

די פֿאַרגליווערונג האָט געדויערט עטלעכע רגעס. אויף דער בינע האָט מען אויסגעלאָשן די לאָמפּן, דער פֿאָרהאַנג איז אַראָפּגעפֿאַלן. די אַקטיאָרן זענען אַראָפּגעלאָפֿן פֿון דער בינע, אַריינגעפֿאַלן מיט אימפּעט אין גאַרדעראָב, וואו זיי האָבן זיך אויף גיך גענומען אָנטון די טאָג=טעגלעכע קליידער. עטלעכע בפֿרט די ייִנגערע האָבן אַפֿילו זיך קיין צייט נישט גענומען אָפּצווישן די פּנימער פֿון שמינק. זיי האָבן גיך, גיך אַרויפֿגעצויגן אויף זיך די געוויינטלעכע גאַסן=קליידער, אויף די טריקאָטן און אויף די אונטערשטע בינע-קליידער און האָבן געפּרוווט, וואָס שנעלער אַרויס פֿון גאַרדעראָב און אַנטלויפֿן. גלייך אין גאַרדעראָב האָט מען די עלעקטרישע לעמפּלעך אויסגעדרייט איינס נאָכן אַנדערן און ס'איז גאָר געבליבן ברענען איין=איינציק לעמפּל, וואָס האָט באַלויכטן די דערשראָקענע פּנימער פֿון די אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעפּרעסט אין טונקלסטן ווינקל פֿון דער הילצערנער בודע און האָבן געוואַרט.

בלויז ווערדער איז געבליבן שטיין אומגערירט אויף זיין אָרט, ער האָט אַלץ אַרויסגעקוקט אין גאָרטן אַרויס און ער האָט געפֿילט, ווי די אויגן ביי אים הויבן אים אָן גלייך

ווי פֿון זיך אַליין מיט יעדער רגע איינצופֿאַלן טיפֿער אין די גריבער. די שטשאָקעס האָבן זיך ביי אים באַוועגט פֿון זיך אַליין, ווי וואָלט ער עפּעס געקייט, ער האָט אַרויסגעקוקט אויפֿן טעאַטער־עולם אַזוי לאַנג, ביז פֿאַר אָנשטרענגונג האָבן אים געבריט די אויגן, און זענען אים געוואָרן פֿאַרשטעלט פֿון אַ נעפּל, דורך וועלכן ער האָט אַלץ געזען, נאָר ווי אָפּגערוקט פֿון זיך, ווי ס׳וואָלט דאָס אַלץ נישט פֿאָרגעקומען אַ פּאָר שריט פֿאַר אים, נאָר ווי דאָס וואָלט פֿאָרגעקומען עפּעס גאָר־גאָר ווייט פֿון אים; עס איז אים גאָרנישט נוגע. ער קוקט אויף דעם, ווי אויף אַ אומפֿאַרשטענדלעכן שפּעקטאַקל, וואָס שפּילט זיך אָפּ פֿאַר זיינע אויגן אויף אַ פֿרעמדער בינע, אין אַ שפּראַך און אונטער אומשטענדן, וואָס ער קען זיי נישט באַנעמען,

אָבער אין גאָרטן איז דער טומל געוואַקסן.

די פֿריער פֿאַרשטאַרט געוואָרענע מאַסע האָט זיך אויפֿגע־כאַפּט מיט אַמאָל פֿון איר פֿאַרגליווערונג און פֿון דעם הויפֿן האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּרייסן וואָס מער איינצלנע געשטאַלטן, וואָס זענען געלאָפֿן, ווי נישט ביי די פֿולע געדאַנקען, אין אַלע זייטן. זיי האָבן זיך אָבער אויף זייער וועג אָנגעשטויסן אויף אַ אומ־באַצוואונגבאַרער מויער; זיי זענען צוריקגעלאָפֿן און פֿאַרשמאָלצן געוואָרן צוריק מיטן שוואַרצן הויפֿן. אַנדערע ווידער האָבן גענו־מען לויפֿן אין ראָד, אַהין און אַהער און ווידער צוריק אויפֿן אָרט, פֿון וועלכן זיי זענען ערשט וואָס אַנטלאָפֿן.

ווערדער האָט דערהערט אַ פּלוצלונגדיקן געשריי. דאָס האָט דער יידישער עולם פֿון די טעאַטער־באַזוכער, ווי אויף אַ געגעבענעם סיגנאַל, מיט אַמאָל אויסגעשריגן אין איין קול, וועל־כער איז ווי געווען דער בשותּפֿותדיקער אויסברוך פֿון פֿאַר־צווייפֿלונג. דאַן האָבן די קולות זיך פֿאַרטיילט און דער המון איז אַריינגעפֿאַלן אין פּאַניק. שוין נישט נאָר איינצלנע געשטאַלטן האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון הויפֿן און געפּרוווט אַנטלויפֿן, נאָר

פּליטה איך געוואָרן אַן אַלגעמיינע, אַ אומבאַרעכנטע און אַ צוועקלאָזע.

ווען דער עולם האָט געזען, אַז צו די זייטן אַנטלויפן איז אומזיסט, האָבן זיך די דרייסטע פון צווישן אים באַשלאָסן אַנטלויפן אין דער הויך. ווערדער האָט געזען, ווי פילע דראַפּען זיך אין איילעניש אויף די ביימער, וואָס זענען געשטאַנען ביי די פיר עקן פון דעם טעאַטער=גאָרטן. אין דער האַלבטונקלקייט האָבן זיי זיך אויסגעוויזן, ווי שוואַרצע מאַלפּעס, וואָס אַנטלויפן פאַר יעגערס, וועלכע ברענגען זיי אָדער די נעץ פון געפאַנגענשאַפט, אָדער דעם טויט. אַ ברוטאַליטעט האָט געשלאָגן פון דעם גאַנצן געיעג אויף מענטשן, וועלכע האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר ווערדערס אויגן, אַ פּרימיטיווקייט, וועלכע האָט אים מיטאַמאָל קלאָר געמאַכט די באַדייטונג פון אַ קאַמף צווישן גוואַלט און גוואַלט און דערוויזן אים די טראַגישע האָפנונגסלאָזיקייט פון שוואַכערן.

אויך אין גאַרדעראָב זענען אַריינגעלאָפן אַלץ מער יידישע יונגע=לייט, וועלכע זענען פאַרסאַפּעטע געבליבן שטיין ביי דער טיר און האָבן זיך געבעטן מיט פאַרשטיקטע שטימען מען זאָל זיי באַהאַלטן.

— דאָ צווישן אייך, — האָט געזאָגט איינער, — וועט מען אונז נישט קומען זוכן! באַהאַלט אונז, חברים, באַהאַלט אונז, ווייל מיר זענען פאַרלוירן!

מען האָט זיי באַהאַלטן צווישן די הויפנס בינע=קליידער, וועלכע זענען אַרומגעלעגן אויף דר'ערד, מען האָט זיי זיך געלאָזט לייגן אויף דר'ערד, און מען האָט זיי צוגעדעקט ווי איינעם, מיט אַ אַלטן שטיק דעקאָראַציע, צי גאָר האָט מען עטלעכע אַריינגעשטופּט אין די גרויסע גאַרדעראָב=קופערטס און צוגעדעקט מיט שמאַטעס.

און אין גאָרטן איז די מענטשן=כאַפּעריי שוין צוגעגאַנגען מיט אַ סיסטעמאַטישער רוהיקייט און באַשטימטקייט. די, וואָ

האָבן נישט באַוויזן דורכצוברעכן דעם שטאַרקן קאָרדאָן פון פּאָליציי און מיליטער, וועלכע האָט אַרומגעשטעלט די מאַסע פון טעאַטער-געסט (און דאָס זענען געווען די מערסטע) האָבן זיך אָן ווידערשטאַנד געלאָזט אַרויסנעמען פון דעם הויפן. זיי האָבן מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ געטון דעם פאַרלאַנג פון די פּאָליציי-אָפיצירן: האָבן פאָרגעוויזן זייערע „לעגיטימאַציעס" און זענען דאַן צעטיילט געוואָרן אויף צוויי באַזונדערע הויפנס, די יונגערע אויף איין זייט, די עלטערע אויף אַ אַנדערע זייט.

אזוי זענען זיי דאַן געשטאַנען אין לאַנגע שורות, אָפּגעטיילט פון אַנדערע דורך אַ שורה פּאָליציאַנטן און זעלנער.

די יונגערע האָט מען אונטער אַ שמירה אָפּגעפירט צום „פּאָבאָר", ביי די עלטערע האָט מען אויפן אָרט דורכגעפירט אַ רעוויזיע. מען האָט אָפּגענומען ביי זיי אַלע „וואַליוט".

ווערדער האָט זיך צו אַלע די געשעענישן צוגעקוקט מיט רוהיקייט, וועלכע איז אים אַליין געווען אומפאַרשטענדלעך. ווען קלאַרע איז צוגעלאָפן צו אים און האָט געבעטן, אַז ער זאָל זיך, ווי די אַנדערע אקטיאָרן, באַהאַלטן אין די ווינקלען פון גאַרדעראָב, וואו מען האָט איבער זיי צעהאָנגען די גרויסע פּלאַכטעס פון די „קעניגלעכע מאַנטלען" און ווייבערישע קליידער, האָט אויך ער זיך געלאָזט אָננעמען ביי אַ האַנט און איז ווילנלאָז מיטגעגאַנגען. זי האָט אים אַריינגעשטופּט אין אַ ווינקל צווישן צוויי קוליסן, און זי האָט געבעטן צוצוקומען פּרויראָזנקראַנץ, „אַז עס זאָל זיך אויסדאַכטן, דאָס מיר זענען פאַרטון אזוי אין אַ שמועס".

די גאַרדעראָב איז לאַנגזאַם געוואָרן רוהיקער. די פאַרכאַפּטע בעת דער „אַבלאַווע" יונגעלייט, האָט מען שוין געהאַלטן אין צוועקפירן. עס האָבן זיך בלויז געהערט פאַראיינצלטע קאָמאַנדע-אויסגעשרייען פון די באַוואָפנטע, וועלכע זענען אין אָפּטיילונגען, די געכאַפּטע מאַנסלייט צווישן זיך, אַרויסגעמאַרשירט פון טעאַטער-גאָרטן.

דער ערשטער, וועלכער האָט איבערגעריסן די שטילקייט, איז געווען וואַלדמאַן.

— איך האָב נישט וואָס מורא צו האָבן — האָט ער געזאָגט — צום „פּאָבּיר" דאַרף איך נישט גיין און קיין דאָלערס האָב איך אויך נישט! איך מיין, איך וועל צרויסגיין אין גאָרטן כאַפּן אַ קוק, וואָס ס'טוט זיך.

— וואַרטס ליבערשט צו אַ ווײַלע — האָט אים אויפגעהאַלטן פּרוי פּוטער — ס'איז בעסער איר זאָלט איצט אין דרויסן נישט ווייזן.

וואַלדמאַן האָט געפאָלגט און אַלע זענען געזעסן, ווי צוגעקלעבטע אויף די בענקלעך. די באַהאַלטענע יינגעלייט זענען געלעגן און געשטאַנען הינטער די קליידער. דאָס איינציקע עלעקטרישע לעמפל האָט געברענט מיט אַ שוואַכן גלאַנץ און האָט נישט באַוויזן צו באַלייכטן אַלע ווינקלען פון גאַרדעראָב און פון דער טונקלער בינע, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ שוואַרצע, פּוסטע הייל.

די טיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט און ס'איז אַריין דער דירעקטאָר. ער איז שטיין געבליבן ביי דער טיר און האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויפן מויל:

— חברה, סנעק, „מען דראַלעט אַהער!"

ער האָט געצויגן מיט דער נאָז, האָט זיך אויסגעגליעט די האָר אויפן פּליך און ער האָט געוואַרט.

עס דאָט זיך דערהערט אַ געקלינגעריי פון שפּאָרן און אין גאַרדעראָב איז אַריינגעקומען אַ פּאָליצײ-קאָמיסאַר מיט צוויי פּאָליציאַנטן.

אַ — האָט ער געזאָגט — פּשעפּראַשאַם, דאָ זענען די אַרטיסטן!

— יאָ, דאָס איז געענטפערט יאַנקל שיקסעניק אויף פּויליש, דאָ זענען לויטער אַרטיסטן. איר מעגט זיי לעגיטימירן, פּאַניע קאָמיסאַזשו, אַלע פּאַפּירן זענען ביי זיי אין אָרדנונג!

איבריגנס ס'איז דאָך בלויז לויטער עלטערע מענטשן.

דער קאָמיסאַר האָט זיך צעלאַכט און ער האָט געקלאַפּט דעם דירעקטאָר איבער דער פּלייצע.

— יאָ, דו אַלטע ק... ווייזט איר מיר, אָבער די יינגערע האָט איר אַלע באַהאַלטן! מיר יועלן גיין זוכן!

יאַנקל שיקטעניק האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג׳

— פּאַניע קאָמיסאַזשו, איך בין אַ אַלטער טעאַטער־דירעקטאָר און וועל נישט מאַכן קיין „אָשוסטוועס" און די פּאָר אַקטיאָרן, לויטער עלטערע מענטשן, איר קענט זיך איבערצייגן:

ער האָט דעם קאָמיסאַר אָנגענומען ביי אַ האַנט און צוגעפירט צו אַ טונקלען ווינקל פון גאַרדעראָב. ער האָט אים עפּעס איינגערעדט אין דער שטיל, געדריקט אים די האַנט און יענער האָט פלוצלינג אַ קאָמאַנדע געטון צו די צוויי פּאָליציאַנטן:

— אַרויס! איר וועט היטן דרויסן די טיר!

דער קאָמיסאַר האָט זיך אָנידערגעזעצט רייטנדיק אויף אַ בענקל אינמיטן גאַרדעראָב, האָט די שווערט געטומען צווישן די קניעס און איז אַ ווײַלע געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. דאַן האָט ער זיך אויפגעשטעלט:

— נו, איך קען אייך, פּאַניע פּאָגעל, און איר זענט מיר באַ־אַנטוואָרטלעך פאַר אַלעמען! מאָרגן זאָלט איר קומען אין מיין קאַנצעלאַריע און מיר וועלן ווייטער שמועסן!

ער האָט זיך געגומען אַרויסגיין, אָבער ביי דער טיר האָט ער זיך אומגעקערט; ער איז צוגעגאַנגען צו אַן אויפגעשטעלטן קוליס אין ווינקל, אַ שטיקל „פרייע געגנט" מיט בוימער, און ער האָט צוגערופן דעם דירעקטאָר.

— זאָגט מיר, „פּאַניע דירעקטאָזשע", זייט וועו וואַקסן העגנט אויף די בוימער ביי אייך? — און מיטן שטעקעלע, וועלכעס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, האָט ער אַ שטאַרקן קלאַפּ געטון איבער דער אַרויסגעשטעלטער האַנט פונם „יאָלו", וואָס איז געווען באַהאַלטן הינטערן קוליס.

ער איז אַרויסגעגאַנגען און ביי דער טיר האָט ער גע־זאָגט צום דירעקטאָר:

— מאָרגן קומט אין קאָנצעלאַריע! אַז ניט, וועט איר אונטס ניט שפּילן!

— ברעך די הענט מיט די פיס צוזאַמען! — האָט גע־שאָלטן אַן אַקטיאָר, ווען דער קאָמיסאַר איז שוין געווען אין דרויסן — זע נאָר אַ גבורה פון אַ „בעזעם"! אַן אויג האָט ער, אַז עס מעג ביי אים אַרויס.

— פאַרוואָס עפּעס ארויס? זאָל עס ביי אים ליבערשט אַריין, וועט ער ניט האָבן קיין שאָדן!

און מען האָט זיך אָנגעהויבן „וויצלען" איבער דעם „בעזעם", וואָס נעמט געלט, ווי אַ בלינד פערד, אויסקרענקען זאָל ער עס!

— וויפל האָסטו אים געגעבן, יאַנקל? — האָט געפרעגט וואַלדמאַן ביים דירעקטאָר.

— וואָס איז דער חילוק, וויפל? פון מיין קעשענע וועט עס ניט גיין...

ער האָט אַריינגעשטעקט די הענט אין דער הויזן־קעשענע, אַרויסגענומען פון דאָרט געלט, איבערגעציילט עס און ער האָט געזאָגט.

— אַן אַנדערט־האַלבן „פּעקלעך" האָט געקאָסט די מעשה. נו, צרוס, „פּאַנאָוויע!" — האָט ער געשריגן — אַרויס פון די גאַהעלטערלעך און גיט אהער די „גראַצערס".

ווערדער איז אַרויס דער ערשטער און האָט אַריינגעלייגט די הענט אין טאַש.

— איך וועל אייך אָפּגעבן פאַר אַלעמען — האָט ער געזאָגט — און אָפּרעכענען וועל איך זיך שפּעטער.

— זייט ניט קיין „יאָלד!" וואָס גייט ער עפּעס צאָלן?

— האָט אים דער דירעקטאָר צוגעשעפּטשעט אין דער שטיל.

— ביי קיין אַקטיאָרן נעם איך ניט!

און צו די יונגעלייט, די „יאָלדן", וועלכע זענען אַרויס יעדער פון די באַהעלטנישן פאַרשוויצטע און בלאַסע, האָט ער געזאָגט:

— נו מיינע הערן, זי קענען זיך אויף מיר ניכט בע-קלאַגען! געבען זי געלד! הונדערט-פינפציק-טויזנט מארק קאָס-טעט די געשיכטע.

די „יאָלדן" האָבן זיך איבערגעקוקט איינער מיטן אַנדערן, זענען אַוועק אין אַ זייט און דאַן האָט איינער צוגעטראָגן צום דירעקטאָר דאָס געלט:

— אַנדערטהאַלבן פעקלעך, פּאַניע דירעקטאָושע, ציילט איבער!

עס ווירד שאָן שטימען! — האָט געזאָגט יאַנקל „שיק-סעניק", איך דאַרף נישט צו ציילן! נו, אַ גוטע נאַכט, מיינע הערן, און לאָמען אַך מער נישט זען!

אַלע האָבן דאַן פאַרלאָזט די גאַרדעראָב און מען איז אַדורגעגאַנגען דעם טעאַטער-גאָרטן, וועלכער איז געלעגן שטיל און פאַרלאָזן.

נאָר פון קיך פון גאָרטן-רעסטאָראַן איז געפאַלן אַ לייכטער שיין אויפן אײַסגאַנג און האָט באַלויכטן די גרופּע מיטגלידער פון יאַנקל פויגלס טרופּע; זיי האָבן זיך צוגעאײַלט, וואָס שנעלער צו קומען אין האָטעל אַריין, ווו זיי האָבן אַלע געוווינט אַ טיר נעבן דער אַנדערער.

און רעסטאָראַן-קיך האָבן יונגע שקצים און שיקסעס גע-וואַשן די געפּעסן נאָך דער טאָג-אַרבעט. ווען זיי האָבן דערזען די פאַרבייגייענדיקע טעאַטער-לייט האָבן זיי אָנגעהויבן אָפּשפּעטן פון די „זשידקעס".

איינער אַ הויכער שגץ אָנגעטון אין אַ זעלנערישן מונ-דיר, מיט אַ פירקאַנטיק מיצל אויפן קאָפּ האָט די אַרויסגייענ-

דיקע פאַרלאָפן דעם יונג, האָט זיך אונטערגעשטעלט אין דער ברייט פאַרן אַרויסגאַנג און האָט אָנגעהויבן זינגען:

איוואַי! איוואַי!
ושיסטקיך זשידקוו מי וויזשניעמי
איוואַי, איוואַי!
יופּאידינאַ, יופּאידינאַ
יופּאידינאַ, דאַנאַ!
איוואַיוואַי! איוואַיוואַי!
האַוו! האַוו! האַוו!

ער האָט געבילט ווי אַ הונט, ער האָט געוואָרפן מיט די הענט און „האָט נאָכגעמאַכט אַ ייד". עס איז קענטיק געווען, אַז ער זוכט אַ געלעגנהייט זיך אַריינצולאָזן אין אַ געשלעג מיט די אַקטיאָרן.

יענע זענען אַלע געשטאַנען אויף איין אָרט און האָבן זיך אין דער שטיל בעראָטן, צי ס'איז נישט פאַראַן פון גאָרטן אַן אַנדערער אַרויסגאַנג.

— איר זעט דאָך, האָט געזאָגט ברעטלער — דער שגץ וועט נישט אָפּטרעטן! מען דאַרף אים אויסמיידן!

אָבער פון דער גרופּע האָט זיך אָפּגעריסן ווערדער און דערנענטערט זיך צו דעם יונג אין דעם זעלבערישן היטל.

— ווערדער! ווערדער! — האָט גערופן די דירעקטאָרקע,

— ווי גאָט איז אייך ליב, שלאָגט אים נישט! איר וועט ברענגען אַ אומגליק אויף אונז אַלע!

אויך קלאַרע האָט זיך געבעטן בײַ ווערדערן:

— יולעק, קער זיך אום! וואָס טויג ער דיר? לאָז אים אָפּ! מיר וועלן אַרויסגיין דורך דער אַנדערער טיר! היגטער דער בינע איז דאָ נאָך אַ טיר! קום, יולעק.

זי איז נאָכגעלאָפן ווערדערן און האָט אים געשלעפּט פאַר דער מאַרינאַרקע:

— קום אַוועק, טייערער! איך בעט דיך!

*) אַ זאָלדאַטן־לידל: „אַלע יידעלעך וועלן מיר אויסשעכטן"...

ווערדער האָט זיך צעבייזערט:

— וואָס ווילט איר? איך גיי זיך דאָך נישט שלאָגן! איך וויל אים נאָר בעטן, אַז ער זאָל אונז לאָזן אַדורכגיין!

ער איז צו צום שגץ, האָט זיך פאַר אים אַנידערגעשטעלט מיט די הענט אין די קעשענעס און האָט אים געפרעגט מיט געמאַכטער רויקייט אויף פויליש:

— נאָ, אַביוואַטעל, אפשר וואָלסטו אונז וועלן אַדורכלאָזן?

דער שגץ האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען, אַז אין ווערדערס רויקייט ליגט אַ איינגעהאַלטענער בלינדער כעס; ער האט געקוקט אויף ווערדערן מיט אַ פּאָר בלויע, קיילעכדיקע אויגן, וואָס האָבן זיך ביי אים אָנגעצינדן מיט אַ וואוילייִנגערישער איינגעשפּאַרטקייט פון אַ ייִנגן רעקרוט, וואָס איז גראָד היינט געשטאַנען צום „פּאָבאָר" און וועלכן „ס'איז אַלץ איינס"...

ער האָט זיך צעשפּאַרט אין דער ברייט אין דער שמאָלער טיר און האָט געזאָגט צו ווערדערן:

— איך וועל אייך דורכלאָזן, נאָר יעדער פון אייך, וועלכער וויל אַדורכגיין די טיר, זאָל מיר אַ קוש טון אין...

ער האָט ווערדערן לייכט אַוועקגעשטופּט מיט דער האַנט און איז צו צו דער גרופּע אַקטיאָרן און אַקטריסעס.

יענע האָבן זיך פאַר שרעק נישט געקענט רירן פון אָרט.

פאַר אים איז אָבער אויסגעוואַקסן ווערדער, ער האָט אים אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן אַקסל:

— טרעט אָפּ! טרעט אָפּ, ווייל איך וועל דיך דערהרגענען!

דער שגץ האָט זיך געפּרוּווט אַרויסדרייען, אָבער ווערדער האָט אים מיטאַמאָל געטון אַ שטויס מיט דער פויסט פאַר דער ברוסט, דאַן האָט ער אים מיט דער זעלבער האַנט אָנגעכאַפּט ביים האַלז און האָט אים גענומען וואַרגן.

דער יונג איז געפאַלן אויף דער ערד, ווערדער איז גע־פאַלן איבער אים און האָט אים אומאויפהערלעך מיט צוויי פינ־גער געדריקט ביים האַלז; ביז עס האָט זיך געהערט א גע־כראַקעריי, וואָס איז געקומען ווי פון אונטער דר'ערד און האָט ווערדערן גלייך ווי פאַרשיכּורט און געמאַכט אים פאַרגעסן, ווי ער געפונט זיך און וואָס ער טוט.

ער האָט בלויז דערפילט ווי עמעץ רייסט אים אין דער הייך, ער איז אויפגעשטאַנען אויף וואַקלדיקע פיס און ווען ער האָט זיך אומגעקוקט מיט א פּאָר באַוווסטלאָזע אויגן האָט ער דערזען ווי דורך א נעפּל ענגלענדערן, וועלכער איז געשטאַנען פאַר אים און האָט אים מיט א טיכל געווישט דאָס פּנים.

— קומט, קומט, ווערדער! עס האָט נישט פיל געפעלט און איר וואָלט אים געוועז אינגאַנצן דערדושעט.

אַרום אים זענען געשטאַנען די איבריקע אַקטיאָ־ן און אַקטריסעס; אַלע האָבן געשוויגן און זענען געווען ווייס ווי קאַלך.

— קום יולעק! — איז מיטאַמאָל קלאַרע צוגעטרעטן צו ווערדערן — קום אַהיים!

זי האָט אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט און האָט אים גע־פירט איבער די שטילע, טונקלע און גלייך ווי אויסגעשטאָרבענע גאַסן פון דער שטאָט.

ביי דעם אַריינגאַנג אין האָטעל האָט ער אָנגעטראָפן דעם דירעקטאָר, וועלכער האָט אים געמוסרט:

— איר זייט דאָך טאַקע גאָר אַ מערדער! איר ווייסט, וואָס איר האָט געקענט אָנאַרבעטן? זיי וואָלטן דאָך אונז אַלע אויסגעהרגעט! און מאָרגן וואָלטן מיר געהאַט אין שטאָט אַ „רע־גולאַרנע" פּאָגראָם!

ווערדער האָט אים נישט געענטפערט.

ער איז אַרויפגעלאָפן אין זיין צימער און ווען קלאַרע, וועלכע האָט אים נישט געקענט דעריאָגן, איז אָנגעקומען אַ וויי־

לע נאָך אים אין דעם טונקלען צימער, איז זי שטיין געבליבן
בײַ דער טיר אָן אָטעם.

זי האָט געהערט ווי ווערדער רעוועט עפּעס מיט א נישט־מענטשלעכער שטים, וואָס האָט זיך געהערט אין טונקל ווי דאָס ברומען פון א בייזן הונט.

זי האָט מיט ציטערדיקע הענט איבערגעדרייט דאָס עלעקטרישע קנעפּל.

ווערדער איז געלעגן אויף דר'ערד מיטן פּנים אראָפּ. מיט ביידע הענט האָט ער זיך אריינגעשטופּט צווישן די ציין א האַנטוך און האָט מיט דעם געפּרוווט דערשטיקן די קולות, וואָס האָבן זיך געריסן פון זיין ברוסט.

דאָס מיידל האָט אַנידערגעקניט איבער אים, זי האָט עטלעכע מאָל אויפגעהויבן די הענט און זיי ווידער געלאָזט פאַלן, נישט וויסנדיק וואָס צו טון מיט דעם יונגען, געזונטן מענטשן, וואָס איז געלעגן אויסגעשטרעקט אויף דר'ערד און האָט געברומט מיט א מוראדיקן קול, גאַרנישט ווי א מענטש, נאָר ווי עפּעס א אומבאַקאַנטע חיה, וועלכע מען האָט אומבאַשרייבלעך וויי געטון און וואָס וויל דעם דאָזיקן שמאַרץ איינהאַלטן אין זיך מיט גוואַלט.

זי האָט אים געגלעט איבערן קאָפּ, זי האָט אים גענומען צורעדן מיט ווייכע רייד און ווערדער האָט זיך מיטאַמאָל געטון א זעץ אויף דר'ערד און האָט געזאָגט צו קלאַרען:

— מיר איז גאָרנישט! קרענק זיך נישט!

* * *

ווען קלאַרע האָט זיך דעם אַנדערן מאָרגן אויפגעכאַפּט

האָט זי ווערדערן מער נישט געטראָפן אין צימער.

אויפן בענקל נעבן בעט איז געלעגן א צעטעלע אויף וועלכן קלאַרע האָט דורכגעלייענט:

— „איך וועל צוריקקומען! וואַרט אויף מיר!"

צווייטער טייל

XII

פארלייקענונג

פוילן האָט דאַן געפירט אַ מלחמה מיט סאָוויעט־רוסלאַנד, אַ גרויסער געראַנגל צווישן צוויי כחות, וועלכע האָבן זיך גע־פרווט אין קאַמף אויף לעבן און טויט.

די פוילישע רעפובליק, וואָס איז, ווי דורך אַ נס ,אויפגע־שטאַנען פון אַ הונדערטפופציק־יעריקער פאַרשקלאַפונג, האָט גע־פירט דעם קאַמף אין נאָמען פון איר קיום. „זיי אָדער מיר!" — דאָס איז געווען די לאָזונג פון דער יונגער פוילישער מלוכה.

ריזיקע אַפישן, וואָס זענען געווען פונאַנדערגעקלעפּט אי־בער די מויערן פון די שטעט, איבער די פּלויטן פון די דער־פער, האָבן געוועקט דאָס פוילישע פאָלק צו פאַרטיידיקונג. אויף די אַפישן איז מיט בולטע קאָלירן פאָרגעשטעלט די מאַכט פון דער סאָוויעטן־רעפובליק, וועלכע האָט זיך אָנגעזעצט אויף דער פרייהייט פון פוילנס שטחים, וואָס וויל דאָס לאַנד דערטרענקען אין אַ ים פון בלוט און די באַוווינער פון לאַנד צו־גרונטערוואַרפן אונטערן יאָך פון „טשערעזוויטשייקעס".

טאָג און נאַכט איז דאָס לאַנד פאַרפלייצט געוואָרן מיט אומגעהויערע מאַסן באַדרוקט פּאַפּיר; פלוגצעטלען, בראָשורן און צייטונגען האָבן געשריגן מיט אַלע כחות און אַריינגעהאַמערט אין די מוחות די גרויסקייט פון דער סכנה. — „ווילסטו אונטערטעניק ווערן דעם באָלשעוויק?" — דאָס איז געווען די גרויסע פראַגע,

וועלכע מען האָט געשטעלט די מיליאָן=מאַסן פון פּוילנס באַווינער. „גיי, פאַרטיידיק דיין ערד!" האָט באַפוילן אַ יעדער שטיקל מויער, אויף וועלכער עס איז צעהאָנגען געווען אַלעמאָל אַן אַנדער אַפּיש: „דיין פאָטערלאַנד וואַרט אויף דיר!" האָט געשריבן אַ בראָשור, וועלכע מען האָט די פאַרבייגייערס אַריינגעשטופּט אין די הענט. דו ביסט דאָ און דיינע ברידער בלוטיקן אויפן שלאַכטפעלד!" — האָבן געפּויקט די צייטונגען.

— אָבער פאַרוואָס מאָלן זיי די באָלשעוויקעס מיט קרומע יידישע נעז? — האָט איינמאָל ווערדערן אַ פרעג געטון אַן אַלטער ייד, וועלכער איז צוזאַמען מיט אַ גרויסן עולם פאַרבייגייערס געשטאַנען פאַר אַן אַפּיש — און פאַרוואָס קומען ביי זיי די באָלשעוויקעס אַרויס אויף די בילדער מיט געקרייזלטע, שוואַרצע האָר?

ווערדער האָט דעם אַלטן נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט גיך פאַרלאָזט די גרופּע מענטשן, וואָס איז געשטאַנען פאַרן אַפּיש און האָט זיך געלאָזט מיט גיכע שריט אויף דער אַנדערער זייט גאַס.

אָבער אויך דאָ איז אים באַלד געפאַלן אין די אויגן אַ גרויסער אַפּיש, וועלכער האָט גערופן צו זיך מיט אַ געלן אויסגעשטרעקטן ווייז=פינגער און וועלכער האָט געצוווּנגען דעם פאַרבייגייער שטיין צו בלייבן:

— און דו? — האָט געוויזן ווי גלייך אויף ווערדערן דער אויסגעשטרעקטער ווייז=פינגער — „און דו? דו ווילסט נישט פאַרטיידיקן דיין לאַנד?

ווערדער האָט געמאַכט אַ שריט נענטער צום גרויסן פאַרביקן בילד. אונטערן גרויסן ווייזפינגער איז אויסגעמאָלן אַ ווייט אַקער=פעלד: אַ פּויער איז איינגעשפּאַנט אין אַקעראייזן. אים אויפן נאַקן זיצט אַ יידל אין אַ בעקעשע, מיט ווייסע זאָקן און פאַנטאָפל. געבן אים לויפן צוויי ענלעכע געשטאַלטן און טרייבן דעם פּויער מיט די הויך דערהויבענע בייטשן.

אַ שווייגנדער האָט זיך ווערדער אַרויסגערוקט פון צווישן דעם אָנגעזאַמלטן המון און זיך געלאָזט גיין אַ היים.

די גאַסן פון דער שטאָט האָבן געפּולסירט מיטן ריטם פון מאַרשירנדיקע חילות, פון מיליטערישער מוזיק און פון לידער, וואָס האָבן געקלונגען מיטן גאַנצן כּח פון יונגע לונגען פון די טויזנטער און צענדליק טויזנטער סאָלדאַטן און פרייוויליקע.

די שטאָט איז געלעגן איינגעהילט אין אַ געדיכטן, געלן שטויב, וועלכער האָט זיך אין דער לופט געטראָגן ווי אַ נעפּל. די בריק האָט געציטערט אונטער די שווערע מאַסן פון קופּער, אייזן און שטאָל פון די האַרמאַטן און אַמוניציע, וועגן, וואָס זענען געפאָרן אין אַ לאַנגער שורה. די פערד האָבן זיך געיאָגט, די האַרמאַטן האָבן אונטערגעשפּרונגען אין געלייף, די רעדער פון די אַמוניציע=וועגן האָבן גבורהדיק געקלאַפּט איבער די שטיי= נער און פון זייער גערויש איז געוואָרן אָנגעפּולט די לופט.

— עס איז מלחמה! — האָט זיך דערמאָנט ווערדער — ווידער מלחמה!

אויף די פערד פאַר די האַרמאַטן, אויף די האַרמאַטן און אויף די וועגן זענען געריטן און געזעסן ברוין=אָפּגעברענטע סאָלדאַטן מיט ביקסן איבער די אַקסלען. ווערדער האָט געקוקט אויף די גראָע, פאַרשטויבטע געשטאַלטן און אים האָט זיך גע= וואָלט אַראָפּ צו זיי, אַרויפכאַפּן זיך נעבן איינעם אָדער דעם צווייטן, אויפן פערד, צי אויפן וואָגן, אַרומנעמען און דריקן די זאָלדאַטסקע הענט און רעדן מיטן סאָלדאַטסקע לשון זייער פּראָס= טע שפּראַך און זינגען מיט זיי זייערע לידער. און אָוונטס=צייט, ווען זיי וועלן ליגן מידע אין אַ שטאַל אויף שטרוי צווישן פערד און איבערן קאָפּ וועט זיין אויסגעשטרעקט דער לאַנגער טונקלער גוף פון אַ פערד און עס וועט זיך פילן מיט פערדישן ריח און דער האַבער וועט קנאַקן צווישן די שווערע, פערדישע שטשאָקעס, דאַן וועט ער זיך צורוקן צו איינעם פון די יינגען און ער וועט זאָגן:

— און צו וואָס ביסטו, ברודער, אַרויסגעפֿאָרן פֿון דאָרף, וווּ דו ביסט געבוירן און צו וואָס האָסטו זיך געלאָזט גיין אויף פֿרעמדע וועגן?

— פֿאַרוואָס, ברודער, עסטו דאָס זעלנערישע ברויט און פֿאַרוואָס גלעטסטו די קופּערנע רייף פֿון האַרמאַט מיט דײַנע האַרטע הענט, גלײַך ס'וואָלט דיר דער האַרמאַט געווען דײַן מיידל, וועלכעס דו האָסט איבערגעלאָזט און ווער ווייס צי דו וועסט עס נאָך זען?

— און ווייסטו, ברודער, ווען פֿון דײַן האַרמאַט וועט אַרויסגיין אַ בליץ דורך דער נאַכט און ווען אַ הילכיקער שאָס וועט דיר די אויערן פֿאַרטויבן, דאַן וועלן דאָרט אויף יענער זייט, פֿון אונטערן באַרג, פֿון וואַנען דו שיסט אַפֿער — דאָרט וועלן זיך מענטשן קוילערן אין בלוט און אויף אַ ווײַל וועלן דורך דער לופֿט פֿליען שטיבלעך פֿון מענטשלעכן פֿלייש און בלעכענע קנעפּ פֿון גראָע מונדירן און דער צעבלאָזענער שטויב פֿון טאַבעק פֿון בלעכענע זעלנערישע פּושקעס. צוזאַמען מיט שטויב פֿון מוחות.

— און פֿאַרוואָס גייסטו אין שלאַכט אַרײַן, ברודער מײַנער און פֿאַר וועמען און אַקעגן וועמען?

— און ער וועט זיי דערציילן וועגן זײַנע בייזע איבערלעבענישן אין דער גרויסער וועלט-מלחמה און ער וועט אויסמאָלן פֿאַר זיי די בילדער פֿון דער בלוטיקער שחיטה. דאָס צאַפּלדיקע, לעבעדיקע פֿלייש אויף שטעכיקע דראָטן און די געשפּאָלטענע מוחות פֿון זיבעצן און אַכצן-יעריקע קינדער, בײַ וועמען די אַקסלען זענען נאָך צו שמאָל צו טראָגן אויף זיך די ברייטע גורט פֿון די ריקן-זעק און וועלכע האָבן געשריגן „מאַמע!”, ווען נעבן זיי האָט אויפֿגעריסן אַ גראַנאַט.

— און ער וועט זיי דערציילן די שרעק פֿון רוישנדיקן עראָפּלאַן איבערן קאָפּ, ווען מען ליגט אַ פֿאַרשוויצטער נאָכן צען-שעהדיקן מאַרש אויפֿן צעטרעטענעם, צײַטיקן, פֿרייען פֿעלד

און מען וואַרט, אַז די געוואָרפענע באָמבע זאָל אויפרייסן, אָט=
אַט-דאַנעבן און ווי מען עטעמט אָפּ מיט חוילטאָג, אויב זי איז
געפאַלן פּופּציק שריט ווייטער און האָט געטראָפן יענע, די אַנ=
דערע פון דער אַנדערער „קאָמפּאַניע", — אַבי נישט מיך!
אַבי נישט מיך! און, דאַנקן גאָט, איך לעב נאָך!

— פון דורכגעמאַרשירטע, שיינע זומער=נעכט וועט ער
זיי דערציילן און וועגן נעכט אין דער שטיקיגער לופט פון אי=
בערגעפולטע וואַרמזאַלן אויף גרויסע סטאַציעס, ווען מען ליגט
געדיכט איינער נעבן אַנדערן, איינער איבערן אַנדערן און דעם
חברס שיך איז דיר דיין קאָפּ=קישן און דעם ליגנדיקן חברס
אונטן איז דיר אַן אָנשפּאַרעניש פאַר דיין מידן ריקן; אָדער
ווען דו זיצסט און שאָקלסט דיך שעהן=לאַנג אַהין און צוריק,
אַהין און צוריק און קענסט נישט דעם קאָפּ אַנידערלייגן און
קענסט נישט די אויגן פאַרמאַכן און שלאָפן — שלאָפן! שלאָפן!
גאָט מיינער! כאָטש פינף מינוט שלאָפן, גאָט מיינער!

ער איז אַוועק אין אַ זייטן געסל. דאָס געקלאַפּערײַ פון
דער פאָרנדיקער אַרטילעריע האָט זיך געטראָגן פאַרשטיקט פון
דער ווייטקייט פון הויפּט=גאַס.

דאָס געסל איז געלעגן שטיל אין דעם גרעלן שיין פון
דער מיטיק=זון, ווי אויסגעשטאָרבן. בלויז איינצלנע מענטשלעכע גע=
שטאַלטן האָט ער געזען, ווי זיי יאָגן זיך מיט אימפּעט איבער
ביידע זייטן פון טראָטואַר, ווי זיי לויפן אַריין אין די דערביי=
איקע טויערן, וועלכע ווערן אונטער זיי פאַרמאַכט.

אַ פלוצלינגדיקער שרעק האָט אַרומגענומען ווערדערן. ער
האָט זיך אַריינגעדריקט אין אַ פאַרטיפונג פון אַ מויער, ער האָט
געפרוווט שטיין פעסט אויף אַן אָרט, אָבער ער האָט געפילט,
אַז אונטער אים הויבן פלוצלינג אָן ציטערן די פיס. ער האָט
פאַרביסן די ציין און דאָך האָט ער זיך נישט געקענט איינ-
האַלטן עס זאָל אים קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן. ער האָט גע-
פילט אַ קעלט זיך פאַרשפּרייטן אינטער זיין הויט, די האָר אויפן

קאָפּ האָבן אים גענומען שטעכן, אַ יעדע באַזונדער ווי מיט שפּילקעס

און אָנמאַכט האָט באַפֿאַלן װערדערן, אַ פֿלוצלינגדיקע לעמונג.

צוויי סאָלדאַטן אין בלויע מונדירן האָבן זיך באַוויזן אין דעם קליינעם געסל. זיי זענען געקומען פֿון הויפּטגאַס. זיי זענען געגאַנגען ענג געאָרעמט איינער מיטן צווייטן. מיט געמאַכטער שיכּרות האָבן זיי זיך געוואָרפֿן פֿון איין עק טראָטואַר אויפֿן צווייטן, די ביקסן אַריבערגעהאָנגען איבער די עלנבויגנס. האָבן זיי געזונגען אַ זעלנעריש לידל. פּלוצלינג האָבן זיי אויפֿגעהויבן די ביקסן הויך און געשאָקלט מיט זיי דראָענדיק אַרויף צו אַן אָפֿענעם פֿענסטער אויפֿן שטאָק. דאָס פֿענסטער האָט זיך מיטאַמאָל פֿאַרמאַכט און האָט זיך פֿאַרשטעלט צו דער גאַס צו, מיט פּלוצלינג אַראָפּגעפֿאַלענע ראָלעטן.

עס איז געווען שטיל און װערדער האָט בלויז געהערט דאָס געקלאַפּערײַ פֿון די זעלנערישע שטיוול אויפֿן ברוק.

די סאָלדאַטן זענען שוין געווען אָנמיטן פֿון דער גאַס, ווען זיי האָבן זיך מיטאַמאָל באַהאַלטן אין דער טיף פֿון אַ טויער און אַרויסגעקוקט פֿון דאָרט בלויז פֿון צייט צו צייט, גלייך ווי זיי זאָלן וויסן, אַז זיי װעלן זיך דערוואַרטן.

דאָס טויער איז געווען פּונקט אַקעגן דעם אָרט, וואו ס׳איז געשטאַנען װערדער. איינער פֿון די מונדירטע שקצים האָט אַראָפּגענומען זיין פּירקאַנטיק היטל און האָט זיך גענומען אַרבל אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון רויטן שטערן. דאַן האָט איינער דעם אַנדערן געטון אַ שטויס מיטן עלנבויגן אין דער זייט, זיי האָבן זיך איבערגעקוקט און אַרויסגעלייגט אַ פֿיגגער אויפֿן מויל.

— אידזיע ! (ער גייט!)

װערדער איז באַגעגאַנגען זייערע בליקן און ער האָט געזען, ווי פֿון עק גאַס קומען אַלץ נענטער צוויי יידן. זיי זע־

בען געווען פּאַרטון אין עפּעס אַ שמועס, זיי האָבן שטאַרק גע־מאַכט מיט די הענט.

ער האָט אין דער שטילקייט דערכאַפּט אַ טייל פון זייער געשפּרעך:

— 100 „טשעכישע“ איז עפּעס ווייניקער ווי דריי דאָלאַר און דער דאָלאַר שטייט הייגט — —

אָבער דער ייד האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן זיינע רייד.

פון אַ פענסטער אויפן שטאָק האָט זיך פלוצלינג דערהערט אַ פרויען־שטים, וואָס האָט אַריינגעשריגן מיט אַ מוראדיקן קויך אין דער שטילקייט פון גאַס:

— יידן אַנטלויפט!

די יידן זענען שטיין געבליבן אויפן אָרט ווי פאַר־שטאַרט.

אין דערזעלבער רגע זענען דיביידע סאָלדאַטן אַרויסגע־שפּרונגען פון אונטערן טויער און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נעיעג איבער דער פוסטער גאַס.

איינער פון די יידן איז אַריבערגעלאָפן אויף דער אַנ־דערער זייט פון טראָטואַר; דער צווייטער אָבער איז געשטאַנען אומגעריירט אויף זיין אָרט און ווערדער האָט געזען, ווי עס עפנט זיך אַ שמאָלער שפּאַלט פון טויער, ווי פון דאָרט לויפט אַרויס אַ יונג מיידל, כאַפּט אָן דעם יידן ביי דער האַנט און שלעפּט אים הינטן־אַרום אין טויער אַריין, וועלכעס האָט זיך נאָך זיי ביידן באַלד ווידער פאַרשלאָסן.

די סאָלדאַטן האָבן זיך איצט גענומען נאָכלויפן דעם צווייטן יידן, וועלכער איז געלאָפן איבער דער גאַנצער לענג פון דער גאַס, מיט אומגעלומפּערטע טריט; ער האָט אַ בלאַסער מיט משוגענע אויגן אַרויפגעקוקט צו די פענסטער און האָט געשריגן:

— יידן ראַטעוועט! יידן ראַטעוועט! ראַטעווע — ע — ע — ט!

ער איז צוגעלאָפן צו אַ טויער, ער האָט געריסן די קליאַמקע מיט ביידע הענט, אָבער איידער מען האָט אים נאָך באַוויזן צו עפענען, האָט ער דערהערט הינטער זיך די נאָענטע שריט פון די נאָכלויפנדיקע סאָלדאַטן און ער איז געלאָפן וויי־טער.

עטלעכע מאָל איז ער אַריבער פון איין זייט גאַס אויף דער צווייטער. ער האָט זיך קונציק געדרייט אויפן אָרט. אָט־אָט־אָט האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אים כאַפּט אָן די אויסגע־שטרעקטע האַנט פון סאָלדאַט, אָבער דער ייד האָט מיטאַמאָל געמאַכט אַ ווייטן שפרונג און איז ווידער געלאָפן צוריק, פון וואַנען ער איז ערשט וואָס אַנטלאָפן.

אָבער קענטיק, אַז ער איז שוין מיד געווען.

ווערדער האָט געהערט זיין פייפנדיקן אָטעם, ער האָט געזען די פלוצלינגדיקע בלאַסקייט, וועלכע האָט איבערגעצויגן דעם יידנס פנים, ווי אַ ווייס טיכל, ער האָט געזען ווי די פיס פלאָנטערן זיך אונטערן אַנטלויפנדיקן.

די סאָלדאַטן האָבן איצט אַלע מאָל נענטער פאַרלאָפן דעם וועג; זיי האָבן אים נאָכגעשריגן „סטוי! סטוי! גודלאַיו!" און דאָס ראָד אין וועלכן זיי זענען געלאָפן אַרום אים איז געוואָרן מיט אַ יעדער רגע ענגער און ענגער.

ביז דער ייד איז שטיין געבליבן.

ער איז געשטאַנען אויף זיין אָרט מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ נאָך הינטן צו, דאָס מויל ווייט געעפנט און מיט דער האַנט האָט ער זיך געהאַלטן ביים האַרצן.

ער האָט אויסגעשריגן נאָך אַמאָל „יידן ראַטעוועט!"

די סאָלדאַטן זענען שוין געווען נעבן אים.

עס האָט זיך ווערדערן אויסגעדאַכט, אַז איצט וועלן זיי דעם יידן שוין נאָכלאָזן; זיי זענען געשטאַנען נעבן אים אויף אַ האַלבן שריט, זיי האָבן זיך געווישט מיט רויטע זעלנערישע נאָזטיכלעך דעם שווייס פון די ברודיקע, פאַרשטויבטע פנימער

און חאָבן אויף זיך אָפּגעצויגן די רעקלעך פון די מונדירן, וואָס
האָבן זיך ביי זיי אַרויסגערוקט פון לויפן.
ווען הינטערן ייד האט זיך האלב-געעפנט א טויער או=
ער האָט געפּרוווט אַרייננגיין אין הויז, איז פּלוצלינג צו אים צוגן
געלאָפן איינער פון די סאָלדאַטן, האָט אים מיט דער אויפגע־
הויקסנער „קאָלבע” פון דער ביקס געגעבן אַ קלאַפּ איבער אַ
שאָלע און האָט געשריגן:
— סטוּי! בּאָ שטשעלע! (שטיי, אָדער איך שיס!)
ביידע סאָלדאַטן האָבן זיך אומגעקערט צוריק צו זייער
פריערדיקער אַרבעט. זיי האָבן מיט די היטלען זיך אָפּגעשטויבט
די שיך; די היטלען האָבן זיי זיך דאַן ווידער אָנגעטון אוי
די בלאָנדע קעפּ און האָבן אַ ווײַלע געקוקט שווייגנדיקע און
שווער סאָפּנדיקע אויפן יידן.
ביז איינער פון זיי האָט זיך אָנגערופן צום יידן אויף
פּויליש:
— דו ביזט געלאָפן „ גודלאַי ” ? דו האָסט אונז „פּעסט”
מיד געמאַכט ?
— וואָס ווילן די הערן פון מיר — דאָט געשטאַמלט
דער ייד און די גרויע, פאַרטרוקנטע ליפּן האָבן ביי אים גע=
ציטערט.
— סטול פּיסק — האָט אַ געשריי געטון איינער פון די
סאָלדאַטן.
ער האָט זיך אָנידערגעשטעלט און נאָענט פאַרן יידן,
ער האָט אים אַרומגענומען מיט ביידע הענט און ער האָט גע־
זאָגט צו זיין חבר:
— סטאַשעק! וואַל גודלאַיאַ! (כטאַשעק, לייג אַריין אין
דעם גודלאַי !)
יענער איז צוגעגאַנגען נענטער, האָט ווי אַרומגעשמעקט
דעם יידן פון אַלע זייטן און ער האָט אים פּלוצלינג אַרייננגע=
שריגן אין אויער.

— קשיטש, ניעך זשיע פּאָלסקאַ! (שריי זאָל לעבן פּוילן!)

— ניעך זשיע פּאָלסקאַ! — האָט דער ייד קוים אַרויסגעשעפּטשעט.

— העכער! העכער!

— ניעך זשיע פּאָלסקאַ! — האָט זיך דער ייד צעקרייעט מיט אַ וויינענדיקער שטים איבער דער פּוסטער גאַס.

— קשיטש, ניעך זשיע טראָצקי! (שריי, זאָל לעבן טראָצקי!) — האָט ווייטער קאָמאַנדעוועט דער סאָלדאַט.

דער ייד האָט אין אַ ראַטלאָזיקייט אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן און ווערדערן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער קוקט גלייך אויף אים. ווערדער האָט מיט געוואַלד געוואָלט זיך אָפּרייסן פון זיין אָרט. ער האָט געוואָלט שרייען, ער האָט געעפנט דאָס מויל, אָבער קיין קול האָט ער נישט אַרויסבאַקומען. אים האָט זיך דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געזען, אויסגעוויזן ווי אַ חלום. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער שלאָפט אין צימער ביי זיינע טאַטע־מאַמע און אַ שווערער חלום האָט אים געפּענטעט אַלע זיינע גלידער. ער וויל זיך מיט אַלע כּוחות אָפּרייסן פון אונטער דער שווערער מאַסע, וואָס דריקט אים, אָבער ער קען נישט. ער שרייט מיט אַלע כּוחות, אָבער ער הערט נישט זיין אייגענע שטים. דער גאַנצער גוף איז געלעמט. די הענט און פיס זענען שווער.

די אויגן זענען אָפן, זיי זעען אַ יעדע קליינעקייט אין צימער, די ראַמען פון פענסטער, וואָס אַקעגן דעם בעט, דעם זייגער אויפן בענקל נעבן בעט, ווו עס פאַלט דער ערשטער שיין פון אויפגייענדיקן טאָג.

אָבער רירן קען ער זיך נישט. און מיט אַ מוראדיקן געשריי, וועלכער איז אַ דערלייזונג פון שווערן קאָשמאַר, כאַפּט ער זיך אויף. ער זיצט אויפן בעט אַ געבאָדענער אין שוויס אוןווישט זיך מיטן העמד־אַרבל איבערן קאַלטן שטערן. אין שטוב איז רויק. ער הערט בלויז דאָס קלאַפּן פון זייגערל און

דעם אָטעם פון זיינע טאַטע־מאַמע, וועלכע שלאָפן אין די דער־נעבנדיקע בעטן.

— איך בין דאָך וואָך! — האָט געקלערט ווערדער: — איך בין דאָך נישט אין דער היים, איך בין אין גאַס. און עס איז העלער טאָג. עס איז מיטאָג. און צוויי סאָלדאַטן נעמען זיך שלאָגן אַ ייד. איך מוז אים גיין העלפן. איך מוז אים — — —

זיינע געדאַנקען האָבן זיך איבערגעריסן.

ער האָט געקוקט מיט שטאַרע אויגן אויפן אַקעגנאיבערדיקן טראָטואַר, ווו דער ייד איז געשטאַנען און האָט געציטערט אין די שטאַרקע אָרעמס פון סאָלדאַט, וועלכע האָבן אים געהאַלטן פעסט ארומגענומען.

— קשיטש, ניעך זשיע טראָצקי! — האָט ער אים באַפוילן.

ווידער האָט ווערדער אויף זיך דערפילט דעם בליק פון יידן.

— ער האָט מורא איבערצוחזרן די ווערטער! — האָט ער געטראַכט ביי זיך. — וואָס האָט ער מורא?

דער סאָלדאַט האָט איצט פלוצלינג צוגעלייגט די רייר פון זיין ביקס צו דעם יידנס נאָז:

— שריי אָדער איך שיס!

און דער ייד האָט נאָכגעזאָגט גאַנץ שטיל:

— ניעך זשיע טראָצקי...

ער האָט אָבער קוים דערענדיקט ווען אים האָט געטראָפן די רייר פון דער ביקס אין פולן פנים אריין. זיין פנים האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט און ער האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן שרייען:

— געוואַלט! ראַטעוועט! ראַטעוועט!

איצט האָבן אים די סאָלדאַטן שוין געשלאָגן אָן אויפהער. זיי האָבן אים געשלאָגן ביז זיי זענען מיד געוואָרן און איבערן יידן, וועלכער איז שוין געלעגן אויף דר'ערד זענען זיי

געלעגן מיט דער גאַנצער שווערקייט פון זייערע קערפּערס. איי־ נער פון זיי האָט זיך אויפגעזעצט דעם יידן אויפן קאָפּ, די פיס מיט די געגאָגלטע שיך צעשפּאַרט צו ביידע זייטן פון דעם יידנס גוף; דער אַנדערער איז געלעגן אויף דעם יידנס ברוסט און האָט מיטן באַגנעט, וועלכן ער האָט אַרויסגענומען פון דער שייד, אָנגעהויבן „גאָלן" דעם יידן: ער האָט מיט אַ פולער פויסט אָנגעכאַפּט ביי די האָר פון זיין באָרד און האָט זיי גע־ שניטן מיטן באַגנעט.

דאַן האָבן זיי אים אַ פאַרבלוטיקטן געלאָזט ליגן אויפן ברוק און ווערדער האָט געזען, ווי איבערן ווייסן, הייסן טראָ־ טואַר גייען דינע, רויטע ריקעלעך.

אָבער זיך רירן פון אָרט האָט ווערדער נישט געקענט.

ער האָט זיך ערשט אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרשטאַרונג, ווען גאַנץ נאָענט נעבן אים איז געשטאַנען איינער פון די צוויי סאָלדאַטן.

ער האָט אַריינגעקוקט אין ווערדערס פּנים און ווערדער האָט געזען זיינע וואַסערדיקע, בלויע אויגן. דער סאָלדאַט האָט אים געטאָרעט ביים אָרעם און האָט געפרעגט מיט אַ רחמנות אין זיין שטים:

— פּאַניע, פּאַניע! צאָ פּאַנו יעסט? (וואָס איז מיט אייך?)

— און ווען דו פרעגסט — איז ווערדערן דורכגעגאַנגען אַ געדאַנק — וועל איך דיר נישט ענטפערן! ד ו ק א וועל איך דיר נישט ענטפערן; — האָט ער זיך איינגעעקשנט ביי זיך מיט אַ קינ־ דישער איינגעשפּאַרטקייט, גלייך ער וואָלט מיט דעם, דעם סאָלדאַט אָפּגעטון עפּעס אַ גוואַלדיקע עולה.

יענער האָט אים אויפגעהויבן מיט צוויי פינגער פאַרן בערדל און האָט ווידער געפרעגט ווי מיט שרעק:

— פּאַניע, טשי פּאַן ניע זשיד? (זייט איר נישט קיין ייד?)

— ניע! — האָט זיך ווערדער אַ צאַפּל געטון.

און דאָס איז געווען דאָס ערשטע וואָרט, וועלכעס ער האָט באַוויזן אַרויסצוזאָגן.

דאַן האָט ער געפילט, ווי אים נעמט אַרום עפּעס אַן אָנגענעמע שוואַכקייט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער פאַלט, פאַלט, לאַנגזאַם און אַלעמאָל טיפער און טיפער. גלייך וואָלט ער געלעגן אין די וואַרעמע, גוטע אָרעמס פון זיין מאַמען, וועלכע טראָגט אים מיט צערטלעכקייט און גלעט אַים מיט אירע ווייסע, שמעקנדיקע הענט איבערן פּנים.

XIII

אַ אומפאַרהאָפטע באַגעגעניש

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין טויער פון אַ יידישן הויז, וווּ מען האָט אים אַ פאַרחלשטן אַריינגעטראָגן פון גאַס. ער האָט געדאַנקט די אַרומשטייענדיקע, וואָס האָבן אים פאַרזאָרגטע געקוקט אין פּנים אַריין און ער האָט אָפּגעזאָגט, ווען מען האָט זיך אים אָנגעבאָטן צו באַגלייטן אַהיים.

— ניין, ניין, מען דאַרף נישט! איך וועל שוין אַליין! זייט בעסער און פירט אַהיים דעם יידן!

ער האָט נאָך געוואָרפן אַ בליק אויף דעם צעבלוטיקטן יידן, וועלכער איז געזעסן אויף אַ בענקל, וואָס מ'האָט פאַר אים אַרויסגעבראַכט פון אַ שטוב. דער ייד האָט שווער גע־קרעכצט און האָט געווישט דאָס בלוט פון דער נאָז מיט אַ ברודיקער פאַטשיילע. די טראָפּנס בלוט זענען אים געפאַלן אויף דער שוואַרצער באָרד, וועלכע האָט דאַדורך אויסגעזען, ווי איינגעטונקען אין אַ דיקער קלעפּיקער גאַסקייט, און האָבן זיך דאַן אַראָפּגעקייקלערט אויף זיין דאַרן האַלז, אָנזאַמלנדיק זיך אין „גריבל״, אַזוי אַז דאָרטן האָט זיך געשאַפן, ווי אַ קליין טיי־בעלע פון שוואַרצן גערינענעם בלוט.

דער ייד האָט געלעקט דאָס בלוט. זיינע אויגן האָבן דערביי געקוקט מיט געפאַלנקייט אויף די אַרומשטייענדיקע, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין קרעכצן: — אי־אַיי־אי! זע נאָר, זע

נאַר! ווי זיי האָבן אים דאָס צעבלוטיקט!

— פאַרוואָס איז קיינער פון אייך נישט אַרויסגעקומען אים העלפן? — ווערדער האָט געוואָלט פרעגן די יידן און יידענעס, וועלכע זענען דעם צעבלוטיקטן אַרומגעשטאַנען מיט רחמנות=פּנימער — אָבער ער האָט זיך פאַר זיך אַליין פאַרשעמט.

ער האָט זיך דערמאַנט, אַז אויך אים וואָלט עמעץ געקענט שטעלן דיזעלבע פראַגע און ער איז אַרויס פון טויער אויפן גאַס.

פאַרן טויער איז געשטאַנען אַ קופּקע ווייבער און איינע פון זיי איז צוגעטרעטן צו ווערדערן.

— איר דאַרפט בענטשן גומל, יונגערמאַן, וואָס זיי האָבן אין אייך נישט דערקענט קיין ייד! ס'איז אייער מזל, יונגערמאַן, וואָס מען דערקענט אייך נישט אין פּנים. אַז איר זענט אַ ייד! אַ שיין פּנים וואָלט איר געהאַט, ווען זיי דערקענען אייך! נו, דאַנקט גאָט, אַז איר זענט אַרויס פון גוישע הענט מיט חסד!

און די קליינע, דאַרע יידענע האָט זיך פאַריכט דאָס טיכל אויפן קאָפּ, האָט אונטערגעהויבן דעם צעפליקטן, שטרויענעם קויבער, וועלכן זי האָט געהאַלטן אויפגעהאָנגען אויפן אָרעם און האָט מיטאַמאָל אַרויסגעשעפּטשעט:

— שענקט אַ נדבה, יונגערמאַן! גאָט זאָל אייך העלפן, אַז ס'זאָל אייך אין אַלעמען גיין מזלדיק! שענקט אַ נדבה, כ'בין אַ מאַמע פון זעקס קינדער, בין איך! אָרעמע יתומים! שענקט, שענקט עפּעס אויף אַ שטיקל ברויט, יונגערמאַן!

ווערדער האָט פאַר זיך דערזען אירע פאַרטרוקנטע, בלויע ליפּן, ער האָט דערפילט פון איר דעם ריח פון נישט געוואַשענעם לייב און פון די סטענכלע שמאַטעס, וועלכע זי האָט געטראָגן אויף זיך און ער האָט געפילט, ווי עס שטייגט אין אים אויף אַ געפיל פון מיאוסקייט און עקל. ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ צעקניטשטן באַנקנאָט און האָט איר איבער-

געגעבן דער יידענע. ער האָט געזען, ווי זי גלעט אויס דאָס פּאַפּיר מיט אירע דינע, ציטערנדיקע פינגער און לייגט עס אַריין צו זיך אין קויבער אַריין. דאַן האָט זי זיך צורעכט געמאַכט איר קאָפּטיכל און האָט געזאָגט צו ווערדערן:

— אַן אָרנטלעכן מענטש — האָט זי געוויזן אין טויער אַריין אויפן צעבלוטיקטן יידן — רייסט עס אויס! און עפּעס אַ געגאָלטער „מאַיאָוקער־דייטש” — זי האָט געטייטלט ווערדערן אין פּנים אַריין — האָט אַ טרפה מזל! וויפיל האָט איר מיר געגעבן? ס'וועט דאָך אפילו נישט זיין אויף אַ ברייטל! אַז אויסקרענקען זאָלט איר דאָס!

— גייט אַוועק מכשפה! -- האָט ווערדער אויף איר אָנגעשריגן מיט כעס און איז אַריבער אויף דער אַנדערער זייט גאַס.

ער איז געגאַנגען מיט גיכע שריט. אים האָט זיך געדרייט דער קאָפּ, ער האָט געפילט, ווי אין אים שטייגט אויף אַ געוואַלדיקער כעס אויף זיך אַליין, אויף זיין שוואַכקייט. ער האָט אויסגעשפּיגן פאַר עקל צו זיך אַליין און מיט אַמאָל האָט ער גענומען פלוכן. די אומגליקלעכסטע און מיאוסטע קללות, וועלכע ער האָט ווען ס'איז געהערט, אין זיין לעבן. ווען ער זאָל דאָס זיין אימשטאַנד, וואָלט ער זיך אַליין גערן געשפּיגן אין פּנים אַריין. פאַר אַ שפּיגל־שויב פון אַ גרויסן געשעפט איז ער שטיין געבליבן. ווען ער האָט זיך דאָרט דערזען אַ הויכוווקסיקן, מיט ברייטע אַקסלען, מיט הענט וועלכע, האָבן אויסגעפּולט די אַרבל פון זיין מאַרינאַרקע צום צעשפּרונגען ווערן. די ברוסטן זיינע וועלכע האבן זיך געשפּאַנט אונטער דעם ווייסן, זיידענעם העמד, ווי ביי אַ פרוי, האָט ער געקוקט אויף זיין שפּיגל־בילד מיט פאַראַכטונג. ער האָט געהאַסט זיין פּנים, אויף וועמענס אויסגעפּולטער, געזונטער רויטקייט ער האָט נישט געזען דעם מינדסטן סימן פון די שווערע מינוטן. וועלכע ער האָט ערשט וואָס איבערגעלעבט.

— פּחדן! — האָט ער געפּליסטערט צו זיך אַליין — פּחדן! נידריקער, געמיינער פּחדן, וואָס דו ביסט!

ווען ער איז אַרויסגעקומען ווידער אויף דער הויפּט=גאַס איז ער שטיין געבליבן געבלענדט פון דעם פולן שיין פון דער זון, וואָס האָט געגליט ווי אַ פייער. מיט טעמפּע אויגן האָט ער געקוקט, ווי עס פאָרן נעבן אים פאַרביי די טראַמוויס, אָנגעפּולט מיט איילנדיקע מענטשן, וועלכע האָבן אין דער שטיקיקער ענגשאַפט פון די פאַרמאַכטע וואַגאָנעס, געפירט ווייטער זייערע בערזן־געשעפטן", געוויזן איינער דעם אַנדערן שטיקלעך פּאַפּירן מיט חשבונות און געהאַנדלט פון האַנט צו האַנט, נישט אויפהויבנדיק דעם בליק אַ רגע אַפילו, כאָטש די גאַס איז געווען ווידער פול געשטאָפּט פון פאַרביימאַרשירנדיקע אָפּטיילונגען פוס=גייערס מיט ביקסן אויף די אָרעמס און מיט שווער אָנגעפּאַקטע ריקן=זעק.

ער האָט אפילו נישט געהערט, ווי איין אָפּטיילונג נאָך דער אַנדערער, וועלכע איז נעבן אים פאַרביי־געמאַרשירט, האָט אים צוגעשריגן זידל=ווערטער, אַז ער „אַזאַ געזונטער יונג, גע=פונט זיך נישט אין די מיליטערישע שורות און גייט נישט פאַר=טיידיקן דאָס לאַנד".

אַזוי איז ער געשטאַנען אויף אַן אָרט און קוקנדיק אויף די מאַרשירנדיקע אָפּטיילונגען, האָט ער געזען זיך אַליין אין די ערשטע טעג פון דער וועלט=מלחמה.

אָט גייט ער צוזאַמען מיט זיינע פּוילישע חברים אַ הייסן טאָג פון חודש אויגוסט 1914 איבער די גאַסן פון דער צעהיצ=טער שטאָט. זיי טראָגן שיינע, ווייסע טעניס=קאָסטיומען, „ראַ=קעטן" אין די הענט און אַלע שטעלן זיך אָפּ פאַר אַ סאָדע=וואַסער=ביידל, כדי צו לעשן דעם דורשט, נאָכדעם מען האָט אַ גאַנצן פאָרמיטאָג, פון די פריעסטע מאָרגן־שעהן, פאַרברענגט אויפן זוניקן טעניס=פּלאַץ אין שפּאָרט=פּאַרק אונטער דער שטאָט.

— ווייסט איר, אַז מיר וועלן האָבן מלחמה? — האָט

געפרעגט דאָס יידל ביים באַלאָן סאָדע-וואַסער און זיין האַנט, וועלכע האָט צוגעטראָגן די „פריצים" די גלעזלעך וואַסער האָט געציטערט.

— מיט וועמען? — האָט געפרעגט, סטאַשעק סאָביאַנסקי, אַ באַקאַנטער „שפּאָרטסמען" און אַ מייסטער אין טעניס-שפּילן, מיט וועלכן עס האָט זיך געריִמט דער פּוילישער שפּאָרטקלוב „אָזשעלי", צו וועלכן אויך ווערדער האָט געהערט.

— מיט וועמען? — האָט געענטפערט דאָס יידל — נו, מיט וועמען, ווען נישט מיט די „מאָסקאַלעס"?

— ביעך זשיע וואַיִנאַ! — האָט אויסגעשריגן סטאַשעק סאָביאַנסקי און ער האָט אויפגעהויבן זיין גלאָז, ווי צו אַ טאָסט.

— טאָוואַזשישע! — האָט ער ווייטער געשריגן — זאָל לעבן די מלחמה! אַוועק מיט רוסלאַנד! נידער מיטן צאַראַט!

און אַלע, אויך ווערדער און נאָך עטלעכע יידן צווישן זיי, זענען גלייך געגאַנגען אין ווערבירונג-ביראָ פון פּוילישן „לע-גיאָן", וואו זיי האָבן זיך געלאָזט פאַרשרייבן אַלס פריווויליקע צום קאַמף קעגן דעם אייביקן שונא פון פרייהייט און פאָרט-שריט — רוסלאַנד.

ווערדער האָט זיך איצט דערמאָנט אין יענע טעג מיט שמערץ און ביטערקייט, אויף אַלע שלאַכטפעלדער פון דער גרויסער וועלט-מלחמה האָט ער געטראָגן אויף זיין גרויען, זעל-נערישן היטל דעם פּוילישן אָדלער... ער האָט געלעבט מיט דער פּוילישער קולטור, אין וועלכער ער איז ערצויגן געוואָרן און ער האָט געליבט אַלע אירע גרייכונגען. ער האָט זיך דער-מאָנט, ווי ער איז אַלס גימנאַזיסט אין די געהיימע פּאָליטי-שע קרייזלעך שטענדיק אַרויסגעטרעטן אַלס הייסער פאַרטיידיקער פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט, אַלס אַ סאָציאַלע נויטווענדיקייט, וואָס נאָר די דאָזיקע אומאָפּהענגיקייט קען ברענגען אַ דערליי-זונג פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט און מיט אים אויך דעם יידישן.

ער האָט דורך זיינע אַרויסטרעטונגען צוגעצויגן זיך נישט

איינמאָל דעם צונאָמען פון א „נאַציאָנאַליסט", וואָס זעט נישט, אַז די באַפרייונג פון אַרבעטער־קלאַס מוז פאָרקומען נאָר אויפן יסוד פון א סאָציאַלער איבערקערעניש, נישט געקוקט אויף נאַציאָנאַלע מאָמענטן, וועלכע פּאַרטיקולערן בלויז דאָס קלאַסן־באַוווסטזיין פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט אין קאַמף פאַר זיינע באַשטרעבונגען.

ווערדער אַליין האָט זיך אָבער נישט געהאַלטן פאַר קיין „נאַציאָנאַליסט". ער האָט פון שטענדיק אָן זיך באַמיט אויפצוווייזן מיט ראיות זיינע חברים אויס די סטודענטן־צירקלען, „אַז פּוילנס באַפרייונג קען נישט ברענגען קיין שאָדן דעם אַרבעטער־קלאַס". ער האָט, אדרבא, זיך באַמיט נאָכצוווייזן, אַז „דורך דעם, וואָס פּוילן איז צעטיילט צווישן דריי באַזונדערע „זאַבאָרן", איז געשאַפן געוואָרן אַ קינסטלעכע, ווירטשאַפטלעכע גרענעץ צווישן די באַזונדערע געביטן, וואָס דערפירט דערצו, אַז די ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג ווערט אויפגעהאַלטן און עס פאַרשפּעטיקט זיך דורך דעם דער אַנטוויקלונגס־גאַנג פון קאַפּיטאַליזם, דורך וואָס ווידער עס ווערט אויך אין א גרויסער מאָס פאַרווישט די שאַרפע גרענעץ צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל".

— וואָס קען איך אייך העלפן? — פלעגט ער זיך פּרוּוון פאַרענטפערן פאַר זיינע חברים „מאַרקסיסטן", — רופט עס אָן „סענטימענט", אָבער איך האַלט אַז דער נאַציאָנאַלער מאָמענט קען אונטער גרויסע אומשטענדן שפּילן אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין דער געשיכטע, ווי דער סאָציאַלער. אפשר האָב איך טאַקע א טעות? אָבער די באַפרייונג פון פּוילן האַלט איך פאַר דער וויכטיקסטער באַשטרעבונג, וואָס דאַרף געפונען אָן אָרט אין אונזער פּראָגראַם.

★ ★ ★

ער האָט דערפילט, ווי אים לייגט זיך עפּעס א הצנט אויפן אַקסל און ער האָט זיך אומגעקוקט.

הינטער אים איז געשטאַנען באַלאָווסקי.

דער אַקטיאָר האָט אויפגעהויבן צווי פינגער צום הוט, באַגריסנדיק ווערדערן.

— אָ, וואָס טוט איר עפּעס דאָ, חבר ווערדער? איר זענט שוין אוועק פון טרופּע?

ווערדער האָט אין דער ערשטער רגע נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן, אַזוי איבערראַשט איז ער געוואָרן פון דעם נישט געהאָפטן באַגעגעניש.

— גאָרנישט! איר זעט דאָך! — האָט ער געשטאַמלט.

— איך קוק זיך צו, ווי עס מאַרשירט פאַרביי מיליטער...

— וואָסזשע טוט איר עפּעס? דערציילט! מיר האָבן זיך דאָך שוין אַזאַ לאַנגע צייט נישט געזען. וואָס מאַכט איר עפּעס? וואָס טוט די טרופּע?

—איך ווייס נישט —האָט געענטפערט ווערדער — איך מיין, אַז ס'איז דאָרט אַלץ, ווי געווען. איך בין שוין זייט אַ פּאָר טאָג אַוועקגעפאָרן...

באַלאָווסקי האָט אים אָנגעקוקט פאָרשנדיק, פון דער זייט.

— אַזוי גאָר? אינטערעסאַנט! אינטערעסאַנט! נו קומט! וואָס וועט איר דאָ שטיין? איר האָט עפּעס צו טון? אפשר וועלן מיר גיין צוזאַמען?

— ביטע, ביטע, אויב אייך איז אָנגענעם, מיר קענען גיין.

ווערדער האָט זיך געלאָזט גיין, אָבער באַלאָווסקי האָט אים אויפגעהאַלטן.

— וואַרט צו אַ ווײַלע. איך בין נישט אליין. — און ווייזנדיק מיט דער האַנט, האָט ער פאָרגעשטעלט אויף פּויליש:

— טאָוואַזשישקאַ וולאַדיסלאַווגאַ, פּאַן ווערדער!

ווערדער האָט ערשט איצט דערזען, אַז נעבן באַלאָווסקין שטייט אַ צאַרט, בלאָנד מיידל אין אַ ווייסן זומער=קלייד, וועל=כע קוקט אים אָן מיט אַ פּאָר גרויסע, העל=בלויע אויגן. ער האָט דעם מיידל געדריקט די האַנט און ווי דערפרייענדיק זיך,

וואָס ער קען כאַטש אויף אַ צייט אויסמיידן אַ געשפּרעך מיט באַלאָווסקין, האָט ער געפרעגט דאָס מיידל:

— איך האָב בלויז געהערט פון הער באַלאָווסקי אייער פאָדערנאָמען. „וולאַדיסלאַוואַ” דאַכט זיך, אַ יאָ? און מעג איך פרעגן — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעלע — ווי אַזוי איר הייסט מיטן פולן נאָמען?

— דאָס מיידל האָט אים אָנגעקוקט און ווערדערן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איבער איר צאַרטן, קינדישן פּנים לויפט אַריבער אַ וואָלקן. אַזוי שטרענג האָט איצט אויסגעזען דאָס פּנים און גלייך ווי עלטער מיט עטלעכע יאָר.

— איך מיין, דאָס איז נישט וויכטיק! — האָט זי קורץ איבערגעהאַקט ווערדערס נייגעריקייט.

ווערדער האָט געזוכט מיט די אויגן באַלאָווסקין, וועלכער איז געשטאַנען פון דער זייט, ווי ער וואָלט ביי אים וועלן גע־פונען הילף.

— מאַכט נישט אויס! מאַכט נישט אויס! — האָט באַ־לאָווסקי געזאָגט מיט דער מינע פון אַ „דזשענטלמען” אויף דער בינע. — וולאַדיסלאַוואַ קען אייך נאָך נישט און דערפאַר איז זי פון אָנפאַנג נישט אַזוי גאָר פריינטלעך. — מיר וועלן גיין חברטע? — האָט ער געפרעגט דאָס מיידל און האָט ווערדערן גענומען אונטערן אָרעם.

— מיר קענען גיין!

— קודם כל מוזן מיר זען אַרויסקומען פון טומל פון דער דאָזיקער גאַס. אפשר וועלן מיר ערגעץ אַריינגיין עסן מי־טיק? מיר קומען ערשט וואָס פון דער באַן, איך און די חבר־טע וולאַדיסלאַוואַ — האָט זיך באַלאָווסקי פאַרטרויט פאַר ווער־דערן. — מיר וואָלטן געדאַרפט ערגעץ אַריינגיין אָפּעסן.

ווערדער האָט אים אָנגעגעבן דעם אַדרעס פון אַ קליינעם, אים גוט באַקאַנטן רעסטאָראַן און האָט זיך אָנגעבאָטן צו באַ־גלייטן אַהין באַלאָווסקין און דאָס מיידל.

— איך עס אפילו אין דער היים — האָט ער געזאָגט
— אָבער ס'מאַכט נישט אויס, איך קען קומען אביסל שפּעטער.

ווען זיי זענען אלע דריי געשטאַנען פאַרן רעסטאָראַן אין א זייטן־געסל, האָט דאָס מיידל קוקנדיק אויף באַלאָווסקין געפרעגט פלוצלינג ווערדערן:

— און איר ווו וווינט?

ווערדער האָט אָנגערופן די גאַס.

— אליין?

— איך וווין ביי מיינע עלטערן, אָבער איך האָב א באַזונדער צימער.

— קען מען ארויפקומען צו אייך?

ווערדער האָט נישט פאַרשטאַנען:

— ווער מיינט איר, זאָל ארויפקומען?

דאָס מיידל איז רויט געוואָרן:

— נו באַלאָווסקי, אָדער איך למשל, אָדערביידע צוזאַמען?

— אָבער, אדרבה! אדרבה!

אויך באַלאָווסקי האָט זיך אריינגעמישט:

— איך וועל דאָס אייך ערקלערן — האָט ער געזאָגט צו ווערדערן. — איך האָב אייך געזען שטיין, ווען דאָס מיידל איז פאַרביי געגאַנגען, שוין פון א לענגערע צייט און איך האָב דער „טאָוואַזשישקאַ וולאַדיסלאַוואַ" דערציילט ווער איר זייט (באַלאָווסקי האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן) מיינע א גוטער באַקאַנטער, וועמען מען קען פאַרטרויען... איז... יאָ... וויל אייך „טאָוואַזשישקאַ וולאַדיסלאַוואַ" עפּעס בעטן...

— יאָ, — האָט געזאָגט דאָס מיידל און האָט געקוקט ווערדערן גלייך אין די אויגן — איך וויל היינט אוונטס קומען צו אייך. וועט איר זיין אליין?

— ווען איר פאַרלאַנגט דאָס! אוראי! גאַנץ באַשטימט וועל איך זיין אליין!

— נו, טאָ זייט געזונט· און אָוונטס דערוואַרט מיך!

זי האָט אים געגעבן די האַנט און איז מיט באַלאָווסקין אַריין אין רעסטאָראַן.

— וואָס קען זי וועלן פון מיר? — האָט געקלערט ביי זיך ווערדער.

— אפשר ווייסט זי עפּעס וועגן קלאַרען? אפשר האָט זי גאָר קלאַרע געשיקט מיט אַ ספּעציעלער שליחות?

— ע וואָס! — האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי אָוועקטרייבנדיק פון זיך אַ נישט=ליבן געדאַנק.

ווען ער איז אַרויסגעקומען אויף אַ הויפּט=גאַס איז ער אַריינגעשפּרונגען אין פאַרבייפאָרנדיקן טראַמוויי.

אין עטלעכע מינוט איז ער געווען אין דער היים.

XIV

דערוואַכונג

די צייט האָט זיך אים געשלעפּט לאַנגווייליק. ער האָט זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט. ער איז עטלעכע מאָל אַרויס פון זיין צימער, און איז אויף די שפּיץ פינגער אַריין אין שלאָף־צימער, וווּ עס איז געלעגן זיין קראַנקער פאָטער. די מאַמע האָט ער געטראָפן זיצן ביים בעט אַריינקוקן זיך אין געלגרינעם פּנים פון שלאָפנדיקן, העראיזידאָר.

— מאָרפיום האָט אים דער דאָקטאָר געגעבן — האָט געשעפּטשעט פרוי פוילאַ, ווען איר זון איז אַריינגעקומען אין צימער.

דער פאָטער איז געלעגן און האָט געעטעמט מיט אַ פאַרמאַכטן מויל. אויף זיין באַקעטן, דאַרן האַלז האָבן זיך אָנגעשפּאַנט די אָדערן, גלייך וואָלטן זיי יעדער מינוט געראַרפט צעשפּרינגען פאַר אָנשטרענגונג.

— מאָרפיום! דו הערסט? מאָרפיום! האָט איבערגעחזרט פרוי פוילאַ און דערביי האָט זי געקוקט אויף איר זון מיט אַ געבעט און מיט אַ פאָרוואורף צוגלייך, ווי ווען עס זאָל ליג אין זיין מאַכט צו העלפן דעם טויט קראַנקן פאָטער.

ווערדער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון. ער איז צוגעטרעטן צום פאָטער, האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און

געזוכט דעם פולס. פרוי פוילאַ האָט אים דערבײַ געקוקט אין די אויגן אַרײַן און שטיל געפרעגט:

— נו, וואָס זאָגסטו, יולעק?

ער האָט בלויז געקנייטשט מיט די אַקסלען, פרוי פוילאַ איז אַרײַן אין פאַרצווייפלונג:

— דו זאָגסט שוין גאָרנישט?

— אָבער באַרויק זיך מאַמע! האָט ער איר שטיל צוגעפליסטערט. עס וועט בעסער ווערן! מען דאַרף צוואַרטן.

ער איז אַרײַן אין זײַן צימער און האָט פאַרמאַכט די טיר. ער האָט נישט געקענט איבערטראָגן צו זען דעם פאָטערס קאַמף מיטן טויט; ער האָט אויך נישט געקענט אַריבערטראָגן דעם בעטנדיקן בליק פון פוילאַ.

— איך קען נישט! איך קען נישט! — האָט ער געזאָגט מיט אַ האַלב=אײַנגעהאַלטענער שטים, אַליין צו זיך. ער האָט איבערגעדרייט דעם שליסל אין דער טיר, וועלכע האָט געפירט פון זײַן צימער אין די איבעריקע צימערן פון זײַנע עלטערן.

ער האָט אויפגעמאַכט די טיר, וואָס האָט געפירט פון זײַן צימער גלײַך אין קאָרידאָר.

— איך וועל נישט אַרײַנגיין אַהין! — האָט ער באַשלאָסן בײַ זיך. — איך קען דאָס נישט צוקוקן!

ער האָט אין זײַן ראַטלאָזיקייט אָנגעהויבן פּלוצלינג אַרום=זוכן אין זײַן ביכער=שאַפע. ער האָט איבערגעוואָרפן צענדליקער ביכער, וואָס זענען דאָרט געלעגן, נאָך פון דער צייט, פון פאַר דער מלחמה, נישט באַנוצטע. ער האָט געזוכט אַ בוך פאַר זיך, וואָס זאָל אים אַריבערהעלפן איבער דער לאַנגווייליקייט פון די שעהן, ביז עס וועט קומען באַלאָווסקי און „טאָוואַזשישקאַ וואָלאַ=דיסלאַוואַ.“

ער האָט פונאַנדערגעוואָרפן די ביכער, אָנגעקוקט די שער=בלעטער און האָט זיך נישט געקענט אַנטשליסן. אַן אומגעדולדי=קער האָט ער שוין געוואָלט ווידער פאַרמאַכן די גלאָז=טיר פון

ביכער=שאַנק, ווען ער האָט דערזען ווי פון צווישן די שיין-געבונדענע ביכער, מיט „גאָלד־שניט" שטעקט אַפיר אַ דינע בראָשורקע מיט ראָזע אָפּגעבלאַקעוועטע דעקלעך. מיט צוויי שפּיץ=פינגער האָט ער אָנגעכאַפּט דאָס ביכעלע:

— וואָס איז דאָס אַזעלכעס? אין דעם קען איך זיך גאָרנישט דערמאָנען?...

דאָס איז געווען אַ דין בראָשורעלע. די ראָזע דעקלעך זענען האַלב-צעריסן און ביי די ברעגעס זענען זיי געווען פאַר=געלט, גלייך וואָלט דאָס ביכעלע ערגעץ אַ לאַנגע צייט געלעגן אין וואַסער. די בלעטלעך זענען אויס ביבולע=פּאַפּיר, געדרוקט מיט גאָר-ווינציקע אותיות, ווי פּערל געדיכט, און ווי שוואַרצע פּערל אַזוי קליין. ווערדער איז געשטאַנען אַ פאַרציטערטער: פאַרוואָס איז מיר דוקא איצט געפאַלן אין דער האַנט אָט=די בראָשורקע? פאַרוואָס גראָד איצט?

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ געבעטן שטול ביים פענסטער און האָט גענומען לייענען. ער האָט געפילט ווי אים גייט דורך אַ וואַרעמקייט דורכן גאַנצן קערפּער, ווי די הענט ציטערן ביי אים, האַלטנדיק די בראָשורקע, ווי די אויגן ברע=נען פאַר פרייד. ער האָט זיך איינגעגעסן מיט דער האַסטיקייטן פון אַן אויסגעהונגערטן, אין די דראָבנע שורהלעך; ער האָט אים אונטערגעטראָגן אויפן שטול, ווו ער איז געזעסן און ער האָט אַן אויפגערעגטער גענומען שפּאַנען איבערן צימער אַהין און צוריק.

זיין קערפּער האָט זיך אויסגעגלייכט, דעם קאָפּ האָט ער געטראָגן הויך-אויסגעשטרעקט, ער האָט געלייענט און ער האָט דערביי געמאַכט מיט די הענט, ווי ווען ער זאָל שטיין פאַר אַן עולם מענטשן, ווען ער לייענט פאַר אַ נייע אַנטפּלעקונג, וועמען ער ווייזט גאָר נייע האָריזאָנטן, וואָס זענען ביז איצט פאַרשטעלט געווען פאַר אַלעמען...

ער האָט דאָס ביכעלע איבערגעלייענט פון אָנהויב ביזן

סוף, איינמאָל און נאָכאַמאָל און ער האָט נישט באַמערקט, ווי עס זענען געלאָפן די פערטל-שעהן. ער האָט נאָכאַמאָל באַטראַכט די בראָשורקע, ער האָט געלייענט וואָרט ביי וואָרט, אָנגעהויבן פון די ערשטע שורות אויפן ביבולענען שער־בלעטל:

קאַראָל מאַרקס אי פרידעריק ענגעלס

מאַניפעסט קאָמוניסטיטשני

דעם אָרט און די צייט פון דער אויסגאַבע: זשענעווו 1889.

ביז צו די לעצטע שורות פונם לעצטן ביבולע-זייטל, וועלכע זענען געווען געדרוקט מיט אַ פאַרעלטערטער פוילישער אָרטאָגראַפיע:

פראָלעטאַריושע וושיסטקיך קראַיוו לאָנטשציע סיע.

פון דער בראָשורקע האָבן אויף ווערדערן אָנגעהויבן אַריבערגיין געדאַנקען ווי פלאַמען. ער האָט פאַרגעסן אין אַלץ, וואָס אַרום אים און ער האָט געפילט, ווי פון זיין זכרון ווערט מיטאַמאָל אויסגעמעקט די גאַנצע צייט זינט אָנהויב מלחמה ביזן היינטיקן טאָג. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז נאָך אַלץ דער גימנאַזיסט פון אכצן יאָר, פון וועמען דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט“ איז געווען דער „אַלף-בית“ פון אַלע זיינע געדאַנקען און מעשים.

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער קען די גאַנצע בראָשורקע אויסנווייניק, וואָרט ביי וואָרט, פון איר ערשטן ביזן לעצטן אות.

אים איז בלויז נויטיק געווען זיך צו דערמאָנען אין דעם וואָס ער האָט געקענט אַמאָל. דאָס, וואָס ער האָט איצט דאָס ביכעלע דורכגעלייענט אַ פּאָר מאָל, האָט ווי אָוועקגעבלאָזן דעם פאַרהאַנג, וואָס איז געלעגן אויף זיין זכרון און ער האָט גענומען הויך נאָכזאָגן דעם טעקסט פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“.

— איך געדענק! איך געדענק! — האָט ווערדער געשריגן צו זיך אַליין אין די געדאַנקען. — איך האָב גאָרנישט פאַרגעסן! איך בין נאָך אַלץ דערזעלבער וואָס איך בין געווען אַמאָל!

*) קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס: קאָמוניסטישער מאַניפעסט.

**) פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך!

ער האָט דאַן ווידער געזען אַ וועג פאַר זיך. ער האָט שוין אומגעדולדיק געוואַרט אויפן קומען פון באַלאָווסקין און פון „טאָוואַזשישקאַ וולאַדיסלאַוו". אים איז מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז זייער קומען שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס ער האָט גראָד איצט ווידער געפונען דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט". ער האָט געזען אין דעם די האַנט פון גורל, וואָס האָט אים געוויזן דעם וועג, ארויס פון דעם פּלאָנטער אין וועלכן ער איז אַריינגעפאַלן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

— מיין וועג שטייט איצט פאַר מיר אַ גלייכער און אַ קלאָרער —האָט ווערדער באַשלאָסן ביי זיך.

★ ★ ★

עס איז שוין געווען טונקל, אָבער ווערדער האָט נישט אָנגעצינדן די עלעקטריע. ער איז געזעסן ביים פענסטער און ער האָט ארויסגעקוקט אין גאַס. די טראַמווייען זענען פאַרביי־געפאָרן קנאַפּ פאַרן הויז, זיי האָבן דאָרט אויסגעבויגן אין אַ זייטן־גאַס און זייער קוויטש אויף די שינעס האָט ווערדערן אַלעמאָל פון דאָס ניי, ווי אויפגעוועקט פון זיין פאַרטראַכטונג. ער האָט געקוקט אויף דער אַנדערער זייט פון טראָטואַר, ער האָט געקוקט אָנגעשטרענגט, ווייל ער האָט גערעכנט, — ער האָט אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס — אַז גראָד פון דאָרטן דאַרפן קומען די דערוואַרטעטע געסט.

ער האָט זיך דעריבער זייער פאַרוואונדערט, ווען ער האָט פּלוצלינג דערהערט הינטער זיך אַ שטילן „דאָברי וויעטשור". (גוטן אָוונט.)

ער איז אויפגעשפּרונגען און האָט אין ליכט, וואָס איז געפאַלן פון גאַס, דערזען שטיין די „טאָוואַזשישקאַ וולאַדיסלאַוו".

— ווי אַזוי קומט איר אַהער? — האָט ער געפרעגט — איך האָב אייך דאָך נישט געהערט קומען?

— איך האָב געקלאַפּט, אָבער איר האָט אַ פּנים נישט געהערט! מאַכט ליכט! — האָט זי צוגעגעבן — איך מוז באַלד אַוועקגיין!

זי איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט און זיך נישט גערירט פון אָרט.

— מאַכט ליכט!

ווידער האָט איר געפאָלגט און זי געבעטן זיצן. זי איז געשטאַנען נישט גערירט.

— מיך האָט געשיקט באַלאָווסקי — האָט זי ווידער אָנגעהויבן.

— יאָ, פאַרוואָס איז ער טאַקע נישט געקומען? איך האָב דאָך געוואַרט אויף אים.

— ס'איז נישט וויכטיק, מיין איך, — האָט אָפּגעהאַקט דאָס מיידל — איך האָב קיין צייט נישט און איך מוז גיין!

זי האָט זיך איבערגעדרייט צו אים מיטן ריקן און ער האָט בלויז באַמערקט, אַז זי מאַכט זיך עפּעס צו שאַפן אַרום איר קליידל. דאַן האָט זי וועדערן איבערגעגעבן אַ פּאַקעטל:

— באַהאַלט דאָס! — האָט זי געזאָגט. — מען וועט עס קומען אָפּנעמען ביי אייך, וועט איר עס צוריק אַרויסגעבן.

ער האָט געהאַלטן דאָס פּאַקעטל אין האַנט און האָט אין אין דער ערשטער רגע נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. ער האָט דורכן פּאַפּיר, אין וועלכן עס איז געווען איינגעוויקלט געפילט, אַז דאָרט זענען פאַרהאַן עפּעס פּאַפּירן. אין זיינע הענט האָט ער געפילט די וואַרעמקייט פון פּאַפּיר, וואָס איז געלעגן נאָענט צו אַ וואַרעמען, מיידלשן קערפּער.

דאָס מיידל האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין.

זי האָט געזען שטיין וועדערן אינמיטן שטוב, ווי ער האַלט דאָס פּאַקעטל פּאַפּירן אין האַנט און ער האָט זיך איר אויסגעוויזן לעכערלעך אין זיין ראַטלאָזיקייט.

— שטייט נישט ווי אַן אָנגעמאָלענער! — האָט זי אים

שטרענג אָנגעקוקט מיט אירע בלויע אויגן. איר ווייסט נישט, וואָס איר האָט צו טון מיט דעם?

ווערדער האָט זיך פאַרשעמט.

— נישט דאָס, נאָר איך ווייס נישט, וועמען איך דאַרף דאָס איבערגעבן?

— וועמען ס׳איז! מ׳וועט אייך שוין זאָגן! איבריגנס, ס׳וועט קומען נאָך דעם עמעץ, וועלכער וועט אייך אָנרופן מיין נאָמען, וועט איר עס אַרויסגעבן.

— „וולאַדיסלאַווא״? — האָט ער געפרעגט.

אים איז געווען ליב, וואָס ער קען זי אָנרופן ביים נאָמען.

— נו, יאָ, פאַרשטייט זיך — האָט זיך געחידושט דאָס מיידל. — איר זענט היינט צום ערשטן מאָל?...

— איך האָב שוין „געאַרבעט״ אַמאָל, — האָט זיך ווערדער, ווי געגומען פאַרענטפערן: ער האָט זיך געפילט זייער נישט באַקוועם קעגנאיבער דער זיכערקייט און אויפטרעטן פונם מיידל און האָט אין אירע אויגן געוואָלט אויסקומען אַלס „אייגענער״.

— נאָך פאַר דער מלחמה — האָט ווידער אָנגעהויבן ווערדער; אָבער דאָס מיידל האָט אים איבערגעהאַקט: — דאָס איז נישט וויכטיק. איך בין אייך נישט געקומען אויספרעגן. באַלאָווסקי האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט אַ „סימפּאַטיקער״, מער דאַרף איך נישט וויסן.

ווערדער האָט ווידער געוואָלט עפּעס ענטפערן, אָבער איידער ער האָט באַוויזן זיך צו אַנטשליסן, וואָס ער זאָל זאָגן, האָט דאָס מיידל שטיל אויפגעמאַכט די טיר און מיט אַ שטילן „דאָבראַנאָץ״ איז זי אַרויס פון צימער.

★ ★ ★

כמעט אַקעגן זיין ווילן איז ער אין עטלעכע טעג אַרום

אריינגעצויגן געוואָרן אין דער גרויסער אונטערערדישער אַרבעט, וואָס האָט זיך דאַן מיט אַ גרויסער פּאַרביסנקייט געפירט איבער גאַנץ פּוילן. ווערדער איז געוואָרן אַ רינגל אין דער קייט פון קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט.

אָנגעהויבן האָט עס זיך מיטן פּאַקעט, וועלכן עס האָט אים אַריינגעברענגט טאָוואַזשישקאַ וולאַדיסלאַווא. ער האָט דאַן באַלד פאַרשטאַנען, אַז מען האָט אים אַריינגעשטעלט אויף דער רשימה פון די „סימפּאַטיקער" און ער האָט אויך איינגעזען, אַז פאַר אים איז קיין „צוריק" פון דעם איינמאָל אָנגעפאַנגענעם וועג נישטאָ.

באַלאָווסקין און וולאַדיסלאַוואַן האָט ער אַזוי באַלד ווידער נישט געזען. דער איינציקער „ק נטאַקט", וואָס ווערדער האָט געהאַט מיט דער „קאָנספּיראַציע" זענען געווען בלויז אומבאַקאַנטע מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט לויט העכערע אינסטרוקציעס און ביי וועלכע ער האָט נישט געקענט דערגיין דעם סוד ווער עס פירט אָן מיט דער גאַנצער אַרבעט.

ער האָט זיך געמוזט באַגנוגנען מיטן פּאַקט, אַז ער איז נישט מער דער איינציקער האַר איבער זיין ווילן און, אַז עפּעס אַ גרעסערע מאַכט האָט זיך גענומען אַליין דאָס רעכט צו באַפעלן איבער אים.

ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, וואָס ער, דער „אינטעליגענט", איז נישט מער ווי אַ „אומבאַקאַנטער זעלנער" פון דער רעוואָלוציאָנעריר באַוועגונג. ער האָט געפּרווט אַפילו זיך אַליין טרייסטן מיט דער טאָפּלטער שיינקייט פון אַרבעט אָן דאַנק און אָן אַ נאָמען: ער האָט זיך באַמיט איינרעדן, אַז אין דער נאָמענלאָזיקייט פון זיין אַרבעט — אין דעם טאַקע ליגט דער העכסטער אידעאַל, פולשטענדיקע קרבנות=גרייטקייט, וואָס פאָדערט גאָרנישט און גיט אַוועק אַלץ; ער האָט אָבער צו דער זעלבער צייט געפילט, אַז ער באַלייקנט זיך אַליין, און ווען

דאָס איז אים קלאָר געוואָרן, איז אין אים געוואַקסן אַ נישט איינגעשטילטער צאָרן קעגן באַלאָווסקין, וואָס האָט אים, אַ נישט געפרעגטן, אַנידערגעשטעלט פאַר אַ געשעענעם פאַקט; אין ווער־דערן האָט אויפגעקאָכט די גאַנצע מאַכטלאָזיקייט פון אינטעלי־גענט.

די „אומבאַקאַנטע מאַכט" האָט אָבער, זעט אויס, זיך גע־מאַכט ווייניק וואָס פון ווערדערס לירישע שטימונגען... (אַזוי האָט ווערדער אַליין אָנגערופן זיין איצטיקן צושטאַנד) מען האָט זיך אין די פירנדיקע קרייזן פון דער קאָנספּיראַציע נישט גערעכנט מיט גאָרנישט, אַחוץ מיטן אינטערעס פון דער אַרבעט. און אַזוי לאַנג ווערדער האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט זיך אַרויסצו־זאָגן קעגן דעם, מען זאָל אים באַטראַכטן פאַר אַ „סימפּאַטיקער", האָט מען פאַרשטאַנען, אַז מען האָט דאָס פולסטע רעכט אויס־צונוצן זיין „סימפּאַטיע".

ווערדער אַליין האָט איבעריגנס געשפּילט דאָ די קלענסטע ראָלע. אין די רשימות פון דער קאָנספּיראַציע איז ווערדער גע־ווען פאַרשריבן אַלס „דירה". מען האָט בלויז געוווסט, אַז ס'איז פאַרהאַנען אַ נייער אָרט אָפּצולייגן „ליטעראַטור".

ווערדער האָט נאָכן ערשטן וויזיט פון טאָוואַזשישקאַ וואָ־דיסלאַווא געפּרווט זיך אָקעגנשטעלן דער פּאַסיוויטעט פון דער ראָלע, וועלכע מען האָט אים צוגעטיילט.

באַלד, דעם אַנדערן אָוונט האָט געקלונגען דאָס עלעק־טרישע גלעקל אין זיין צימער. פאַר אים איז געשטאַנען אַ אומ־באַקאַנטער פּאַרשוין, וואָס האָט זיך ווי אַ היימישער אַריינגע־שטופּט דורך דער האַלב־געעפנטער טיר. ער האָט אונטער דער נאָז געברומט דעם לאָזונג „וולאַדיסלאַווא", האָט אַנידערגעשטעלט אויפן טיש צוויי פּעקלעך מיט פּאַפּירן און ער האָט אַ שווייגנ־דיקער געפּרווט אַרויסגיין.

ווערדער האָט אים אָפּגעשטעלט:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווער שיקט אייך אַהער?

יענער האָט נישט געענטפערט; ער האָט ווערדערן נישט אָנגעקוקט אפילו, גלייך וואָלט ער בכלל נישט געווען אין שטוב; בלויז מיט דער האַנט האָט ער ווערדערן לייכט צוועקגעשטופּט פון וועג. אַ שווייגנדיקער איז ער דאַן אַרויסגעגאַנגען.

ווערדער האָט פאַרקריצט מיט די ציין.

— זיי פאַרטרויען מיר נישט!

אין אַ פּאָר טאָג אַרום איז נאָך געווען אין די פריע מאָרגן-שעהן און ווערדער איז געלעגן אין בעט, האָט מען אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. דורך דער שפּאַרע אין דער טיר האָט ווערדער געזען שטיין אַ קליין, בלאָנד יינגעלע אין אַ היטעלע פון אַ גימנאַזיסט. נאָך איידער ווערדער האָט אויפגעקייטלט די טיר האָט ער אין זיין האַנט דערשפּירט אַ קליין צעטעלע און דאָס גימנאַזיסטל איז אַראָפּגעלאָפן די טרעפּ, ווי אַ ווינט.

ער האָט דערפילט, ווי אים שלאָגט אַ פלאַמנדיקע רויטקייט אין פּנים אַריין.

ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן צעטעלע און האָט עס מיט כּעס אַ שליידער געטון אויף דר'ערד, אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך באַרויקט און גענומען לייענען די צוויי שורות מאַשין-שריפט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל.

— „מיר דאַרפן נישט קיין אויספרעגערס! איר ווילט זעט אויס, ווערן אַ פּראָוואָקאַטאָר”?

ווערדער האָט שוין פון דעמאָלט אָן גאָר נישט געפרעגט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געטון אַ פעלער.

ווען דורך די ווייטערדיקע, צוויי טעג האָט זיך ביי אים שוין קיינער נישט געוויזן, האָט ער געפילט, גלייך אים געשעט אַ געוואַלדיקע עולה.

ער האָט אין דעם געזען דעם בעסטן באַווייז אויף אומצוטרוי.

ער האָט דורך גאַנצע טעג נישט פאַרלאָזט זיין צימער. ער האָט געוואַרט, אַז עס זאָלן ווידער קומען די „געסט מיט

ליטעראַטור״ און ער האָט אויפגעציטערט ביי אַ יעדן קלאַפּ אין טיר.

דערווייל זענען די פּעקלעך „ליטעראַטור״ געלעגן באַהאַלטן אין די הינטערשטע שופלאָדן פון זיין ביכער־שאַנק. ער האָט זיי געהיט, ווי אַ הייליקייט און נישט פאַרגינען זיך אַפילו צו וואַרפן אויף זיי אַ בליק. ער האָט אָנגעהויבן זיך פילן שטאָלץ, וואָס מען האָט אים אָנגעטרויט „רעוואָלוציאָנערע ביבולע״.

איינמאָל אָוונטס איז ווידער אַרויסגעגאַנגען פון דער היים. דאָס איז געווען אין אַ קנאַפּע וואָך אַרום, זינט ער האָט באַקומען דעם צעטעלע מיט דער וואָרנונג.

ער איז שוין געוואָרן מיד פון וואַרטן אָוונט נאָך אָוונט און ער איז זיכער געווען, אַז עס וועט דאָסמאָל שוין קיינער נישט קו־מען.

אָבער ווען ער איז צוריקגעקומען נאָך עטלעכע שעה אַרומשפּאַצירן איבער די גאַסן פון שטאָט, האָט ער באַלד ביים אַריינקומען באַמערקט, אַז עס איז עמעץ געווען אין שטוב.

ער איז צוגעלאָפן אין שרעק צום ביכער־שאַנק מיט האַס־טיקייט, האָט אַרויסגערוקט דעם שופלאָד און האָט דערזען, אַז ער איז ליידיק.

אין זיין אָפּוועזנהייט האָט עמעץ צוגענומען די איבערגעלאָזענע פּאַקעטן ליטעראַטור.

— מען שפּיאָנירט מיר נאָך! — האָט ווידער געדענקט ביי זיך. — מען האָט אָפּגעוואַרט איך זאָל אַרויס פון צימער, כדי צו קענען אָפּנעמען די אומלעגאַלע ליטעראַטור. מען האָט זיך מיט מיר נישט געוואָלט צוזאַמענטרעפן. מען גלויבט מיר נישט!

און ער האָט באַשלאָסן ביי זיך: זאָל זיין וואָס עס וויל

איך מוז זיי אויפזוכן! איך מוז זיך דערנענטערן צו זיי; ווערן זייער אייגענער, אינגאנצן. גענוג מיר צו זיין א סימפאטיקער.

* * *

פון זיין מוטער, וועלכע ער האט אויסגעפרעגט, ווער עס איז אין זיין אפוועזנהייט געווען אין צימער, האט ער נישט גע־קענט פיל געוווירו ווערן. פרוי פוילא האט בלויז דערציילט, אז ס'איז געקומען עפעס א פריילין, וועלכע האט זיך פאררופן, אז אין שופלאד אין שאנק דארפן ליגן דריי פאקעטן ביכער, וועלכע, ער, ווערדער חאט זי געהייסן „אפנעמען" . . .

— איך האב זי אריינגעלאזט אין צימער און איך האב זי דאן בלויז געזען ארויסגיין, מיט א פאקעט אונטערן ארעם.

— ווי אזוי האט דאס פריילין אויסגעזען ? — האט ער געפרעגט.

ער האט אליין נישט געוווסט, פארוואס אים איז פלוצלינג געקומען אין זינען אריין קלארע.

— א בלאנדינקע, דאכט זיך! זעט אויס נישט צו זיין קיין יידיש קינד . . .

ער איז דאן זיכער געווען, אז ביי אים איז געווען צו גאסט „טאוואזשישקא וולאדיסלאווא". ער האט זיך נישט געקענט מוחל זיין, וואס פונקט האט זיך אים פארגלוסט ארויסגיין פון שטוב.

— און אפשר איז זי טאקע געקומען, ווייל זי האט גע־ווּוסט, אז איך בין נישטא אין דער היים?

ער האט נישט געוואלט צולאזן צו זיך דעם דאזיקן גע־דאנק. און עס איז געבליבן ביי אים, אז זי ווער, ווער, אבער די „טאוואזשישקא וולאדיסלאווא" וועט „אזעלכעס נישט טון".

זי איז צו פיינפיליק דערצו.

ער איז דאן ווידער גאנצע טעג נישט אפגעטרעטן פון די פיר ווענט פון זיין צימער. ער האט דורכגעווארפן זיין גאנצע

ביבליאָטעק, וועלכע ער האָט זיך נאָך געהאַט אָנגעזאַמלט פון פאַר דער מלחמה. ער האָט זיך מיט אַ גרויסן אימפּעט גענומען שטודירן פון דאָס ניי עקאָנאָמיע, סאָציאָלאָגיע און בכלל אַלע וויסנשאַפטן, וועלכע ער האָט געהאַלטן, אַז זיי קענען צונוץ קומען ביי זיין „אַרבעט אין דער פּאַרטיי".

ווייל עס איז איצט קלאָר געוועזן פאַר ווער־ע־:

ער מוז ווערן אַ נוצלעכער אַרבעטער אין דעם ווערק וועלכעס רופט זיך „סאָציאַלע רעוואָלוציע".

ער וועט ווערן אַקטיוו.

★ ★ ★

אָבער דאָס איז נישט געווען אזוי לייכט דורכצופירן.

ער האָט מיט קיינעם נישט געהאַט קיין „קאָנטאַקט" און ער האָט נישט געקענט בעסער קיינעם אחוץ באַלאָווסקין.

דער געוועזענער אַקטיאָר איז אָבער ערגעץ פאַרשווונדן געוואָרן. ווערדער איז געוואָרן אַ אָפטער אריינגייער אין קאַפע „לאָנדאָן", ווו עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען די יידישע אַק־טיאָרן. ער איז געזעסן שעהן־לאַנג ביי אַ קליינעם מאַרמאָרטיש, ער האָט זיך צוגעהערט צו דער „טעאַטער־פּאָליטיק, וועלכע עס האָבן נישט אויפגעהערט צו פירן צווישן זיך די אַקטיאָרן און אַקטריסעס, ער איז געוויר געוואָרן הינטער־קוליסן־סודות פון אַלע יידישע טעאַטערס איבער דער גאַנצער וועלט, אָנגעהויבן פונם פאַרוואָרפנסטן וואַנדער־טעאַטער אין אַ קליינער גאַליצי־שער „העק" און געענדיקט אויף די גרויסע טעאַטערס אין ניו־יאָרק — אָבער וועגן באַלאָווסקין איז נישט מעגלעך געווען צו דערגיין, ווו ער געפונט זיך.

— ער איז „אַרויס פון עווידענץ", — האָט מען ווערדערן געענטפערט אויף זיינע שטענדיקע פראַגן. — קיינער ווייסט נישט

ווי ער איז, מען זאָגט גאָר, אַז ער פאַרנעמט זיך איצט מיט אויסאַרבעטן פאַלשע פעסער.

דאָס איז געווען אַלץ, וואָס ווערדער האָט געקענט זיך דערוויסן וועגן באַלאָווסקין.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַרומזוכן באַלאָווסקין אין די „יידישע טעאַטער-קרייזן" איז אַן אומזיסטיקע טרחה.

ער האָט דאַריבער אָנגעהויבן אים זוכן אין די יידישע אַרבעטער-פאַריינען.

★ ★ ★

א פאַרמאַטערטער איז ער איינמאָל אַהיימגעקומען שפּעט אָוונטס. דאָס איז געווען אַ פּאָר וואָכן נאָכדעם ער האָט זיך פאַרנומען מיט צוהעלפן פאַרשפּרייטן קאָמוניסטישע ליטעראַטור.

עס איז געווען שוין סוף-זומער. דער פריהער האַרבסט האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין די שויבן פון די גרויסשטאָטישע הייזער מיט האַלב-פאַרגעלטע בלעטער, וועלכע דער ווינט האָט געבראַכט צו טראָגן פון די גרויסשטאָטישע פּאַרקן.

דער אָוונט איז געווען שטיל; דער רעש פון שטאָט איז גלייך, ווי געדעמפּט געווען דורכן געפּל, וועלכער האָט זיך געלייגט אויף די דעכער פון די געביידעס, אַראָפּגעגליטשט זיך איבער די מויערן און געשפּרייט זיך אַרום די עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס האָבן דאַן געליכטן ווי דורך אַ דינעם גאַזע-שלייער. די טראָטוארן האָבן געגלאַנצט פון אַ אומזעבאַרער פייכטקייט און דעם מענטשנס טריט האָבן געטראָטן מיט אַ פאָרזיכטיקייט און נישט דרייסט, גלייך וואָלט מען געגאַנגען אויף גלאָז. דאָס קלינגען פון די טראַמווייען, דאָס טופּען פון פערדישע קאָפּיטעס, האָט זיך געטראָגן, ווי פון אונטער אַ פאָרהאַנג. דער האַרבסט האָט געהאָנגען איבער דער שטאָט.

וואָס נענטער ווערדער איז צוגעקומען צו זיין הויז, אַלץ

לאנגזאמער זענען געוואָרן זיינע שריט.

פון דער אַנדערער זייט טראָטואַר האָט ער אַרויפגעקוקט צו די פענסטער פון זיינע טאַטע־מאַמעס דירה און ער האָט פּלוצלינג דערפילט ווי זיינע אויגן פולן זיך אָן מיט טרערן. די פענס־ער זענען געווען טונקל.

ווערדער האָט זיך דערמאָנט:

דורך די לעצטע דריי וואָכן האָבן די פענסטער אין דער טונקעלער גאַס אַריין אַראָפּגעלויכטן פון די פריסטע, וואונט־שעה ביז באַגינען. הער איזידאָר ווערדער האָט זיך אַר מגעשלעפט מיט זיינע לעצטע כוחות איבער די גרויסע שטובן. ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפונען; זיין קראַנק האַרץ האָט געצאַנקט, ער האָט געלעבט אין שטענדיקן פחד, אַז אים וועט אויסגיין דער אָטעם און דאָס האָט אים געטריבן פון איין אָרט צום אַנדערן. הער איזידאָר האָט זיך אָנגעשטויסן אין די ווענט פון צימער, וועלכעס האָט זיך אים מיטאַמאָל אויסגעוויזן צו זיין צו קליין. ער האָט אויסגעזען, ווי אַ גוסהדיקער פויגל אין אַן ענגער שטייג.

ווערדער האָט זיך געשטאַרקט און געוואָלט איינהאַלטן די טרערן, אָבער ווען ער האָט געפילט, אַז דער שמערץ איז שטאַרקער פאַר זיין ווילן, האָט ער זיך מער נישט געפּ־ווּוט איינהאַלטן. ער איז געשטאַנען אויף אַן אָרט, האָט אַרויפגעקוקט צו די טונקלע פענסטער און האָט געוויינט.

★ ★ ★

ווען הער איזידאָר ווערדער איז געשטאָרבן, איז עס געווען אַרום פיר אַ זייגער אין דער פרי. ווע־דער, וועלכער איז אין די לעצטע טעג נישט אָפּגעטרעטן פון זיין פאָטער האָט דערפילט אַ שטאַרקע מידיקייט, וועלכע האָט אים מיט שווערע פינגער צוגעדריקט די אויגנדעקלעך.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אין אַ שטול. זיין פאָטער איז געשטאַנען איבער אים, האָט אים געגלעט איבער די האָר און גע- בעטן זיך ביי אים מיטן שטאַמלען פון אַ טויט-קראַנקן מענטש, וועלכן עס גייט אויס דער אָטעם:

— שלאָף, שלאָף, קינד מיינס — — —

ווערדער איז דאַן באַלד איינגעשלאָפן; אים האָט זיך נאָך אויסגעוויזן אין שלאָף, אַז ער ווערט אַ שווערער שטיין, וועלכער פאַלט אַריין אין אַ וואַסער אָן אַ דנאָ. ער האָט בלויז געדענקט, אַז ווען ער האָט נאָך איינמאָל מיט דער אָנשטרענגונג פון זיין גאַנצן ווילן אויפגעריסן אויף אַ קורצע רגע די אויגן, האָט ער געזען זיצן פאַר זיך זיין פאָטער אויף אַ שטול. דער פאָטער האָט אים אָנגעקוקט מיט איבערגעשראָקענע אויגן. ווערדער איז אָבער באַלד ווידער איינגעשלאָפן. ער האָט אין שלאָף דערשפּירט אַ פּראָסטיקע קעלט און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

דער פאָטער איז שוין געווען טויט.

זיין קאָפּ איז געלעגן אָנגעשפּאַרט אויף ווערדערס קניעס, די הענט האָט הער איזידאָר געהאַלטן אויף די אַקסלען פון זיין זיצנ- דיקן זון, גלייך וואָלט ער אים וועלן וועקן.

ווערדער האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון זיין טויטן פאָטער און האָט דעם אָקעגנאיבער-זיצנדיקן הער איזידאָר אָנגע- לענט מיטן רוקן אָן דעם אָנלען פון דער אויסגעבעטער שטול, אין וועלכער ער איז געשטאָרבן. ער האָט געקושט די פאַרמאַכטע אויגן פון זיין פאָטער, ער האָט געקושט זיינע הענט און דאַן איז ער געגאַנגען וועקן זיין מוטער.

פרוי פּוילאַ איז געזעסן אין אַ ווינקל פון דער קיך, ווו זי איז איינגעשלאָפן זיצנדיק. ווערדער האָט דערזען, ווי אין שלאָף קייקלען זיך איר די טרערן פון אונטער די פאַרמאַכטע אויגן- לידער:

— מאַמע, מאַמע! שטיי אויף!

פרוי פוילאַ איז אויפגעשפּרונגען. זי איז געוואָרן וואַך מיטאַמאָל און האָט אָנגעכאַפּט איר זון פאַר אַ האַנט:

— דער טאַטע?

— שוין מאַמע, שוין! זיי שטיל! ער שלאָפט, ער איז זייער מיד! דו טאָרסט אים שוין נישט וועקן, מאַמע! זיי שטיל! גאַנץ שטיל... אַנישט וועל איך דיך נישט אַריינלאָזן צו אים... שטיל מאַמע... ש — ש — ש — טיל!...

ער האָט גערעדט ווי פון היץ.

פרוי פוילאַ האָט פאַרשטאַנען.

זי האָט זיך אַריינגעשטופּט אַ פויסט צווישן די ציין און דערשטיקט דעם געשריי, וועלכער האָט זיך געריסן פון איר, ווי אַ הונט אויף אַ קייט.

דאַן האָט זי געזאָגט:

— לאָז מיך אַריין צום טאַטן, יולעק! איך וועל נישט שרייען!...

באַלד נאָכמיטאָג איז פאָרגעקומען די לויה.

גלייך פון בית עולם איז ווערדער אַנטלאָפן, ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער די פעלדער הינטער דער שטאָט און ווי עס איז טונקל געוואָרן, איז ער צוריקגעגאַנגען אויפן בית־עולם. ער האָט זיך אַריבערגעדראַפּעט איבערן פּאַרקן. אין דער טונקל־קייט האָט ער קוים געטראָפן אויפן פרישן קבר פון זיין פאָטער. אויפן קליינעם בערגעלע ליים אין וועלכן עס איז געווען אַריינ־געשטעלט אַ נאַקעט ברעטל מיט אומגעלומפּערטע שוואַרצע אותיות, האָט ער זיך אַנידערגעוואָרפן. ער האָט איינגע־גראָבן די הענט אין דער פייכטער ערד און האָט אַן ווער־טער אַריינגעשריגן זיין ווייטאָג אין דער ערד אַריין. שפּעטער האָט ער זיך גענומען אויסטענהן מיטן פאָטער. ער האָט אים דערציילט, ווי גוואַלדיק ליב ער האָט אים. ער זאָל אים מוחל זיין, וואָס ער האָט אים דאָס נישט אַרויסגעוויזן צייט פון זיין לעבן.

— איך ווייס, אַז דו ביסט נישט געשטאָרבן — האָט ער אַריינגעלאַכט אין קבר אַריין. — דו שפּילסט זיך בלויז מיט מיר! ווען איך וועל אַהיים קומען, וועל איך דיך טרעפן זיצן בײַ טיש און וואַרטן אויף מיר מיטן אָונט־ברויט! דו רייצסט זיך בלויז מיט מיר!

גיך איז ווערדער געלאָפן פון בית־עולם. עס זענען געווען מאָמענטן, וואָס ער האָט אויף אַן אמת אָנגעהויבן צווייפלען אין דעם, צי דער פאָטער איז געשטאָרבן. ער איז רגע־ווייז געווען זיכער, אַז ער לעבט בלויז איבער אַ חלום.

אַ פאַרסאָפּעטער איז ער געלאָפן איבער די גאַסן, אַלץ נענטער צו זיין היים. ווען ער איז געקומען אין דער גאַס, ווו ער האָט געוווינט, איז פּלוצלינג פון אים אַראָפּגעפאַלן יעדער ספק. אים איז דורכגעגאַנגען אַ ציטער איבערן לייב, ווען ער האָט דערזען די טונקלע פענסטער. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עמעץ וואַרפט אויף אים אַרויף אַ קאַלטע, נאַסע הויט. גלייך שיילט ער זיך אַרויס פון זיך אַליין. דער שמאַרץ האָט אים געביסן אין פלייש אַריין מיט שטומפּיקע קאַלטע ציין. אַ קאַלטע פויסט האָט צוזאַמענגעדריקט זיין האַרץ.

ער איז אַרי־ערגעלאָפן צום טויער.

— צו דער מאַמען! צו דער מאַמען! איך וויל צו דער מאַמען! — האָט אין אים פּלוצלינג געגומען שרייען, ווי ווען ער זאָל זיין ווידער אַ קינד פון זעקס יאָר.

אָבער ווען ער האָט אויפגעהויבן די האַנט צו דריקן דאָס עלעקטרישע קנעפּל, איז זי אים אין דער לופטן הענגען געבליבן ווי פאַרשטאַרט. ער האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף צוריק, און זיך געפּרוווט אַריינקוועטשן אין טונקל פון טויער־ווינקל.

— דאָברי וויעטשור, — האָט געזאָגט טאָוואַזשישקאַ וואָלאַ־דיסלאַוואַ — איך וואַרט דאָ אויף אייך שוין העכער אַ שעה.

— מיין טאַטע איז געשטאָרבן — האָט זיך ווערדער צעוויינט.

— ווער?

דאָס מיידל האָט נישט פאַרשטאַנען.

מיין פאָטער!

ווערדער האָט געשלוכצט און געצויגן מיט דער נאָז.

טאָוואַזשישקאַ ווּלאַדיסלאַוואַ האָט אַ קורצע ווײַלע געשוויגן. זי איז צוגעגאַנגען נענטער צו ווערדערן, האָט אים פאַר אַ האַנט אַרויסגעשלעפּט פון טויער־ווינקל און האָט אים צוגעפירט צום לאַמטערן, וואָס האָט געברענט עטלעכע שריט פון טויער.

זי האָט מיט איר טיכעלע אָפּגעווישט ווערדערן זיין נאַסן פּנים, אויסגעווישט אים די אויגן און האָט פּלוצלינג באַפוילן קורץ און שאַרף:

— גענוג! איך האָב קיין צייט נישט! קלינגט אָן אין טויער!

ווערדער האָט געשטאַמלט אונטער אַ איינגעהאַלטענעם שלוכצן:

— מיין פאָ — טער — — מ — מ — יין פאָ — ט — ער — —

זי האָט אַרויסגעפּליסטערט דורך די ציין:

— כאַפּט אייך דער טייוול! איר קלינגט אָן אין טויער, אָדער ניין? אידיאָט!

ווערדער האָט זיך מיטאַמאָל ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

— וואָס ערלויבט איר אייך? ווי אַזוי רעדט איר צו מיר?

— אָבער לאָזט מיך צורו! — האָט זיך אַ וואָרף געטון דאָס מיידל. — איר מיינט איך קען דאָ שטיין מיט אייך און אויסהערן אייערע טענות. קלינגט אָן וועלן מיר אַרויפגיין אין צימער!

— איר? איצט? וואָס ווילט איר?

ווּלאַדיסלאַוואַ איז צוגעפאַלן צום טויער און האָט אַליין אָנגעקלונגען:

— איך מוז דאָך ערגעץ זיין איבער נאַכט! יאָ, אָדער ײַן?

ווען ווערדער האָט זי אָנגעקוקט אַ דערשטוינטער, האָט י זיך פּלוצלינג צעשמייכלט.

— אָך, זייט איר לאַנגווייליק — —

זי איז ווידער ערנסט געוואָרן:

— מען זוכט מיך. ס'איז היינט געווען אַ „ווסיפּע". קומט שנעלער!

דער סטרוזש האָט דערווייל געעפנט דעם טויער און ביי־דע זענען אַרויפגעגאַנגען.

* * *

ער איז געלעגן אויף דער קאָסעטקע, אַזוי ווי ער איז אַריינגעקומען פון גאַס, אַ נישט אויסגעטוענער. זיין בעט האָט ער אָפּגעטרעטן צו טאָוואַזשישקאַ וולאַדיסלאַוואַן.

ווען זיי זענען אַריין אין צימער, האָט וולאַדיסלאַוואַ אים נישט ערלויבט אָנצוצינדן קיין ליכט. זיצנדיק אויף דער קאָסעטקע אין דער פינסטער, האָט ווערדער געהערט, ווי וולאַדיסלאַוואַ טוט זיך אויס. אויף אַ ווײַלע האָט ער געזען פלאַטערן דורך דער פינסטערניש, עפּעס ווייס און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט אויסגעטון איר העל זומער־קליידל. ער האָט געהערט, ווי זי לייגט זיך אין בעט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער שוין געהערט וולאַדיסלאַוואַס רעגלמעסיקן אָטעם.

ווערדער האָט נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט בסדר געדענקט וועגן זיין פאָטער, וועמענס לויה עס איז ערשט אָט וואָס פאַרגעקומען. ער האָט געקלערט וועגן זיין מוטער, וואָס דרייט זיך איצט אין שפּעטער נאַכט נאָך אַרום איבער די פּוסטע, טונקלע שטובן און קאָן זיך נישט אַנטשליסן זיך צו לייגן שלאָפן. צר האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ געוואַלדיקן רחמנות אויף דער מאַ־

מען, וועלכע ער האָט געהערט שפּאַנען איבער די טונקלע צימערן אַהין און צוריק, ער האָט געהערט, ווי זי מאַכט אויף און פאַרמאַכט ווידער די טירן פון די צימערן און אים האָט זיך אויך אויסגעוויזן, אַז דורך דער וואַנט הערט ער, ווי פרוי פּוילאַ וויינט אין דער אַכט אַריין.

— איך וועל אַריבערגיין צו דער מאַמען, זי טרייסטן — האָט ער באַשלאָסן ביי זיך.

ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף דער קאָסעטקע און האָט זיך איינגעהאָרכט צי וולאַדיסלאַווא שלאָפט. ער האָט געהערט איר רויקן אָטעם און איז אויף די שפּיץ פינגער אַרויס פון צימער.

☆ ☆ ☆

ווען ער איז צוריקגעקומען, איז עס שוין געווען קנאַפּ פאַר באַגינען. דורכן פענסטער האָבן זיך אַריינגעטראָגן די ערשטע קולות פון דער דערוואַכנדיקער שטאָט. אַ פורמאַן האָט געיאָגט צוויי גרויסע „זאַלצבורגער" פערד, וואָס האָבן געשלעפּט אַ הויכן וואָגן קוילן.

— עס גייט צו ווינטער — האָט געקלערט ווערדער אַרויסקוקנדיק פון פענסטער.

פון דער טראַמוויי־סטאַציע, וואָס איז געווען מיט עטלעכע גאַסן ווייטער, האָט ווערדער געהערט דאָס גליטשן זיך איבער די שינעס פון די טראַמוויי־וואַגאָנען, וואָס זענען איינער נאָכן אַנדערן אַרויסגעפאָרן פון דער „רעמיזע".

ער האָט דערפילט אַ גרויסע מידקייט. אים איז דורכגעגאַנגען אַ קאַלטער שוידער און ער האָט זיך איבערגעדרייט צום צימער, זוכנדיק מיט די אויגן עפּעס, מיט וואָס ער זאָל זיך קענען צודעקן. אים האָט זיך שטאַרק געגלוסט שלאָפן.

ווען ער האָט זיך אומגעקוקט האָט ער באַמערקט, אַז וולאַדיסלאַווא שלאָפט נישט. זי האָט געקוקט אויף אים מיט

נרייט־צעעפּנטע אויגן. די הענט האָט זי געהאַלטן אַרונטערגע־
לייגט אונטער איר בלאָנדן קאָפּ און אירע האָר זענען געווען
צעוואָרפן איבער דער ווייסקייט פון קישן.

— איר שלאָפט שוין נישט? — האָט געפרעגט ווערדער.

— ניין. איך בין שוין אויסגעשלאָפן. און איר, איר האָט
זיך שוין אפילו אָנגעטון, זע איך...

— איך האָב זיך בכלל נישט געלייגט.

— פאַרוואָס? ווי אַזוי האָט איר דאָס געקענט טון? איך
וועל מיר איצט מאַכן פאָרווורפן צוליב אייך! איך האָב אייך פאַר־
נומען אייער בעט.

— נו, ס'מאַכט נישט אויס, איך וועל זיך איצטער צולייגן
אויף דער קאָסעטקע. — שלאָפט, שלאָפט! האָט ער געפליסטערט
צו איר, — עס איז נאָך פרי.

זי האָט אים אָנגעקוקט און ווערדער האָט מיטאַמאָל דער־
זען די שיינקייט פון אירע בלאָע אויגן. זי האָט זיך אויפגעזעצט
אויפן בעט און עס האָבן זיך אויפגעדעקט אירע נאַקעטע הענט,
אירע אַקסלען, היגטערן העמד האָט ווערדער געזען אירע ברוסטן
און ער האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ.

ער האָט זיך פאַרשעמט.

וולאַדיסלאַווא איז אים נאָכגעגאַנגען מיטן בליק.

— קומט נאָר אַהער! — האָט זי אים צוגערופן.

ער האָט זיך איבערגעדרייט צו איר מיטן פּנים:

— איר זענט טאַקע די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן?

— ניין, איך האָב נישט געקענט.

— צוליב מיר?

ווערדער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן.

— נו, כ'פרעג דאָך אייך: צוליב מיר?

— איך ווייס נישט. מיר איז געווען קאַלט און דאַן — —

— וואָס „דאַן"?

— מײַן פֿאָטער איז געשטאָרבן — האָט װערדער זיך גע־פּרוּװט אױסדרײען.

אים איז נישט ליב געװען דער גאַנצער געשפּרעך.

— איר זענט אַ נאַר! דער מענטש דאַרף שלאָפֿן. אַנישט װעט איר נישט האָבן קײן כּח צו דער אַרבעט.

װערדער האָט געשװיגן.

— טוט אײַך אױס און קומט אין בעט אַרײַן!

ער האָט אױפֿגעציטערט:

— װאָס זאָגט איר?

זי האָט אױסגעמיטן זײַן בליק:

— נו, טוט אײַך אױס! דרײט נישט קײן קאָפּ! איך װיל נאָך אױך שלאָפֿן! איך קען נישט אַרױס פֿון אײַך פֿריער, װי ערשט אַרום צען, האַלב עלף! נו, טוט אײַך אױס! איר שעמט אײַך? איך װעל זיך איבערדרײען צו דער װאַנט. נו שטײט נישט, מאַכט עס שנעלער!

זי האָט זיך איבערגעדרײט צו אים מיטן ריקן.

— אָט זעט איר, איך שלאָף שױן.

ער האָט זיך גענומען לאַנגזאַם אױסטון.

דאָס מײדל האָט זיך מיטאַמאָל אױסגעדרײט צו אים און װערדער, װעלכער איז שױן געזעסן אין זײַן װעש, האָט זיך שטאַרק פֿאַרשעמט:

— װאָס טוט איר, אום גאָטעס װילן, טאַװאַזשישקאַ װלאַ־דיסלאַװאַ?

— אָך, איר זײַט אַ לאַנגװײַליקער „קלײנבירגער". איר זײַד דאָך מיד, אײַא? נו, טאָ גײט שלאָפֿן!

★ ★ ★

— איך װיל אײַך עפּעס פֿרעגן האָט װערדער געזאָגט צו װלאַדיסלאַװאַן, װען זי איז אַרום עלף פֿאַרמיטאָג געשטאַנען אַן

אָנגעטועגע ביי דער טיר און האָט זיך געקליבן אוועקצוגיין.
— וואָס איז ?
— איר זאָלט אייך נישט באַליידיקן, ווען איך וועל אייך עפּעס פרעגן.
— נו, ניין, אַרויס מיטן לשון !
— פאַרוואָס האָט איר דאָס געטון ?
— פאַרוואָס ?
דאָס מיידל האָט אַ בליק געטון מיט די אויגן.
— פאַרוואָס פרעגט איר ?
זי האָט געעפנט די טיר :
איר זייט אַן אידיאָט ! אַ נאַרישער, לאַנגווייליקער „מיע־טשטשאַנין", מיט דער נשמה פון אַ מנחם־מענדל !

★ ★ ★

אָבער אין אַ שעה אַרום איז זי ווידער געקומען. ווער־דער איז נאָך געלעגן אין בעט און האָט געשלאָפן.
זי האָט אים אויפגעוועקט:
— שטייט אויף ! שטייט אויף !
ווערדער האָט זיך געריבן די אויגן. ער האָט אויסגע־שטרעקט די הענט צו וולאַדיסלאַוואַן, זי געפרווט אַרומנעמען, אַריינציען אין בעט.
זי האָט דאָס, גלייך ווי נישט באַמערקט:
— שטייט אויף !
אַזוי ווי ער איז געלעגן אין בעט אַ נאַקעטער, האָט ער זיך אויפגעזעצט.
וולאַדיסלאַווא איז געווען עפּעס שטאַרק צערודערט.
— וואָס איז געשען — האָט ער געפרעגט.
— קומט, שנעלער. שנעלער טוט אייך אָן !
ער האָט זיך האַסטיק אָנגעטון. זי איז דורך דער גאַנצער

צייט געזעסן ביים טיש און געצימבלט מיט די פינגער:

— נו, שוין?

— אָט בין איך שוין פאַרטיק.

ווען זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען די טרעפּ, האָט אים דאָס מיידל מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט:

— הערט מיך קאָפּ, וואָס איך וועל אייך זאָגן: מען האָט אייך פאַרשיט. מען זוכט אייך.

ווערדער האָט זיך אַ וואָרף געטון. ער איז בלאַס געוואָרן און האָט זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט. ער האָט זיך באַלד באַרויִקט.

— ווער האָט „פאַרשיט"?

— איך ווייס נישט, איצט קען איך אייך דאָס נישט זאָגן. איר וועט זיך טרעפן מיט „קאַראָל". איך וועל דאָרט אויך קומען.

— ווער איז „קאַראָל"?

זי האָט אים אומגעדולדיק אַ קלאַפּ געטון מיט איר פלאַכער האַנט אין אָרעם:

— פרעגט נישט קיין סך. איך וועל אייך שוין אַלץ זאָגן. ווען איר וועט אָנקומען אויף דער גאַס זאָלט איר אייך גלייך נעמען גיין לינקס. נישט אויף דער הויפּטגאַס, ווייל דאָרט דרייען זיך היינט אַרום „שפּיקן". איך בלייב נאָך אַ ווײַלע דאָ. נו, גייט שוין! אויף ווידערזען.

ער האָט איר גענומען די האַנט און זיך איינגעזעגנט מיט זיינע ליפּן. זי האָט די האַנט אַרויסגעריסן

— הערט אויף! גייט שוין, צום טייוול!

ווערדער האָט זיך גענומען אַראָפּגיין די טרעפּ.

זי האָט אים צוריקגערופן און געלאַכט.

— קומט נאָר אַהער! „דאָן קישאָט", באַרישער!

ווערדער איז שטיין געבליבן.

— קומט נאָר אַהער! איך מוז דאָך אייך זאָגן, וויאַזוי איר וועט זיך טרעפן מיט „קאַראַלן“.

★ ★ ★

אַריינקומענדיק אין „מיקאָלאַש פּאַסאַזש“ האָט זיך ווערדער אָפּגעשטעלט. עס איז געווען צו מיטאָג־צייט, די געשעפטן האָבן זיך געהאַלטן ביים פאַרמאַכן. דער פּאַסאַזש איז געווען ליידיק. בלויז פאַר די אויסגעהאָנגענע צייטונגען פון דער פוילישער רעדאַקציע איז געשטאַנען אַ מאַנסביל, קענטיק אַן אַרבעטער, אַ קריסט. ווערדער איז הינטער אים פאַרבייגעגאַנגען עטלעכע מאָל, אָבער יענער האָט זיך נישט אומגעקוקט. ווערדער האָט געזען זיין אויסגעראַזירטן קאַרק, וואָס האָט זיך בולט אַרויסגעזען פון דעם קאָלירטן העמד־קאָלנער.

— אַ קאַרק ווי ביי אַן אַטלעט — — האָט ער געטראַכט ביי זיך.

ער האָט אַליין נישט געוווסט; ווי אַזוי ער האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן קלערן וועגן אַטלעטן. ער האָט זיך דערמאָנט אין די פאַרשידענע „וואַלקעס“, וועלכע ער האָט געזען אין די צירקן. ער האָט רויק אָפּגעשאַצט די מוסקילן פון אַרבעטער. ער האָט געמאָסטן מיט די אויגן זיין ריקן, זיינע אָרעמס, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט אין דער אָפּגעריבענער מאַרינאַרקע.

— ער מוז האָבן פּראַכטפולע „ביצעפּסן“ — איז ווערדער געקומען צו אַ באַשלוס.

פּלוצלינג האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער „אַטלעט“ רעדט עפּעס, ווי צו זיך אַליין. ער איז געשטאַנען מיטן פּנים צו דער צייטונג און האָט עפּעס געברומט אונטער דער נאָז.

ווערדער האָט אים איצט געהערט דייטלעך:

— ווי לאַנג נאָך וועט איר דאָ שטיין? קומט צו בענטער, לייענט די צייטונג!

אין ווערדערן האָט זיך זיין האַרץ אַ וואָרף געטון. ער האָט דערפילט ווי אים באַגיסט אַ פלוצלונגדיקער שווייס.

ער איז צוגעגאַנגען און האָט געלייענט. זיין אויג איז געפאַלן אויף אַן אַנאָנס וועגן שאָקאָלאַדע.

„גאַלאַ=פעטער, גאַלאַ=פעטער" — האָט זיך אים געוואָרפן אין מוח דער נאָמען פון דער שאָקאָלאַדע=פאַבריק.

דער אַרבעטער האָט אים אָנגעקוקט:

— וואָס ווינטשט איר? איר האָט דאַכט זיך עפּעס געוואָלט?

ווערדער האָט זיך פאַרשעמט.

— ניין, איך וויל גאָרנישט, איך האָב גאָרנישט געזאָגט...

האָט זיך יענער צעבייזערט;

— נו, טאָ לאָזט אַ מענטשן רוהיק לייענען אַ צייטונג! וואָס איז דאָס אַזעלכעס?

— אָבער איך בעט אייך! — האָט זיך געפּרוווט ווערדער פאַרענטפערן — איך האָב דאָך אייך נישט געשטערט!

דער אַרבעטער איז רויט געוואָרן פאַר כעס:

— גייט צום טייוול, ווייל איך וועל אייך באַלד דאָ ווייזן מיט וועמען איר האָט צו טון!

ווערדער האָט זיך איבערגעשראָקן;

— איר זייט שיכור צו אַלדע רוחות, צי וואָס?

— העי, פאַניע! וואָס האָט איר מיר עפּעס צו דערציילן מעשיות וועגן „גאַליאַ פעטער"? איר מאַכט חוזק פון מיר, צי וואָס פאַרא כאָליערע? איר האָט עפּעס צו זאָגן, זאָגט, אַנישט גייט און „דרייט נישט קיין גיטאַרע"! איך האָב פיינט אַזעלכע „אינטעליגיענצקיע קינצעלעך"!

ווערדער האָט מיטאַמאָל פאַרשטאַנען:

— ס'איז היינט זייער אַ הייס וועטער...

יענער האָט אים אָנגעקוקט פון דער זייט און האָט אַרויסגענומען צו דרייען אַ פּאַפּיראָס;

— פייער האָט איר?

ער האָט פאַרויכערט און האָט געלאַכט צו ווערדערן:

— איר זייט דאָך טאַקע דער אמתדיקער אידיאָט! נו, נו, באַליידיקט זיך נישט! — האָט ער געקלאַפּט ווערדערן איבער דער פּלייצע, — ס'איז אַזאַ ווערטל ביי מיר. נו, גייט מיר נאָך, כאַפּס אייך דער רוח! אָבער פון דערוויייטנס! און, אַז איר וועט זען מען גייט מיר נאָך, זאָלט איר זיך אומקערן!

★ ★ ★

דעמזעלבן טאָג טאַקע איז עס געשען, אַז יוליאַן ווערדער איז געוואָרן אַ „טעטיקער ארבעטער אין דער קאָנספּיראַציע". אין די רשימות פון דער פּאַרטיי איז ער געווען פאַרשריבן אונטערן פסעוודאָנים „מלאָטעק". אָבער די חברים פון זיין „יאַטשעיקע" האָבן אים גערופן נישט אַנדערש ווי „דאָן קישאָט". אין אָנפאַנג האָט ער זיך געפילט באַליידיקט צוליבן דאָזיקן צונאָמען און ער האָט אַפילו געפּרוווט פּראָטעסטירן.

עס האָט אים אָבער גאָרנישט געהאָלפן און דער צונאָמען „דאָן קישאָט" איז אים געבליבן.

XV

אויף אומוועגן

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ שווערן קאָפּ. אין דער ערשטער רגע האָט ער נישט פאַרשטאַנען, ווו ער געפינט זיך. ער האָט אַ פאַרוווּנדערטער באַמערקט די הייליקע בילדער אויף די ווענט: אַ יעזוס איז געהאָנגען אויפן צלם, די הענט צע־וואָרפן צו ביידע זייטן פון זיין אויסגעדאַרטן גוף. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן אויף דער ברוסט און פון אונטערן אויפגעשניטענעם האַרץ האָבן זיך געקייקלט טראָפּנס בלוט אין אַ שנירל. די „הייליקע מוטער" איז געהאָנגען דאַנעבן. זי האָט געהאַט דאָס ברוינע פנים פון אַ מויערטע און שוואַרצע, שטרענגע אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי גלאַנציקע קרעלן. אין די גאָלדענע רעמען פונם בילד איז געווען אַריינגעשטעקט אַ וואַקסענע ליכט. דאָס טויטן־ליכט! — האָט זיך דערמאַנט ווערדער: ווען אַ גוי שטאַרבט, צינדט מען דאָס אָן און מען שטופּט אים די ליכט אַריין צווישן די פאַרגליווערטע פינגער.

עס איז געווען אָוונט. דורך די קליינע שייבלעך פונם איינציקן פענסטער אין דער גוישער שטוב האָט זיך אַריינגע־שטופּט די גרויקייט פון דער קומענדיקער נאַכט. ווערדער איז אויפגעשטאַנען פון בעט. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול, וועלכע האָט אַ הויכן סקריפּ געטון. ער האָט זיך איבער־געשראָקן. שטיל האָט ער זיך ווידער אַריינגערוקט אין בעט.

ער האָט באַשלאָסן צו וואַרטן.

לאַנגזאַם האָט ער זיך דערמאָנט: ער איז היינט אויפן באַנהאָף געקומען מיט אַ פולגעפּאַקטן ראַנצן „ליטעראַטור". ער איז אַ דרייסטער אַדורכגעגאַנגען דעם גרויסן, הויכן וואַרטעזאַל, ער האָט מיט אַ לייכטן שמייכעלע געוויזן דעם פּאָליציאַנט ביים אַריינגאַנג זיינע פּאַפּירן און יענער האָט אים אַדורכגעלאָזן, צולייגנדיק צוויי פינגער צום היטל. ווערדער איז אַריין אין וואַגאָן צווייטע קלאַס, דעם פּאַק האָט ער אַרויפגעלייגט אויף דער נעץ איבער די זיצן. ער האָט זיך געפילט זיכער. ער איז צופרידן געווען, וואָס איז אים געלונגען אָפּצונאַרן די קאָנטראָל. עס האָט זיך שוין געהערט דאָס צוקלאַפּן פון די וואַגאָנען־טירן, אַ סימן, אַז מען וועט שוין באַלד פאָרן. ער איז אויפגעשטאַנען פון זיך, איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און געזוכט „קאַראָלן", וועלכער האָט אים אומבאַמערקט געזאָלט באַגלייטן צום צוג. „קאַראָל" איז געשטאַנען צווישן אַ גרופּע קאָנדוקטאָרן און ווערדערן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער אַרבעטער קוקט זיך אום און זוכט אים. ווערדער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם פענסטער מיט אַ קלאַפּ. „קאַראָל" האָט זיך אומגעקוקט און כמעט אין דערזעלבער רגע האָט ווערדער דערזען, ווי „קאַראָל" רייסט זיך אָפּ פון דעם הייפעלע קאָנדוקטאָרן און ער נעמט לויפן איבער די שינעס. נאָך אים זענען געלאָפן צוויי פערשוינען אין ציוויל.

ווערדער האָט געפילט ווי ער ווערט בלאַס. אַ שווייס איז אים אַרויסגעטרעטן אויפן שטערן. ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס, געוואָלט פאַרויכערן, אָבער ער האָט דערהערט, ווי שווערע טריט דערנעענטערן זיך צו דער טיר פון זיין אָפּטייל. האַסטיק איז ער צוגעלאָפן צום פענסטער און ער איז אַראָפּגעשפּרונגען. ער איז געפאַלן מיטן פּנים צו אַ שינע, אים האָט אָנגעהויבן גיין בלוט פון דער נאָז.

גראָד האָט דער צוג גערירט פון אָרט און דאָס האָט אויף אַ ווײַלע אָפּגעהאַלטן די פּאָליציאַנטן. ווערדער איז

געלאָפֿן ווי אַ משוגענער צו די ליידיקע וואַגאָנען פֿון אַ סחורה-צוג, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ ווייטערדיקן געלייז. אין דער ערשטער אָפֿענער טיר פֿון אַ וואַגאָן איז ער אַריינגעשפּרונגען.

די פּאָליצייאישע שטיוול האָבן שווער געקלאַפּט, עמעץ האָט געפּייפֿט אויף אַ פּייפֿערל, ער האָט דערהערט אַ קנאַל פֿון אַ שאָס. דער וואַגאָן איז געשטאַנען אָפֿן אויך פֿון דער צווייטער זייט און ווערדער איז אַרויסגעשפּרונגען.

הינטער אים איז דער טומל געוואָרן אַלץ גרעסער. ער האָט געהערט קללות, דאָס זשומען פֿון קוילן נעבן זיינע אויערן האָט אים פֿאַרטומלט.

אַ ווײַלע איז ער שטיין געבליבן ראַטלאָז,
פֿאַר אים זענען פֿאַרבייגעפֿאָרן עטלעכע ליידיקע וואָגנס,
געשטופּט פֿון אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס איז געפֿאָרן פֿון הינטן.
— איצט וועלן זיי מיך זיכער כאַפּן! — איז ווערדערן אַדורכגעפֿלויגן אַ געדאַנק, ווי אַ בליץ.

דער לאָקאָמאָטיוו איז פֿאַרבייגעפֿאָרן קנאַפּ פֿאַר אים.

ער האָט געזען ווי אַ איינגערוסטער „הייצער" איז געשטאַנען אויף די אונטערשטע טרעפּלעך פֿון דער אייזערנער לייטער, וואָס האָט געפֿירט אַרויף צו דער לאָקאָמאָטיוו, און ער האָט מיטאַמאָל דערפֿילט, ווי זענער כאַפּט אָן זיין האַנט און שלעפּט אים נאָך זיך אַרויף. די פּאָליציאַנטן האָבן זיך גענומען איינציק-ווייז שיטן פֿון דעם ליידיקן וואַגאָן, אָבער ווערדער איז דאַן שוין געלעגן פֿון אויבנאויף אויפֿן „טענדער", און דער איינגערוסטער הייצער האָט אויף אים אַרויפֿגעוואָרפֿן שטיקער קוילן.

— „רעגולאַטאָר אויף" — האָט דער פֿאַרסאַפּעטער הייצער געשריגן אויף פּויליש צום מאַשיניסט. דער לאָקאָמאָטיוו מיט די וואַגאָנען פֿאָרויס, איז געלאָפֿן שנעלער. די פּאָליציאַנטן

זענען שטיין געבליבן און ווערדער האָט געהערט, ווי זיי רעדן זיך איבער צווישן זיך.

— וווּ איז ער ערגעץ אַהינגעקומען דער הינטישער זון! ער האָט זיך באַהאַלטן צווישן די ליידיקע וואַגאָנען! צוריק! זוכט אים צווישן די בופערן! ער ליגט אוודאי ערגעץ אונטער אַ וואַגאָן! וואָס האָסטו אים אַרויסגעלאָזט פון די אויגן, דעם הינטישן זון!

דער לאָקאָמאָטיוו איז שוין איצט געפאָרן לאַנגזאַמער.

דער מאַשיניסט מיט אַ ליולקע אין מויל איז צוגעטרעטן צו ווערדערן:

— נו, אַראָפּ פון מאַשין, פּאַניע קאָלעגאָ! גענוג דיר דאָ צו ליגן ווי אַ „פּאַן כראַביאַ״!

ווערדער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די שטיקער קוילן. זיין גאַנצער קערפּער האָט אים געשמאַרצט. די פיס אונטער אים האָבן געציטערט. ער האָט געפילט ווי דאָס פּנים איז אים נאַס און ער האָט מיט דער האַנט נעפּרוווט אָפּווישן דעם שווייס.

דער הייצער האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט.

— ווּעסט זיך אויסשמירן, פּאַניע קאָלעגאָ! ווּעסט שפּעטער מאַכן „טואַלעט״. גיי שוין, גיי אַראָפּ! האָסט זיך אַרויסגעדרייט און גענוג! גיי מיט גאָט און לאָמיך דיך מער נישט זען!

ווערדער האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזן פון דער אַנדערער זייט פון פאָרנדיקן לאָקאָמאָטיוו.

פאַר אים איז געלעגן אַ ווייטער פעלד. ביים ברעג פון פעלד האָט ער געזען די נידריקע הייזלעך פון דער פאָרשטאָט. מיטביידע הענט האָט ער זיך געהאַלטן ביים אויבערשטן קאַנט פון לאָקאָמאָטיוו, מיט די פיס האָט ער געטאַפּט אַן אָנלען, ווי זיך אָנצושפּאַרן פאַרן אַראָפּשפּרינגען. ער האָט אַראָפּגעקוקט און געזען אַ בערגל ערד, כמעט אונטער זיינע זוילן. ער האָט אָפּגעלאָזט דעם קאַנט פון לאָקאָמאָטיוו.

א דאַנק, טאָוואַזשישע! — און ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פעלד.

דער לאָקאָמאָטיוו איז פּלוצלינג שטיין געבליבן. ווערדער האָט זיך אומגעקוקט. דער הייצער איז געשטאַנען פון אויבנאויף אויף דעם „טענדער” און האָט אים צוגעווונקען, ער זאָל צוקומען נענטער.

— וואָס דרייסטו א קאָפּ מיט „טאָוואַזשישע”? גיב אַהער, וואָס ס'קומט אונז און גיי דיר געזונטערהייט! — האָט ער אראָפּגערעדט צו ווערדערן מיט אַן איינגעהאַלטענעם כּעס.

— וויפל קומט אייך? — האָט געפרעגט ווערדער.

— וואָס שפּילסטו אַ „פּוקס” צו אַלדע רוחות, צו וואָס? נעם אַרויס די „האַרמאָניקע” און גיב אַהער! איך האָב פיינט אייערע גנבישע קינצעלעך! וואָס פאַרא „טאָוואַזשישע” זענען מיר עס דיר?

— גיב אים מיט דער לאָפּעטע איבערן קאָפּ דעם היגטישן זון! האָט זיך אָנגערופן דער מאַשיניסט, מיט דער ליולקע צווישן די ציין, — וואָס מאַכט ער דאָ פוילע שטיק, אַ רוח אין זיין מאַמען אַריין! אַ שיינער „דאָליניאַרזש”! (קעשענע-גנבֿ) דאַכט זיך, ער איז גאָרנישט קיין היגער, עפּעס אַ „פרייער”, אַז דאָס פּלוצלינגדיקע בלוט זאָל אים באַגיסן!

ביים הייצער האָבן זיך אָנגעצינדן פלעמלעך אין די אויגן:

— נו, אַהער מיט די פּאַפּירלעך, אָדער איך פיר דיך צוריק צו די „דושאַדעס”! (פּאָליציאַנטן)!

ווערדער האָט מיטאַמאָל פאַרשטאַנען.

— איך בין נישט קיין גנבֿ . . .

— וואָס דען ביסטו? איך גיי אַראָפּ צו דיר, שפּאַלט איך דיר דעם קאָפּ! גיב אַהער די פּאָר פּאַפּירלעך! מיר האָבן נישט קיין צייט דאָ צו שטיין!

ווערדער האָט אַרויסגענומען זיין פּאָרטפּעל. מיט ציטער-

דיקע פינגער האָט ער אַרויסגעצויגן די פּאָר באַנקנאָטן, וועלכע ער האָט געהאַט און האָט זיי איבערגעגעבן דעם מאַשיניסט.

— און פאַרוואָס גיסטו נישט די גאַנצע „הארמאָניקע"?

— ס'זענען דאָרט דאָ בלויז פּאַפּירן!

— פּאַפּירן? ווייז אהער די פּאַפּירן!

ווערדער האָט זיי איבערגעגעבן דעם פּאָרטפעל.

ביידע האָבן מיט שווארצע פינגער געגראַבלט זיך צווישן די פּאַפּירן. צום סוף האָט דער הייצער אַריינגעשפּיגן אין פּאָרטפעל און אים צוגעוואָרפן ווערדערן:

— נא, נעם עס דיר, דו „פּאָדלע דאָליניאַרזש"! גיי און ברעך די פיס!

— און ווייז דיך נישט מער אין אונזער ראַיאָן! — האָט צוגעגעבן דער מאַשיניסט. — ביי אונז, אָדער מען איז „בלאַט", אָדער מען גייט „קיבלעווען"! (זיצן אין תפיסה). פרייער אָפּ פויערן פון דאָרף און נישט אונז שטעטישע באַן=מענטשן! אַז ס'זאָל א רוח אין דיין מאַמען, דער גנבטע, דו בענקערט!

דער לאָקאָמאָטיוו האָט גערירט. ווערדער האָט זיך געלאָזט גיין פעלד=איין.

— וווּ=הין? — האָט ער געפרעגט ביי זיך.

— אָט בין איך ווידער ווי א היימלאָזער הונט אין דער גרויסער שטאָט. אהיים קען איך נישט גיין — האָט ער באַשלאָסן ביי זיך.

ער האָט שוין געוווּסט, אַז דאָרט זענען זייט עטלעכע טעג פאָרגעקומען רעוויזיעס. עטלעכע רעוויזיעס א טאָג. די מאַמע זיינע האָט מען געשלעפּט אין פּאָליציי=צירקול. שוין א פּאָר מאָל האָט מען זי אויסגעפרעגט, ווו עס געפינט זיך איר זון. מען האָט איר געדראָט: „ווען מיר וועלן אים כאַפּן, וועלן מיר אים לאָזן אויפהענגען, אייער זון! איר דאַרפט דאָך וויסן, ווו ער געפינט זיך. ווו איז דאָס, אַז א מאַמע זאָל נישט וויסן?

אָבער פרוי פוילאַ האָט געשוויגן. זי האָט נישט געענטפערט. אַ יעדן אָוונט איז זי דאַן געקומען צו ווערדערן אויפן קוואַרטיר און האָט אים דערציילט, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי טאָג. זי האָט געוויינט און געקוקט אויף אים מיט אַ פּאָר מאַטע, מידע אויגן:

— וואָס האָט עס דיר געטויגט, יולעק? — האָט זי איבערגעחזרט אָן אויפהער — וועסט דאָך איצט זיין ווי אַ געיאָגטע חיה? איך בין געבליבן איינע אַליין אין די צימערן, ביי נאַכט האָב איך מורא, מיר ווייזט אויס, אַז דער געשטאָרבענער טאַטע גייט אַרום אין די טונקלע שטובן, ער קען זיך קיין רו נישט געפונען אין קבר. נעכטן איז ער מיר געקומען צו חלום, ער קלאָגט זיך, אַז עס גייט אים דאָרט זייער שלעכט. זאָג קדיש, יולעק, איך ווייס דאָך, אַז דו גלויבסט נישט אין דעם, אָבער ווער ווייסט, אפשר וועט דאָס אים העלפן, דעם טאַטן דיינעם? זאָג קדיש, זון מיינער, טו צוליב דעם טאַטן.

ווערדער האָט זיך געדרייט און נישט געקענט געפונען קיין ענטפער. עפּעס אַ אומבאַשרייבלעכע מורא האָט אים אַרומגענומען. מאָדנע געדאַנקען זענען אים געקומען אין קאָפּ אַריין. ער האָט זיך געשראָקן פאַרן אומדורכדרינגבאַרן סוד פון טויט.

ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט זאָגן קדיש. און באַלד ווי זיין מוטער איז נאָר אַרויס פון צימער, האָט ער איר צוגעשיקט מיט אַ שליח אַ צעטעלע, אַז זי טאָר נישט מער קומען אויף זיין קוואַרטיר. אפשר שפּיאָנירט מען איר נאָך? ווער קען עס וויסן. מען קען איר נאָכגיין פון דער היים ביזן קוואַרטיר פון איר זון, דעמאָלט איז דאָס אומגליק פאַרטיק. די פּאַפּירן פון צענטראַלן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער יוגנט, געהיימע רשימות פון די פּסעוודאָנימען, אינסטרוקציעס און באַפעלן פון וואַרשע, פון מאָסקווע אפילו, אַלץ איז געלעגן אין דעם שוואַרצן פּליינעם, זעלנערישן קופערטל, וואָס אונטערן בעט.

— מען דאַרף אַרויספאָרן פון שטאָט. עס ווערט אַלעמאָל שווערער זיך אויסצובאַהאַלטן.

און ער האָט געבעטן, מען זאָל אים אַוועקשיקן אויף דער פּראָווינץ. מען האָט אים מיטגעגעבן דעם ראַנצן פרישע ליטעראַטור און היינט גראָד האָט ער געוואָלט אַרויספאָרן. נו, איז עס נישט געלונגען. דעם ראַנצן האָבן זיי אוודאי געפּאַקט, גאַנץ זיכער.

גייענדיק איבערן פעלד האָט ווערדער אָנגעהויבן זיך דערמאָנען, וואָס דאָרט איז געווען איינגעפּאַקט. קיין נעמען זענען דאָרט נישט געווען. גאָט־אַ־דאַנק! — האָט ער געשעפּטשעט צו זיך אַליין. אַ ביסל אויפרופן און אַ פּאָר הונדערט בראָשורן מיט אַ רעדע פון לענין. ער האָט אויפגעעטעמט לייכטער. — ס׳מאַכט נישט אויס! ליטעראַטור מעגן זיי כאַפּן וויפיל זיי ווילן. ס׳איז דאָ גענוג און אַ יעדן טאָג דרוקט מען צו פרישע.

ער איז געגאַנגען איבער אַ סטעשקע, וואָס האָט געפירט דורכן מיטן פעלד צו דער גאַס. דאָ איז געווען פּונקט דער עק שטאָט. אַ טראַמוויי איז געקומען און איז שטיין געבליבן אויף דער לעצטער סטאַציע. דער איינציקער פּאַסאַזשיר, אַ ייד מיט אַ הינער־שטייג, וועלכן ער האָט געטראָגן איבערן אַקסל, איז קרעכצנדיק אַראָפּ פון טראַמוויי. דער קאָנדוקטאָר האָט איבערגעטראָגן דעם פירער־ראָד צו דעם צווייטן פּלאַטפאָרם און דער טראַמוויי איז אַוועקגעפאָרן אַ ליידיקער.

פון פעלד האָט עס געשמעקט מיט צייטיקע קוויטן. ביענען האָבן געזשומעט און ווערדערן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער פילט דעם זיסן ריח פון האָניג. ער האָט זיך אַנידערגעלייגט נעבן ראָוו ביים וועג.

געשמאַרצט האָבן אים אַלע אבֿרים. אין קאָפּ האָט עס אים געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. ער האָט זיך אויפגעזעצט. ער האָט זיך דערמאַנט, אַז דאָ ערגעץ אין דעם געגנט דאַרף וווינען אַ טאָוואַרישש, אַן אוקראַאינער, וואָס האָט געאַרבעט אין

שטאָטישן שעכטהויז. ווערדער האָט זיך דערמאָנט אין זיין פּסעוודאָנים; מען האָט אים גערופן „גאָנטאַ“.

באַלד האָט ער אויסגעפונען „גאַנטאַס“ הייזל, וואָס איז געשטאַנען אויפן פעלד, קנאַפּ נעבן שטאָטישן וועג.

ער איז געגאַנגען איבערן פעלד, און איז הינטן־אַרום אָנגעקומען אויפן קליינעם הויף פון „גאַנטאַס“ הייזל. אַ הונט האָט זיך געריסן אויף דער קייט. ווערדער האָט אים דערלאַנגט אַ טריט מיטן פוס און ער איז זיך פאַרקראָכן אין זייןביידל, פון וואַנען ער האָט אַרויסגעוואָרטשעט.

„גאַנטאַס ווייב“ האָט ביי ווערדערן נישט געפרעגט קיין סך. בלויז, ווען זי האָט דערזען בלוט אויף זיין פּנים, האָט זי אים צוגעוואָרפן פון אונטער די פאַרמאַכטע ליפן: די „דזשאַנדעס“ האָבן אייך אַזוי צוגעריכט?

— ניין, איך בין געפאַלן איבער די שינעס, — האָט גע־ענטפערט ווערדער. — ווו איז „גאָנטאַ“?

— ער איז נאָך נישט צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. איר ווילט דאָ נעכטיקן?

— יאָ, אָבער פריער גיט זיך מיר אָפּצוואַשן דאָס בלוט פון פּנים.

זי האָט אים אַריינגעפירט אין דער „גרויסער איזבע“, אַנידערגעשטעלט אַן אָפּגעשלאָגענע שיסל פול מיט געלן וואַסער, אויף וועלכן ס׳זענען געשוואומען פעטע פלעקן פון אייזן.

ווערדער האָט זיך אָפּגעשוווענקט דאָס פּנים און האָט זיך אַזוי ווי ער איז געווען געלייגט אין בעט אַריין. איצט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט.

★ ★ ★

שפּעט אין אָוונט איז צוריק־געקומען „גאָנטאַ“. ער איז געווען עטוואָס שיכורלעך און ווען ער האָט דערזען ווערדערן

ויצן איז שטוב, איז ער געפאַלן איבער אים, האָט אים געקושט, געקוקט אין די אויגן אַריין און גערופן „געראָי". דאַן האָט ער זיך צוועקגעזעצט ביים טיש און האָט אָנגעהויבן זינגען, — „נט פּאָרא, נע פּאָרא, לאַכאָווי סלוזשיטי!" (נישט די צייט, נישט די צייט צו דינען דעם „ליאך"!)

ווערדער האָט אַם געפּרוווט באַרויקן. ער האָט אים גע־דראָט, אַז ער וועט דערציילן „קאראָלן", דאָס ער שיכורט און פירט זיך נישט אויף „קאָנספּיראַטיוו". „גאָנטאַ" האָט געקלאַפּט מיט דער פויסט אין טיש אַריין און ער האָט געשריגן, אַז ער וועט זיך פון קיינעם נישט לאָזן באַפעלן. דאָ איז אוקראַאינישע ערד און מען דאַרף אויסשעכטן אַלע „פּאַנעס" און אַלע „זשידעס". ער האָט זיך דערמאַנט, אַז אויך ווערדער איז אַ ייד און האָט אים גענומען מיט ליבשאַפט גלעטן איבערן פּנים מיט זיינע פעטע הענט, פון וועלכע ס'האָט זיך געפילט דאָס געריננע בלוט פין געשאָכטענע בהמות.

— פאַרגיב טאָוואַזשיש, „דאָן קישאָט"! פאַרגיב! ס'איז אַזאַ הינטישע נשמה ביי מיר! איך בין גאָר נישט ווערט צו זיין אַ „רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט"!

-- אָט דאָ אין האַרצן — האָט ער זיך געקלאַפּט מיט דער פויסט אין ברוסט — ליגט ביי מיר אַ „קאָנטר־רעוואָלו־ציאָנער", אַז ס'זאָל אַ רוח אין זיין הינטישער מוטער אַריין! ליגט ער דאָרט און רעדט מיך אָן צו זיין אַ „נאַציאָנאַליסט". אָבער איך וועל אים בייקומען, דעם געפּגרטן הונט דעם, און איך וועל פון מיר אַליין ארויסרייסן דאָס „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע" האַרץ! זאָג, טאָוואַזשיש, וואָס דאַרף איך טון? אונטערצינדן די פּאָליציי־קאָמאַנדע? אָט־אַזוי, ווי דו זעסט מיך, גיי איך אַהין און וועל זיי אָנשטעקן דעם „רויטן האָן", אַז זיי וועלן זיך אַלע אָפּ־פּרעגלען, ווי בהמישע לונג־און־לעבער!

אַזוי האָט ער געשריגן, „גאָנטאַ", און צום סוף האָט ער גענומען זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". ער האָט זיך אַריינגע־

שטופט אַ האַנטוך אין מויל אַריין און האָט געזונגען. די שטי־
מע, וואָס האָט נישט געקענט אַרויס פון מויל, האָט זיך גע־
לאָזט הערן, ווי אַ ברומען דורך דער נאָז. ער האָט געשפּאַנט
איבער דער שטוב מיטן פאַרשטאָפּטן מויל, ער האָט הויך אויפ־
געהויבן זיין רעכטע האַנט און זי געטראָגן פאַר זיך ווי אַ
פאָן...

ווען ער האָט זיך באַרויקט האָט אים ווערדער אַוועקגע־
שיקט ער זאָל „שאַפן קאָנטאַקט".

„גאָנטאַ" איז צוריקגעקומען אַרום האַלבער נאַכט און האָט
דערציילט נישט קיין פריילעכע בשורות. „קאַראָלן" האָט מען
אַרעסטירט אויפן וואָקזאַל. אין שטאָט ווערן אַדורכגעפירט אַרעסטן
און רעוויזיעס. ביי ווערדערן אין דער היים איז ווידער געווען
אַ רעוויזיע. און צום סוף האָט „גאָנטאַ" אַרויסגענומען פון
טאַש אַ קליין צעטעלע און עס איבערגעגעבן ווערדערן.

ער האָט עס אַדורגעלייענט און געזאָגט צו „גאָנטאָן":

— היינטיקע נאַכט בלייב איך ביי דיר. מאָרגן פאָר איך
אַוועק.

אַלס „קאָנספּיראַטיווער" מענטש האָט אים „גאָנטאַ" נישט
געפרעגט וואוהין.

★ ★ ★

לויטן באַהאַלטענעם באַפעל האָט ווערדער געזאָלט אַרויס־
פאָרן אין אַ ריי שטעט פון גאַליציען אָנקניפּן נייע באַ־
ציונגען צווישן די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס און דעם צענטראַלן
קאָמיטעט. אויך איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס „הויפּט-טעכניקער"
און זיין חוב איז עס געווען צו פאַרשפּרייטן און צו פאַרטיילן
רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור איבער די באַזונדערע „פּונקטן".

דעם אַנדערן טאָג האָט ער אָפּגענומען אויפן אָנגעוויזע־

עם אָרט אַ פּאַספּאָרט אויף אַ פרעמדן נאָמען; אַ פּוילישן ראַנצן „ליטעראַטור” און ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אריין.

ער איז שוין דאָסמאָל געווען פּאָרזיכטיקער. דעם ראַנצן האָט ער געלאָזט אויפגעבן דורך אַ יונגען סטודענט אַלס „באַגאַזש”, נישט פון דער הויפּט=סטאַציע, נאָר פון אַ קליינער פּאָר=סטאַציע הינטער דער שטאָט.

ער אַליין איז אָפּגעפאָרן פון אַ צווייטן, קליינעם הינטער=שטאָטישן וואָקזאַל.

אַ נישט געשטערטער פון קיינעם איז ער אָנגעקומען אויפן אָרט.

XVI

בײַ דער גרענעץ

אײנמאָל האָט ער באַקומען אַ בריוו פֿון „טאָוואַזשישקע װלאַדיסלאַװאַ". דאָס איז געװען דער ערשטער ענטפֿער אויף אומצײליקע בריװ, װעלכע ער האָט געשריבן. ער האָט פֿון איר געקריגן בלויז עטלעכע שורות, אָבער זײַן האַרץ האָט אים אויפֿגעציטערט פֿאַר פֿרייד. װלאַדיסלאַװאַ האָט אים אָנגעפֿרעגט צי ער װעט װעלן אַזוי גוט זײַן און זי מאָרגן אָװנטס אָפּװאַרטן בײַם צוג. „איך װעל זיך זײער פֿרײען אײַך צו באַגעגענען" — האָט זי געענדיקט איר בריװ.

ער האָט זיך דאַן געפֿונען אין אַ קלײן דערפֿל, אויף דער גרענעץ צװישן פּױלן און סאָװיעט־רוסלאַנד. ער האָט דאָרט געװױנט שוין עטלעכע װאָכן, פֿון דאָרט אויס האָט ער אָנגעפֿירט מיט אַ ברײט־פֿאַרשפּרײטער, קאָנספּיראַטיװער אַרבעט. די אײַנװױנערשאַפֿט — לויטער אוקראַאינישע פּויערן — האָט שטענדיק מיט אײן אויג אַריבערגעקוקט איבער די װײַס־רויטע סלופּעס צו דער אַנדערער זײַט. כּמעט אַ יעדע נאַכט האָבן געקנאַלט שאָסן. דאָס האָבן זיך אַזױ די בײדערזײַטיקע גרענעץ־װאַכן איבערגעשיקט „גרוסן".

אײנמאָל האָט זיך װעדער אויפֿגעכאַפּט פֿון מיטן שלאָף. עס איז שוין געװען קנאַפּ פֿאַר באַגינען, אָבער דער רויטער שײַן, װאָס האָט געגלאַנצט דורכן קלײנעם פֿענסטער פֿון זײַן שטוב —

דאָס איז נישט געווען די רויטקייט פון דער אויפגייענדיקער זון.

דאָס גאַנצע דאָרף פויערן האָט זיך געלאָזט לויפן צו דער גרענעץ.

פוילישע סאָלדאַטן מיט באַגנעטן אויף די ביקסן האָבן געשאָפן אַ לעבעדיקע קייט, וואָס האָט פאַרמאַכט דעם וועג. עס האָט געברענט אַ פוילישער גרענעץ-מאַגאַזין. געראַטעוועט האָט מען נישט, מען האָט אַרומגעשטעלט דעם הילצערנעם געביי און געלאָזט זי צעפאַלן זיך אין די פלאַמען. אויסן פייער זענען געפלויגן אין דער לופט ברענענדיקע גראַנאַטן, שראַפּנעלן. די שאָסן האָבן אָנגעפולט די נאַכט.

עס האָט זיך אָנגעהערט ווי אַ קאַמף און ווערדער האָט זיך דערמאָנט אין די קאַמף-נעכט, וועלכע ער האָט פאַרבראַכט אויפן פראָנט בעת מלחמה.

עס איז שוין געווען העלער טאָג, ווען דאָס פייער האָט זיך גענומען אָפּלעשן פון זיך אַליין. די שאָסן זענען געוואָרן זעלטענער, האָבן זיך איינגעשטילט.

ווערדער האָט געזען די גראָע און געל-גרינע, נישט אויסגעשלאָפענע פנימער פון די פויערן, וואָס האָבן זיך כסדר געשטופּט צום אויסלעשנדיקן פייער. די גרענעץ-וואַך האָט אָנגעהויבן צעטרייבן דעם פויערישן המון מיט די איבערגעקערטע קאָלבעס פון די ביקסן. דאַן זענען ערשט די פויערן אָפּגעטרעטן. לאַנגזאַם, אין הייפעלעך צו עטלעכע, האָבן זיי זיך געלאָזט צוריק גיין איבערן בלאָטיקן דאָרף-וועג.

זיי זענען געווען שטאַרק אַנטוישט. ווערדער, וועלכער האָט אונטערגעהערט זייערע שמועסן, האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן געמיינט, „עס האָט זיך אָנגעהויבן" — וואָס אַזעלכס עס האָט זיך „אָנגעהויבן" האָבן זיי נישט געזאָגט.

ווערדער האָט אַ טאָג שפּעטער ראַפּאָרטירט קיין לעמבערג וועגן דער שרפה. צום סוף פון זיין באַריכט האָט ער צוגעגעבן: די שטימונג איז אויסגעצייכנט. די פויערן האָבן גע-

מיינט, אַז מען וועט קענען באַלד אָנהויבן אַ „באַוואָפנטע אַרויסטרעטונג".

דעם ראַפּאָרט האָט ווערדער אַוועקגעשיקט באַלד אין דער פרי. דעם בריוו האָט ער אַליין אויפגעגעבן אין אָפּפאָרנדיקן באַן=צוג. צו מיטאָג האָט אים באַזוכט דער קאָמענדאַנט פון דער אָרטיקער פּאָליציי. ער האָט אים פריינטלעך געבעטן אַנטשול= דיקונג, „וואָס ער ערלויבט זיך אים באַלעסטיקן, אָבער באַפעל איז באַפעל פאַניע קאַסנער" (דאָס איז איצט געווען ווערדערס נאָמען לויטן פּאַספּאָרט) און איך דאַרף אָפּשיקן אַ גענויע רשימה פון אַלע נישט=שטענדיקע איינוווינער פון דאָרף. איר פאַרשטייט דאָך -- האָט זיך געקווענקלט דער קאָמענדאַנט — די שרפה היינטיקע נאַכט —

— ווערדער האָט אים איבערגעהאַקט:

— דאַכט זיך, אַז איך האָב אייך שוין געוויזן מיינע פּאַפּירן ביים אָנקומען אין דאָרף. איך האָב אייך שוין דעמאָלט געזאָגט מיט וואָס איך פאַרנעם זיך. דאָ איז מיין לעגיטימאַציע אַלס מיטגליד פון דער „געאָלאָגישער געזעלשאַפט" אין וואַרשע. איך פיר דאָ אַדורך געאָלאָגישע סטודיעס. איך פאַרשטיי נישט צוליב וואָס איר פרעגט מיך וועגן דעם נאָכאַמאָל! איך וועל זיין געצוווּנגען צו מעלדן וועגן דעם קיין וואַרשע, אַז מען באַ= לעסטיקט מיך דאָ און מען לאָזט מיך נישט רויק פירן מיין אַרבעט!

דער קאָמענדאַנט איז רויט געוואָרן. ער האָט אין גרויס פאַרלעגנהייט געדרייט די וואָנסן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ:

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, פאַניע קאַסנער, צו= ליב וואָס איך בין געקומען. איך ווייס דאָך ווער און וואָס איר זענט — — —

ווערדער איז אויפגעשפּרונגען:

— וואָס ווייסט איר?

— אָבער, — האָט דער קאָמענדאַנט ווייטער געצויגן זיינע

ווערטער — מיר איז ארויס פון קאָפּ דאָס וואָרט, די, ווי רופט מען עס? די „גע — אָ — לאָ — גיע", שרייבט עס מיר, זייט מוחל, אויף. ביז איך וועל קומען צום „פּאָסטערונעק" (פּאָליציי־סטאַציע), וועל איך עס ווידער פאַרגעסן. ס'איז עפּעס זייער אַ שווער וואָרט. שרייבט עס מיר אויף, זייט אַזוי גוט...

דעמזעלבן טאָג האָט דער קאָמענדאַנט באַגלייט צו דער סטאַציע אַ הונדערט פּערשוינען געקייטלט צו צווייט, אַ רעכטע האַנט מיט אַ לינקער.

אַלטע פּויערן און פּויערטעס, דאָרף־יונגען, עטלעכע קינדער.

ווען ער האָט דערזען ווערדערן אויף דער סטאַציע, איז ער צוגעגאַנגען צו אים, געגעבן די האַנט און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— אָט, ווי איר זעט זיי דאָ, פּאַניע קאַסנער, דאָס זענען לויטער באָלשעוויקעס. איך שטעל זיי איצט צו „צום פּאָוויאַט" אין געריכט אַריין. ס'איז פאַר דער נעכטיקער שרפה.

די אַרעסטירטע זענען פּאָר־ווייז אַריין אין צוג. דער קאָמענדאַנט איז אַריינגעשפּרונגען דער לעצטער.

— דאָווידזעניאַ אָבּיוואַטעלו! — האָט ער צו ווערדערן אַראָפּגעוווּנקען דורכן אָפענעם פענסטער.

★ ★ ★

ווּלאַדיסלאַוואַ איז אָנגעקומען אָוונט־צייט.

— איך בלייב דאָ בלויז היינטיקע נאַכט, מאָרגן פרי פאָר איך אַוועק — אַזוי האָט זי זיך באַגריסט מיט ווערדערן.

זיי זענען געגאַנגען אויפן וועג פון דער סטאַציע אין דאָרף אַריין, צום הייזל, וווּ ס'האָט געוווינט ווערדער ביי אַן אוקראַאינישער פּויערן־פאַמיליע.

— אייער באַגאַזש — האָט זיך דערמאַנט ווערדער אין־

מיטן וועג. ביידע זענען שטיין געבליבן.

װלאַדיסלאַװאַ האָט זיך צעלאַכט.

— נישטאָ היינט ביי מיר קיין באַגאַזש. איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט אַזוי, זען וואָס איר טוט. ווי אַזוי ס׳אַרבעט זיך.

װערדער האָט אַ רגע לאַנג נישט געוווסט וואָס צו ענט=פערן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען.

זי האָט אים אָנגענומען אונטערן אָרעם:

— קומט, שטייט נישט! וואָס זענט איר שטיין געבליבן?

זיי האָבן געשוויגן.

עס האָט געטריפט אַ האַרבסטיקער רעגן. דער ווינט האָט געשליידערט שנירלעך וואַסער גיילך אין פנים אַריין. װלאַדיס=לאַװאַ האָט פאַרמאַכט איר גומענעם מאַנטל ביז צום האַלז.

דאַן האָט זי זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט. עס איז געווען פינסטער, װערדער האָט נישט געזען איר פנים, ער האָט בלויז געפילט דעם ריח פון דורכגענעצטן גומי, וועלכער האָט זיך געטראָגן פון איר. דער רעגן איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער.

— וואָס איז? — האָט ער זי געפרעגט.

װלאַדיסלאַװאַ האָט געלאַכט אין דער פינסטער:

— ווייסט איר, אַז איך בין געקומען בלויז צוליב אייך? איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך אייך.

— טאָ פאַרוואָס האָט איר נישט געענטפערט אויף מיינע בריוו?

— איך האָב נישט געוואָלט. איבעריקנס איך האָב נישט געהאַט קיין צייט.

— קומט! — װערדער האָט זי אָנגענומען פאַרן אָרעם.

זי האָט פאַמעלעך אַרויסגעצויגן די האַנט:

— איר ווינט נאָך ווייט?

— ניין, דאָ באַלד. מיר האָבן נאָך אַריבערצוגיין דאָס בערגל. דאָרט וווין איך.

אויפן שפיץ בערגל איז זי שטיין געבליבן:

— וואָס איז דאָס? — האָט זי געפרעגט.

— דאָס איז די גרענעץ. דער ווייטער לאַמטערן איז די פּוילישע זייט. דער אַנדערער דאָרט, עטוואָס ווייטער, די רוסישע.

— איר האָט געקריגן אַ פיינעם „פּונקט". איך בין אייך מקנא.

ווערדער האָט אָנגעהויבן ציטערן:

— עס איז קאַלט. קומט ווּלאַדיסלאַווּאַ, — האָט ער זי גערבעטן, — עס ווערט שפּעט און איר וועט זיין מיד מאָרגן פרי, איר דאַרפט דאָך צוריקפאָרן.

* * *

— דאָ מיט אייך וועל איך בלייבן — האָט געזאָגט ווּלאַדיסלאַווּאַ.

ווערדער האָט זיך אָנגעבויגן איבער דער ליגנדיקער און האָט זי געמונטערט.

— עס איז שוין פאַר זעקס, ווּלאַדיסלאַווּאַ. אין אַ קנאַפער האַלבער שעה גייט אָפּ דער צוג.

דאָס מיידל האָט זיך אַוועקגעדרייט פון אים. אין דעם גראָ־ליכט פון באַגינען האָט ער געזען אירע ווייסע, נאַקעטע אַקסלען. זי האָט זיך געפּיעשטשעט ווי אַ קינד:

— פאַרוואָס טרייבסטו מיך, יולעק? עס איז קאַלט אין דרויסן און דאָ מיט דיר איז מיר גוט. לאָמיך בלייבן נעבן דיר. דו ווילסט נישט?

זי האָט פאַרוואָרפן אירע קילע אָרעמס איבער זיין האַלז.

— און די אַרבעט, ווּלאַדזיאַ? דיין אָרט איז דאָך נישט דאָ!

זי האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט.

— די אַרבעט, די אַרבעט! וואָס קומסטו מיר איצט דערציילן וועגן אַרבעט?

זי האָט אַראָפּגעלאָזן די פיס פון בעט, צוזאַמענגענומען די האָר, וואָס האָבן זיך איר צעלאָזט איבערן ריקן. פּלוצלינג האָט זי זיך איבערגעדרייט צום ליגנדיקן ווערדער:

— זאָג נאָר דו! און ווען איך וועל דיר זאָגן, אַז איך קען דאָ בלייבן, טאַקע צוליב דער אַרבעט, וועסטו זיין צופרידן?

זי האָט זיך צוריקגעלייגט אין בעט, צוגעטוליעט זיך צו אים און געפליסטערט:

— נאַרעלע, דו גרויסער נאַרעלע מיינער! איך בין אַ סך קלוגער פאַר דיר. מען האָט דיר געוואָלט אַרויסשיקן עמעצן צו הילף. עס האָט געזאָלט פאָרן איינע אַ יידישע חברטע, אָבער איך האָב אויסגעפועלט, אַז מען זאָל מיך באַשטימען. און אָט בין איך געקומען. נו זאָג אַליין, בין איך נישט קלוגער פאַר דיר?

ווען זיי זענען אויפגעשטאַנען איז שוין געווען גרויסער טאָג.

* * *

ער האָט געהאַט אין איר אַ פלינקע העלפערקע און די אַרבעט איז איצט צוגעגאַנגען דאָפּלט אַזוי שנעל. ער האָט פשוט נישט געקענט צושטעלן איר אַזויפיל „ליטעראַטור”, וויפיל זי האָט באַוויזן צו פאַרטיילן. יעדן טאָג אין דער פרי איז זי אַרויס פון צימער, אַ פּאַק בראָשורן און האַנטצעטלען אונטערן גומענעם מאַנטל. אין אַ שעה, צוויי איז זי שוין געווען צוריק.

ער האָט זיך נישט איינמאָל געוווּנדערט:

— שוין צוריק? שוין פונאַנדערגעטיילט?

— יאָ, ווי דו זעסט, עס גייט ביי מיר שנעל. די פויערן קענען מיך שוין און וואַרטן אָפּ מיין קומען. זאָג אַליין, יולעק, איז דאָס נישט אַ סימפּאַטיש פאָלק, די אוקראַאינער? לויטער

קליינע פויערן, העכסטנס א מאַרג, אנדערטהאַלבן זייער אייגנס. א פראַכטפולער מאַטעריאַל פאַר אַן איבערקערעניש. עס איז דאָ א סך לייכטער צו ארבעטן, ווי צווישן אונזערע „כלאָפּעס" (פויערן), די מאַזורן למשל. לויטער פריצים ביי זיי, דער אָרעמסטער האָט זיין אייגנס א דריי פיר מאַרג פעלד. איך פיל, אַז איך קען זיין צופרידן מיט מיין אויפטו. וואָס זאָגסטו, יולעק, נישט אזוי?

איינמאָל ווען זי איז צוריקגעקומען א לאַכנדיקע, מיט גערויטלטע בעקלעך פון ווינט, וועלכער האָט שוין געבלאָזן מיט א קעלט, האָט ער זי געבעטן, אַז זי זאָל נישט אריין אין צווייטן צימער.

זי איז שטיין געבליבן און האָט אים אָנגעקוקט א פאַרוואונדערטע;

— וואָס איז, דו האָסט פאַר מיר סודות? פאַרוואָס ווילסטו נישט, אַז איך זאָל אריינגיין?

ער האָט זיך צעלאַכט:

— זע נאָר, זע נאָר, ווי ביי דיר האָבן זיך שוין באַלד אָנגעצינדן די אויגן! איך האָב זיך כמעט דערשראָקן פאַר דיר! איך האָב דיך נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ בייזע!

זי האָט אים פאַרוואָרפן די אָרעמס אַרום נאַקן, געקושט אים מיט אירע קאַלטע ליפּן, אין וועלכע ס'איז געלעגן די פרישע האַרבסטיקייט פון האַרבסט-טאָג:

— זאָג מיר, ווער איז דאָרט? וואָס איז דאָרט?

ער האָט זיך נאָך געדרייצט מיט איר.

— דורכאויס דאַרפסטו עס וויסן?

און ער האָט איר דערציילט;

— א חבר איז געקומען.

— ווער? פון וואַנען?

— פון וואַנען ווייס איך נישט; ער איז געקומען מיט א

פור פון אַ דערבייאיקן דאָרף. ער פאָרט אַרום אויף אַ מין „אינ-
ספּעקציע.
— ווי אַזוי הייסט ער?
— זיין פּסעוודאָנים קען איך. מען רופט אים „בילי".
— „בילי"? דאָס איז דאָך אַ צ. ק.-מיטגליד פון די או-
קראַאינישע חברים! איך האָב שוין פיל מאָל געהערט וועגן אים.
זי האָט זיך געבייזערט, געמאַכט חנדלעך:
— טאָ פאַרוואָס האָסטו מיר באַלד נישט געזאָגט? איך
האָב דאָך -געמיינט, אַז ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ סודות דו באַ-
האַלטסט פאַר מיר!
גראָד איז אַריינגעקומען „בילי" און וולאַדיסלאַווא איז
אַנטשוויגן געוואָרן.
ווערדער האָט זיך פאַרוואונדערט:
— נו, וואָס גייסטו נישט צו וולאַדזיאַ? דו קענסט דאָך
„בילין"?
וולאַדיסלאַווא האָט זיך איסגעדרייט און איז אַרויסגעגאַנגען,
צוקלאַפּנדיק הינטער זיך די טיר.
ווערדער און „בילי" האָבן געשוויגן.
— ווער איז דאָס ביי אייך דאָס מיידל? — האָט גע-
פרעגט „בילי".
ווערדער האָט אים אָנגעקוקט אַ פאַרוואונדערטער:
— איר קענט זי נישט? דאָס איז דאָך אַ חברטע!
וולאַדזיאַ!
— מעגלעך! איך קען זיך נישט דערמאָנען. און וואָס
טוט זי דאָ ביי אייך?
ווערדער האָט געענטפערט צעגערנדיק:
— זי אַרבעט מיט מיר צוזאַמען.
— „בילי" האָט זיך פאַרטראַכט:
— אַ פּוילישע חברטע צי אַן אוקראַאינישע?
— אַ פּוילישע.

— קען זי אוקראאיניש?

— אביסל. זי רעדט צו מערסט פויליש.

— איך וועל אָנאָרדנען מען זאָל אייך צושיקן אַן אוקראאינישע חברטע. ווילט איר?

— נו, ווי איר האַלט... זי אַרבעט אָבער גאַנץ טיכטיק.

— וואָס טוט זי? רעדט זי אַמאָל עפּעס, האַלט זי רעפּעראַטן?

— ניין, איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז זי באַהערשט נישט קיין אוקראאיניש.

— טאָ וואָס דאַרף מען זי דאָ?

„בילי" איז אויפגעשטאַנען, ער האָט געשפּאַנט איבער דער שטוב:

— איר האַלט אייך דאָ אַ געליבטע, צי וואָס, צו אַלדע רוחות!

ווערדער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, ווי ער איז געזעסן:

— וואָס זענען דאָס פאַרא רייד? פאַרוואָס באַליידיקט איר אַ חברטע?

„בילי" האָט זיך אַנידערגעשטעלט פאַר אים. כמעט געשריגן אים אין פּנים אַריין:

— ווייל זי איז דאָ אַרויסגעפאָרן, ביי קיינעם נישט געפרעגט!

— ס'איז נישט אמת! זי אַליין האָט זיך באַמיט מען זאָל זי דאָ אַרויסשיקן!

— ס'קען זיין, אָבער קיין ערלויבניש אויף אַרויסצופאָרן האָט איר קיינער נישט געגעבן. איך בין אינפאָרמירט, אַז דאָ דאַרף זיין ביי אייך אַן אוקראאינישע חברטע, און צום סוף טרעף איך גאָר אַ פּוילישע, וואָס באַהערשט אַפילו נישט די שפּראַך! איך וועל איינאָרדנען מען זאָל זי אומבאַדינגט אַוועקנעמען פון דאַנען.

ווערדער האָט זיך באַרויקט.

— נו, ווי איר פאַרשטייט.

דעם גאַנצן טאָג, וואָס „בילי" איז געווען צוגאַסט, האָט זיך וולאַדיסלאַווא נישט געוויזן.

ביידע חברים זענען געזעסן אין שטוב. ווערדער האָט איבערגעגעבן „בילין" אַ באַריכט וועגן זיין אַרבעט. יענער איז געזעסן, האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, געגעבן אינסטרוקציעס.

אָוונטס, ווען ער איז אַוועק צום צוג, האָט ער געזאָגט ביים געזעגענען:

— חברטע וולאַדיסלאַווא זאָל זיך צושטעלן צום צענטראַל־קאָמיטעט. מאָרגן פרי זאָל זי אַרויספאָרן. עס מוז זיין דיסציפּלין! אַניעט טויג די גאַנצע געשיכטע צום טייוול!

און ער האָט זיך אין דער פינסטער געלאָזט גיין צו דער באַן־סטאַציע. ווערדער האָט אים געוואָלט באַגלייטן, אָבער „בילי" האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון.

— איך וועל שוין טרעפן אַליין. איך וויל זיך אַביסל דורכגיין אין דאָרף.

☆ ☆ ☆

יענע נאַכט איז ווערדער געשלאָפן זייער שלעכט.

ער האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט, געטאַפּט נעבן זיך דאָס געלעגער, אָבער וולאַדיסלאַווא איז נישט געווען נעבן אים.

ער האָט אָנגעצונדן אַ ליכט. גראָד איז זי אַריינגעקומען.

— וואָס האָסטו געמאַכט ליכט? — האָט זי געפרעגט

— וואָס איז געשען?

— גאָרנישט. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און נישט געוווּסט וווּ דו ביזט.

— לעש אָפּ דאָס ליכט! — האָט זי באַפוילן. — וואָס

מאַכסטו ליכט ביינאַכט? מען װעט דערזען פון דערװייטנס, װעט מען װערן אויפמערקזאַם אויף אונז.

— װאָס ביסטו אַזוי קאַלט? — האָט ער זי געפרעגט אַ פאַרװוּנדערטער.

— ביסט געשטאַנען אין דרויסן?

זי האָט אים באַרויקט:

— שלאָף, שלאָף, דו ביזט מיד. דאַרפסט זיך אויסשלאָפן.

זי האָט אים אַרומגענומען, צוגעדריקט זיין קאָפּ צו אירע קילע שמעקנדיקע ברוסטן.

ער איז אַנדרימלט געװאָרן.

מיטאַמאָל האָט ער אָנגעהויבן פילן, גלייך ער זאָל פאַלן פון אַ גרויסער הויך, מיט אַ ריזיקער שנעלקייט, אַלץ טיפער און טיפער. ער האָט זיך געפּרוּװט אָפּשטעלן, זיך אָנהאַלטן, ער האָט נישט געפונען קיין אָנלען. פונקט אַזוי שנעל װי ער האָט אָנגעהויבן פאַלן, האָט ער זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט מיט אַ קלאַפּ.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי, געװאָלט אויפהויבן דעם קאָפּ. ער האָט נישט געקענט. װלאַדיסלאַװאַ האָט אים צוגעפרעסט צו זיך. אים האָט אויסגעפעלט אָטעם און ער האָט זיך פון אירע אָרעמס אויסגעריסן מיט כּוח:

— װאָס איז? װאָס האַלטסטו מיך צו? דו לאָזט מיך דאָך נישט כאַפּן דעם אָטעם!

זי האָט זיך אויפגעזעצט:

— װייל דו שרייסט דורכן שלאָף.

— און פאַרװאָס שלאָפסטו נישט?

— לייג זיך אַנידער, איך װעל שוין שלאָפן...

ער איז געװאָרן אומגעדולדיק און האָט אָנגעצונדן אַ ליכט.

זי האָט עס אויסגעבלאָזן:

— איך װיל נישט ס׳זאָל ברענען אַ ליכט.

— וואָס איז דיר היינט? דו ביזט עפּעס אַזוי מאָדנע..

ער האָט דערהערט, ווי זי וויינט אין טונקל. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט צופוסנס פון בעט, זיך איינגעדרייט אין אַ קנויל און געשלוכצט.

ער האָט זי געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר וולאַדזיאַ? וואָס וויינסטו?

— גאָרנישט. איך ווייס נישט.. לאָז מיך איצט אָפּ.. איך קען דיר נישט ענטפערן...

זי האָט אָפּגעהאַקט.

עס איז געוואָרן שטיל און אין דער שטילקייט האָט זיך פאַרדערן אויסגעוויזן, אַז ער הערט שיסן אין דער נאַכט.

— וולאַדזיאַ, דו הערסט? דאַכט זיך מען שיסט!

זי איז אויפגעשטאַנען, איז צוגעלאָפן צום פענסטער. דאַן האָט זי זיך צוריקגעלייגט אין בעט:

— עס איז גאָרנישט, יולעק. אַ געווײנטלעכע שיסעריי. עמעצן האָט אודאי געפּרוווט איבערגיין די גרענעץ.

ווערדער האָט אַליין נישט געוווּסט, פאַרוואָס אים איז פּלוצלינג געקומען אין זינען אַריין „בילי".

ער האָט אָנגעהויבן:

— וולאַדזיאַ, זאָג, איאַ, „בילי" איז אַוועקגעפאָרן מיט אָוונט־צוג?

זי האָט זיך אָנגעבייזערט:

— וואָס גייט מיך אָן דיין „בילי"? אַ גראָבער יונג ער האָט זיך אפילו נישט אָפּגעזעגנט מיט מיר!

ער האָט זיך פאַרווונדערט;

— אָבער וואָס רעדסטו? דו האָסט דיך דאָך אַ גאַנצן טאָג נישט געוויזן? וווּ ביזטו געוועזן, וולאַדזיאַ? פאַרוואָס האָס־טו מיר נישט געוואָלט זאָגן, ווען איך האָב דיך פריער וועגן דעם געפרעגט?

— אַך, דו ביזט לאַנגווייליק! אַן אמתער „דאָן קישאָט" יו..

שלאָף שוין, שלאָף. פרעג ווייניקער!
זי האָט אים ארומגענומען.
אין אירע אָרעמס איז ער איינגעשלאָפן.

★ ★ ★

דער וואַנט־זייגער האָט אויסגעקלאַפּט „זעקס״. ווען ער האָט זיך מיטאמאָל אויפגעזעצט אין בעט.

אינם גרויען טונקל פון הארבסטיקן פרימאָרגן, האָט ער געזען זיצן נעבן זיך וולאַדזיאַן, אָן אָנגעטועניע. זי האָט אים בע־האַלטן ביים אָרעם, געטרייסלט מיט אים און אַזוי ארום פאַר־טריבן פון אים דעם שלאָף:

— טוט אייך אָן, שנעלער! שנעלער, שטייט אויף!

ווערדער האָט זיך געריבן די אויגן. ער האָט נישט פאַר־שטאַנען.

— וואָס מיטאמאָל רעדסטו צו מיר אויף „איר״?

זי האָט אים אומגעדולדיק געיאָגט;

— פרעגט איצט נישט קיין שאלות! פרעגט גאָר נישט! טוט אייך אָן און גייט אַוועק פון דאַנען!

— ווו־אַהין? איך פארשטיי דאָך גאָרנישט!

זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן זיצנדיקן;

— ווייל איר קענט דאָ לענגער נישט זיין! איר מוזט שוין אוועקפאָרן! שוין! איר מוזט פארשווינדן פון דאַנען!

ער האָט זי מער נישט געפרעגט. אַ שווייגנדיקער האָט ער אויף גיך זיך אָנגעטון, פאַרקנעפּלט דעם מאַנטל.

— און די פּאַפּירן? — האָט ער געפרעגט, שוין שטיי־ענדיק ביי דער טיר.

— האָב נישט קיין מורא. איך האָב אַלץ פארברענט. נאָך בעת דו ביזט געשלאָפן. גיי שוין אַוועק! פארשווינד פון דאַנען!

זי איז צוגעלאָפן צו דער טיר און האָט זי ברייט גע־

עפנט. דער ווינט האָט אריינגעטראָגן אַ סנאָפּ רעגן און באַ־
נעצט ווערדערן דאָס פּנים.

ער איז אַריבער די שוועל. דער ווינט האָט געריסן זיין
הוט און ער האָט אים קוים באַוויזן צו צוהאַלטן מיט די
הענט.

ווערדער איז אַריין צוריק אין צימער. די ווארעמקייט האָט
אים אָנגענעם אַרומגענומען, נאָך דער פייכטער קעלט פונם
דרויסן.

ער איז צוגעגאַנגען צו וולאַדיסלאַוואַן, וועלכע איז געשטאַ־
נען מיט ברייט געעפנטע אויגן, צוגעדריקט צו דער וואַנט.

— גיי אַוועק, ווייל איך וועל אָנהייבן שרייען! — האָט
זיך עפליכטערט אין טויט־שרעק.

— איך טו דיר דאָך גאָרנישט! האָב נישט קיין מורא —
האָט ער געריעדט צווישן די ציין.

ער האָט געמאַכט אַ שריט נענטער און איז איר מיט דער
פאַרמאַכטער פויסט אריינגעפאָרן צווישן די אויגן. זי האָט גע־
וואָלט שרייען, אָבער ער האָט איר מיט דער האַנט צוגעהאַלטן
דאָס מויל.

— האָב נישט קיין מורא! איך וועל דיר גאָרנישט טון!
זי האָט זיך געריסן אין זיינע הענט.

— נאָר איינס וויל איך וויסן, דאַן גיי איך אַוועק, זאָג:
— „בילי" האָט מען נישט געכאַפּט?

מיט אירע ציין האָט זי געביסן זיין האַנט, וואָס האָט איר
פאַרשטעלט דאָס מויל.

— נו ענטפער! „בילי" האָט מען געכאַפּט?
זי האָט מיטן קאָפּ געדרייט אויף „ניין".

ער האָט זי אָפּגעלאָזט און איז לאַנגזאַם, שריט ביי שריט
ארויס פון צימער.

מיט די הענט, פאַרלייגטע אויפן רוקן, האָט ער זיך גע־
לאָזט גיין צו דער באַן־סטאַציע.

XVII

אין ראָד

אים איז שוין איבערדריסיק געווען צו זען כסדר דעמזעלבן פייסאַזש־אויסגעווייקטע פלאַכן, איבער וועלכע ס'איז געהאַנגען ווי אַ מאַט־גלעזערנער פוירהאַנג דער דינער, צודרינגלעכער האַרבסטיקער רעגן. פון צייט צו צייט אַ דאָרף מיט איינגעפאַלענע כאַלופּקעס; שטרויענע דעכער, ווו די שטרוי איז שוין שוואַרץ פון אַלטקייט און איבערן פאַרוסטן קוימען אַ פאָן פון געלן, פלאָנטערנדיקן רויך, וואָס האָט זיך געפּרוווט אַדורכשלאָגן אַ וועג אַרויף.

ווערדער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער פון פאָרנדיקן באַן־צוג און אים האָט וואָס אַמאָל מער אַרומגענומען די אַפּאַטיע, וועלכע האָט זיך געטראָגן פון דער לאַנדשאַפט: פויערן זענען געשטאַנען ביים סאַמע באַן־אויפשיט, מיט פּנימער שוואַרץ ווי די ערד און מיט טיפע גריבער פון וועלכע מען האָט קוים אַרויסגעזען די איינגעפאַלענע אויגן. די מערסטע פון זיי זענען געווען באָרוועס און דער רעגן איז גערינען איבער די גראָ־לייוונטענע הויזן, אַראָפּ איבער די שוואַרצע, אויסגעדאַרטע פיס. פויערישע קינדער מיט אויסגעדרייטע פיסלעך, ווי עפּעס משונהדיק געפאָרעמטע בייגל, מיט הענטלעך דאַרע ווי ביי שפּינען, און מיט אָנגעשוואָלענע בייכלעך, וואָס האָבן אויסגעשפּאַנט די ברודיקע העמדלעך; זיי האָבן נאָכגעקוקט דעם צוג מיט

גרויסע אַרויסגעזעצטע בלויע אויגן אין די געלע פּנימער און מיט צו גרויסע קעפּ, וואָס האָבן געציטערט אויף צו דינע העלזעלעך.

פֿויערטעס זענען געשטאַנען אַנטלאַנג דעם צוג, געבאַברעט זיך אין דער שוואַרצער, דורכגעווייקטער, קלעפּיקער ערד, איינגעבויגענע אין דרייען און האָבן נישט אויסגעגלייכט די ריקנס, כאָטש דער צוג איז פֿאַרבייגעפֿאָרן אַ האַלבן שריט נעבן זיי. עפּעס האָבן זיי געזוכט אין דער ערד, מיט די שוואַרצע, שטייפֿע, קניפּיקע פֿינגער, אפשר אַ קאַרטאָפֿל, וואָס איז צופֿעליק געבליבן דאָרט ליגן אַ פֿאַרגעסענע. זיי האָבן זיך ווערדערן אויסגעוויזן ווי די הינער, וואָס פֿאָרקען זיך אין זאַמד, כּדי פֿון דאָרט אויסצופּיקן אַ קאָרן.

לאַנגזאם האָט זיך געשלעפּט דער צוג די פֿאַרעגנטע דערפֿער אַנטלאַנג.

קוים, קוים, וואָס עפּעס אַ שטעטל האָט אַריינגעבראַכט לעבעדיקייט אין דער גרענעצלאָזער איינטאָניקייט פֿון פּייסאַזש. אויף די קליינשטעטלדיקע באַנהויפֿן האָבן יידן און יידענעס אָנגעפֿולט די לופֿט מיט געשרייען און מיט אַ לעבעדיקן טומל, עפּעס האָט עס אויסגעזען, ווי זיי האָבן זיך ווו צו איילן, גלייך האַלטן זיי אַלע ערגעץ אין פֿאָרן, ווי ווען זיי וואָלטן אויפֿן באַנהויף געהאַט צו דערפֿולן עפּעס גאָר וויכטיקע געשעפֿטן. אָבער ווערדער האָט באַלד באַמערקט, אַז עס גייען פֿאַרביי סטאַציעס, ווו פֿון די אַלע יידישע באַנהויף=געסט גייט נישט, ווי איינער אַריין אין באַן. זיי זענען אַלע געשטאַנען אָפּגעטיילט פֿון באַנצוג דורך אַ הילצערנעם צווישנשייד און האָבן נאָכגעקוקט די אַוועקפֿאָרנדיקע וואַגאָנען נאָך לאַנג, ווען דער צוג איז שוין געווען ווייט פֿון באַן-הויף.

אויף איינער פֿון די קליינשטעטלדיקע סטאַציעס האָט זיך ווערדערן אויסגעוויזן, אַז ער זעט אַ באַקאַנט פּנים. ער האָט אַראָפּגערופֿן אַ נאָמען און ווען ער האָט געזען, אַז ער האָט

קיין טעות נישט געהאַט, איז ער אויף גיך אַראָפּגעשפּרונגען פון צוג.

„מעכל לאַפּאַצאַן" דער „געשעפט־פירער" פון דער טרופּע יאַקאָב פּאָגעל איז געשטאַנען איינגעפּרעסט צווישן אַ הויפן יידן, יידענעס און פויערן, אַ ראָל מיט טעאַטער־אַפישן האָט ער געהאַלטן אונטערן אָרעם און מיט דער האַנט האָט ער צוגעווונקען ווערדערן. מיט מי האָט זיך ווערדער אַדורכגע־שטופּט דורך דעם געדיכטן הויפן, וועלכער האָט באַלאַגערט די סטאַציע. מעכל איז אים געפאַלן אין די אָרעמס, האָט געוויינט און האָט זיך מיט ווערדערן האַרציק צעקושט, דאַן איז ער, גלייך ער האָט זיך פאַרשעמט צוריקגעטרעטן אַ האַלבן שריט הינטערוויילעכץ, און מעשה אַקטיאָר ביי אַ „דערקענונגס־סצענע" אויף דער בינע (ער האָט זיך דאָס אָפּגעלערנט פון די אַקטיאָרן) האָט ער צעלייגט ביידע הענט און געפרעגט:

— זענט איר דאָס טאַקע? מעג איך גלויבן מיינע אויגן?

ווערדערן האָט די דאָזיקע באַגריסונג זייער דערפרייט. ער האָט מעכלען גענומען אונטערן אָרעם און געבעטן צו פירן אים צו דער „טרופּע".

— יאַנקל שיקסעניק וועט זיך מיט אייך דערפרייען, ווי מיט אַן אבן טוב, ווי מיט אַ בריליאַנט. פּאַניע ווערדער, איר ווייסט דאָך גאָרנישט, ווי מען דערמאַנט אייך ביי אונז אין „טרו־פּע" צום גוטן! זייט דעם טאָג, וואָס איר זענט אַוועקגעפאָרן קען מען זיך נישט צוקלויבן קיין „ליבהאַבער". מען האַלט פון אייך שטאַרק! איך בין זיכער, אַז יאַנקל וועט אייך געבן די בעסטע „מאַרקע". איר וועט פאַרדינען שטיקער געלד און איר הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגן, חבר ווערדער, אַז איר וועט נישט זיין קיין יאָלד, ווי ער אייך צונעמען פאַר אַ שותּף אויך! איר דאַרפט זיך נאָר קענען שטעלן, פּאַניע ווערדער, נאָר זיך נישט לאָזן אָפּפרייערן פון אים!

ביי ווערדערן איז איצט אַלעמאָל פעסטער געוואָרן דער

באַשלוס, אַז ער וועט גיין צוריק צו דער טעאַטער=טרופּע. ער האָט דאָס באַטראַכט פאַר אַ ווינק פון גורל, אַז ער האָט באַגעגנט מעכלען. ער וועט אַרומפאָרן צוזאַמען מיט די אַקטיאָרן איבער דער גאַנצער פּראָווינץ און אַזוי אַרום וועט ער לייכטער קענען טון זיין אַרבעט. מיטן באַגאַזש פון טעאַטער וועט אים אויך לייכטער אויסקומען צו פירן די פּאַקן מיט „ליטעראַטור".

ווען ביידע זענען שוין געווען נאָענט פאַרן האָטעל אין וועלכן ס'האָט זיך געפונען דער טעאַטער=זאַל און ווו עס זענען אויך איינגעשטאַנען די אַקטיאָרן, האָט ווערדער פּלוצלינג אָפּגעשטעלט זיין באַגלייטער:

— איך וויל אייך עפּעס פרעגן, מעכל...

— וואָס דאַרפט איר אַ סך פרעגן? ס'איז גוט, פּאַניע ווערדער, אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי ס'איז גוט!

— אָבער איר ווייסט דאָך נישט וואָס איך וויל פרעגן...

מעכל האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פאָרוואורף:

אַי, אַי — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי מיט באַדויערן, וואָס מען פאַרשטייט אים נישט — פאַר אַזאַ יאָלד האַלט איר מיך דאָס טאַקע? אַז איך זאָג ס'איז גוט, איז גוט! קומט אַריין און זאָל זיין מיט מזל...

★ ★ ★

מען האָט אים אויפגענומען אין טרופּע מיט פרייד. ווען ער איז אַריינגעקומען אינם צימער פון דירעקטאָר, ווו עס זענען ווי געווינטלעך געווען פאַרזאַמלט אַלע אַקטיאָרן פון דער טרופּע, האָט ער אין דער ערשטער רגע נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם אונטער די קישן מיט וועלכע מען האָט אים באַדעקט. אַלס ערשטע איז צוגעפאַלן צו אים די „דירעקטאָראָווע". זי האָט אים אַריינגענומען דעם קאָפּ אין ביידע הענט און צוגעלייגט זיין פּנים צו איר ברוסט. זי האָט געוויינט און אים

געגלעט איבערן קאָפּ ווי אַ מאַמע. זי האָט אים אָפּגעלאָזט אויף אַ ווײַלע, געקוקט אים אין די אויגן און ווידער אים געהאַלזט און געקושט. דאַן האָט זי זיך געלאָזט פאַלן אויף אַ בענקל און האָט געשנייצט די נאָז פאַר גרויס רירונג.

„יאַנקל שיקסעניק" האָט באַלד אַוועקגעלייגט אַ דרשה אויף „דייטש",

— „קאָם, מײַן זאָן, אַן די ברוסט דײַנעס פאַטערס, וועלכער האָט געזוענט זיך אום דיר, ווי די בלומע וועלכע לעכצט נאַך דעם רעגן! קאָם אין די געטרײַע אַרמען דײַנעס פאַטערס, דאַן פעדרילאָ דע טאָלעדאָ"!

ער האָט גערעדט „באַגריסונגס=פּראַזן" פון די פּאַרשידנסטע טעאַטער=פּיעסן, ווען אַ פאָטער דערקענט זײַן זון, וועלכער איז פון אים געווען אַנטפערנט דורך פילע יאָרן. ער האָט נישט אָפּגעלאָזט ווערדערן, וועלכער האָט זיך אים געפּרוווט אַרויסרײַסן פון זײַנע שטאַרקע הענט. אייגער נאָכן אַנדערן זענען דאַן צוגעגאַנגען צו ווערדערן אַלע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, יעדער האָט זיך מיט אים געקושט און געזאָגט צום דירעקטאָר:

— „איך ליב אייער גאַסט"...

און עס איז באַלד אויסגעקומען אַזוי, אַז דער דירעקטאָר מיט זײַן ווײַב זענען געזעסן אויף צוויי פּאָטעלן הינטער דער וואַנט, ווי עפּעס מחותנים אויף אַ חתונה און האָבן אָנגענומען מיט ווערדערן די ווונטשן פון די אַקטיאָרן, צוליב „אונזער פריינט, דעם חבר ווערדער, וועלכער איז געקומען צו אונז צוריק צום טעאַטער און זאָל זײַן מיט מזל און לאָמיר איצט מאַכן בעסערע געשעפטן"...

בלויז קלאַרע איז אים נישט געקומען באַגריסן. דער דירעקטאָר האָט עטלעכע מאָל אַרויסגעשיקט זי רופן, אָבער זי האָט נישט געוואָלט גיין.

דאָס מיידל האָט געוויינט:

— וואָס ווילט איר פון מיר? איך וויל אים נישט זען!
זאָל ער זיין געזונט, אָבער איך קען אים נישט זען!

★ ★ ★

מיסטער גלאַזער, וועלכער איז איצט געווען אין טרופּע, האָט אַוועקגערופן ווערדערן אין אַ זייט:

— קאָם, מיין פריינט, מיט דיינעם אַלטן פריינדע, — האָט ער ווערדערן איינגערוימט אין אויער — איך האָבע דיר צו דערצעלן גאָר וויכטיקע נייאיקייטן! דו וווירסט שטוינ׳ען, פריינדערל! דיינע האַרע ווערדן זיך דיר שטעלן קאַפּויער, ווי די שטאַכלען איינעס איגעלס!

דרויסן האָט גלאַזער אָנגענומען ווערדערן פאַרן אָרעם:

— קאָמע מיט פריינדערל! איך האָבע היר איינען פריינד, איינען גאַסטווירט, ביי אים ווערדן וויר יעצט צו גאַסט גען!

ווען זיי זענען שוין געזעסן אין הינטערשטיבל פון שענק, האָט גלאַזער לאַנג געקוקט ווערדערן אין די אויגן אריין.

— דו ביזט בלאַס געוואָרן, מיין קנאַבע! מאַן ערקענט עס דיר! דו האַסט פילע ליידן געהאַבט!

ער האָט באַשטעלט אַ פלאַש בראָנפן, האָט אַריינגעגאָסן אין זיך עטלעכע גלעזלעך נאָכאַנאַנד און האָט איבערגעגעבן ווערדערן די „נייעס".

ווען ער האָט געענדיקט האָט ער אים געגעבן אַ קלאַפּ אין אָרעם, האָט מיטאַמאָל אַסגעטרונקען דעם איבערגעבליבענעם בראָנפן גלייך פון דער פלאַש און האָט געזאָגט:

— צאָלע פריינדערל אונד וויר געהען!

★ ★ ★

גלאַזערס רייד האָבן בלויז באַשטעטיקט אין ווערדערן דעם חשד, וועלכן ער האָט געהאַט קעגן באַלאַווסקין און וולאַ־

דיסלאווא. גלאזער האָט דערציילט ווערדערן מיט אַ נאַאיווער אָפנהאַרציקייט, אַז ער, גלאַזער אַליין, איז געווען איין „מענטש דער דעפענזיווע"...

— איך ווערדע דיר אָפן זאָגען פריינדערל, — האָט דער־ציילט גלאַזער — וואָס האָב איך געזאָלט טון? עס זע־נען געווען ביטער־שלעכטע צייטן היינטיקן זומער, אין קיין טרופּע האָט מען מיך נישט געוואָלט אַריינעמען, וואָס האָב איך געזאָלט טון? ווען איר האָט זיך צעשלאָגן מיט באַלאָווסקין צוליב דעם „מעדכען", האָט באַלאָווסקי אַליין מיר געמאַכט דעם פאָרשלאַג מיר זאָלן אַרבעטן צוזאַמען „פיר ראַס פאַטערלאַנד". זיי האָבן געצאָלט „גאַנץ היפּש" און געטון האָב איך דאָך גאָרנישט! גלויבע מיר פריינדערל, איך האַבע קיינען מענטשן הערויסגעגעבן! אָבער באַלאָווסקי, זעסטו ליבער פריינד, דער וואַר איין שופט! איך האָב געוווסט פון דער גאַנצער מעשה, אָבער איך האַבע געשוויגן אַלס ערענמאַן! ער האָט דיר אונטערגערוקט די שיקסע מיט וועלכער ער האָט זיך באַגעגנט אין דער פּאַרטיי, און זי אַליין איז שוין אויך פון לאַנג געווען אַ אַגענטקע. נאָר וואָס דען? דער מענטש מאַכט און גאָט לאַכט! און ווי איך זע ביסטו אַרויס אַ גאַנצער פון זייערע הענט. מיך האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן פון דער „דע־פענזיווע" צוליב מיינער שוואַכקייט צו דעם „ביטערן טראָפּן", פריינדערל! און באַלאָווסקי איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג זייערער אַ מענטש. היט דיך פאַר אים! דו ווייסט גאָרנישט וואָספאַראַ „פּרוכטערל" דאָס איז!

אַזוי האָט דאָס גערעדט, מיסטער גלאַזער, האָט זיך גע־קלאַפּט אין האַרץ אַריין און האָט געשווירן „ביי אַלעם הייליקן אין דער וועלט", אַז ער זאָגט „די ריינע וואַרהייט"...

* * *

ווערדער איז געבליבן אין טרופע. מיט קיינעם פון די אקטיאָרן האָט ער נישט פארקערט, בלויז דער „מיסטער גלאַזער" האָט זיך אים אויפגעוואָרפן מיט זיין „ פריינטשאפט " און ווער־דערן האָט עס שטארק געווילט צו זען די פארשידענע „שמד־שטיקלעך" פון דעם אלטן „מדינהשלעפער".

„מיסטער גלאַזער" האָט אָבער פלוצלינג אויפגעהערט צו טרינקען. גאַנצע טעג איז ער אָפגעזעסן אין די שענקען, אָבער טרינקען האָט ער נישט געוואָלט. אין טרופע האָט מען זיין פלוצ־לינגדיקע „אבסטינענץ" ערקלערט מיט דעם, וואָס גלאַזער האָט „געשווירן".

די אַקטיאָרן האָבן דערציילט:

— מיסטער גלאַזער האָט געהאַט א ווייב. דאָס איז גע־ווען א באַלעבאַטישע טאָכטער פון א רייכער גאַליציאַנער סוחרים־פאַמיליע, וועלכע, לויט מען האָט דערציילט, האָט זיך פארליבט אין גלאַזערן, ווען ער איז נאָך יונג געווען, בעת איי־נעם פון זיינע אַרויסטריטן אויף דער בינע. גלאַזער האָט זי „גע־מאכט פאר אַן אַקטריסע". דאָס ווייבל, א קליינע, אַן אויסגע־דאַרטע, איז געווען זיין „פרימאַדאָנע". נעבן דעם ריזיקן מיסטער גלאַזער האָט זי אויף דער בינע אויסגעזען ווי א שרעטעלע. ווען ער האָט אָנגעהויבן זיינע „קונצן" מיטן „טאָמאַשעווסקי־טעאַ־טער אויס ניו־יאָרק" איז דאָס ווייבל פון אים אַנטלאָפן, צוריק צו איר טאַטן דעם רייכן סוחר. איצט, ווען גלאַזער איז געווען אין „אַנגאַזשאַמענט" ביי „יאַנקל שיקסעניק", האָט ער איר גע־שריבן בריוו, אַז ער ווערט א „סטאַטעק" און געבעטן זי, זי זאָל קומען. זי האָט אים נאָכגעגעבן זיין ביטע און ווען זי איז מעברת געוואָרן האָט זי אים געצוווּנגען צו שווערן ביי א ספר תורה", אַז ער וועט נישט טרינקען. גלאַזער האָט זיין שבועה געהאַלטן. ער האָט יעדן דערציילט, אַז ער האָט געשווירן ביי א ספר תורה „אויפן גליקלעכן איבערקומען פון מיין ווייבל", אַז ער טרינקט נישט מער.

— אונד איך בין איין ערענמאַן, פריינדערל! איך טריק ניכט! — האָט גלאַזער גערעדט מיט שטאָלץ.

עס זענען פאַרגאַנגען עטלעכע וואָכן זייט גלאַזערס „שבועה". ער איז אויך איצט, ווי ביז דאַן געזעסן גאַנצע טעג אין די שענקען, אָבער זיין ווייבל האָט אים שטענדיק באַגלייט און געהיטן די „שבועה".

איז גלאַזער געפאַלן אויף אַן המצאה און ער האָט זיך אָפּגערעדט מיטן קאָמיקער ברעטלער, ווי אַזוי ער זאָל קענען טרינקען טאַקע צוליב דער שבועה, „אַ שבועה קעגן אַ שבועה". ער האָט געגעבן ברעטלערן געלט און אים געבעטן, אַז ווען ער, גלאַזער, וועט זיצן מיטן ווייב אין שענק, זאָל אַריינקומען ברעטלער, זיך צוזעצן צו זייער טיש און פאַר גלאַזערס געלט זיך הייסן געבן אַ „פּאָרציע איינגעהאַקטע לעבערלעך". נאָכדעם ברעטלער וועט האָבן אויפגעגעסן די „לעבערלעך", זאָל ער נעמען אַ פלאַש מיט בראָנפן, אַליין טרינקען און באַשווערן גלאַזערן „אויפן גליקלעכן איבערקומען פון זיין ווייבל", אַז ער מוז אויסטרינקען אַ גלעזל „צום ווייבס געזונט".

אין יענעם פרימאָרגן איז גלאַזער געזעסן אין שענק אַן אויפגערעגטער און צעהיצטער. ער האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף ברעטלערן, וואָס זאָל דערפילן זיין צוזאָג. ווען ער האָט דערזען דעם אַריינקומענדיקן ברעטלער, האָט ער זיך צערעכט געמאַכט אויף זיין אָרט, זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן און דער „פּאַנסנע" האָט געציטערט אויף זיין גלאַנציקער נאָז.

ברעטלער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש, האָט אַרויסגענומען פון טאַש דעם באַנקנאָט, (גלאַזערס באַנקנאָט!) אַנידערגעלייגט אויפן טיש און באַשטעלט אַ פּאָרציע „איינגעהאַקטע לעבערלעך". ער האָט געגעסן פּאַמעלעך, געקייעט מיט כוונה און גלאַזער האָט קוים געקענט זיך דערוואַרטן, אַז ער זאָל זיין פאַרטיק מיטן עסן. אָבער ברעטלער אָפּעסנדיק איין פּאָרציע, האָט באַלד באַשטעלט אַ צווייטע. ביי גלאַזערן האָבן זיך די אויג

אָנגעצינדן, ער האָט זיך צוגעבויגן צו ברעטלערן און האָט אַרויס־געפּליסטערט צווישן די ציין:

— וואָס פרעסטו אַזויפיל לעבערלעך, אַז צעזעצט זאָלסטו ווערן! די צווייטע פּאָרציע צאָל איך נישט! איך האָב דיר דען געגעבן דאָס געלט זאָלסט זיך אָנפרעסן מיט לעבערלעך?

ברעטלער האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך גענומען עסן די צווייטע פּאָרציע און אָנגעקוקט אויף גלאַזערס ווייב, וואָס איז געזעסן דאַנעבן. גלאַזער האָט זיך דערשראָקן און איז אַנט־שוויגן געוואָרן. ער האָט זיך נישט דערוועגט צו עטעמען, אַזוי לאַנג ברעטלער האָט געגעסן. ער האָט געוואַרט, אַז יענער זאָל שוין באַשטעלן בראָנפן און אים אָנהויבן „באַשווערן".

ענדלעך האָט ברעטלער אָפּגעגעסן, זיך אָפּגעווישט דאָס מויל און הויך אַרויסגעזאָגט צום באַלעבאָס:

— אַ גלעזל ספּירט, „פּאַניע גאָספּאָדאַזשו!"

גלאַזער האָט זיך צוגערוקט נענטער.

ברעטלער האָט אויסגעטרונקען.

— נאָך אַ גלעזל! — האָט ער באַשטעלט.

ער האָט גענומען דאָס גלעזל צום מויל און אַגב געפרעגט גלאַזערן:

— אפשר וועסטו טרינקען, גלאַזער?

— ניין, — האָט זיך גלאַזער פּאַרויטלט — דו ווייסט דאָך איך טרינק נישט, איך האָב געשווירן!

— נו, וועל איך טרינקען אַליין! אַ שבועה מוז מען האַלטן!

ער האָט באַשטעלט אַ דריט גלעזל און ווען ער האָט עס גענומען צום מויל האָט זיך גלאַזער נישט געקענט איינהאַלטן. ער האָט אים דאָס גלעזל אַרויסגעריסן פון דער האַנט, מיט דער פויסט האָט ער געקלאַפּט אין טיש און האָט געשריגן:

— בעשווערע מיך, דו שופט! בעשווערע מיך, שופט!

אָבער ברעטלער האָט אים קאַלטבלוטיק געענטפערט:

— וואָס שרייסטו, גלאַזער? דו ווילסט, אַז איך זאָל דיך באַשווערן אויפן „גליקלעכן איבערקומען" פון דיין מעוברתע פרוי־ ניין, דאָס וועל איך נישט טון, דו אַלטער שיכור!

ער האָט באַצאָלט (מיט גלאַזער'ס געלט) און איז אַ לאַכנ־ דיקער אַרויס פון שענק.

דעמזעלבן אָוונט איז „מיסטער גלאַזער" אַנטלאָפן פון טרופע. זיין מעוברת ווייבל איז צוריקגעפאָרן צו איר פאָטער, דעם רייכן סוחר.

XVIII

אוועקגעגאַנגען

גראָע האַרבסט=טעג, וועלכע טראָגן אין זיך דעם טרויער פון אומדערפולטע האָפנונגען, דאָס מאָנאָטאָנע קלאַפּן פון אַ אומאויפהערלעכן רעגן אין די שויבן פון אַ קליינשטעטלדיקן האָטעלצימער.

דער שטילער טיק=טאַק=טיק=טאַק פון אַ וואַנט=זייגער אין אַ דערנעביקן צימער, וואָס הערט זיך דורך דער וואַנט אין די מאָרגן=שעהן פון די טעג, וועלכע שטייען אויף באַשווערט פון אַ פוסטקייט.

טעג, וואָס דערוואַכן, ווי נישט=אויסגעשלאָפענע פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט, וואָס געבערן אַ זון, אַ קאַלטע און אַ פאַרשטעלטע דורך וואָלקן.

ווערדער איז איצט גאַנצע טעג נישט אויפגעשטאַנען פון בעט.

עס האָט אים אַרומגענומען אַ שטענדיקע מידקייט, אַ חשק צו שלאָפן אָן אַ סוף.

ער האָט פאַרלענגערט די נאַכט ביזן שפּעטן טאָג.

ער האָט אַדורכגעשלאָפן די נאָכמיטאָגן ביז שפּעטע אָוונט=שעהן. אָן חשק האָט ער אָפּגעפּטרט די דריי שעה פון צוגרייטן זיך און שפּילן אויף דער בינע. האָט ער מיט בענקשאַפט געוואַרט אויפן סוף פון ספּעקטאַקל, אום צו קענען שלאָפן ווייטער

אַ מידיקייט האָט זיך אים צעלייגט אין אַלע אברירים; גלייך וואָלטן געמאָנט שלאָפן אַלע נישט=דורכגעשלאָפענע נעכט פון זיין לעבן.

זיינע אויגן זענען אים פאַרגאַנגען מיט אַ נעפּל. זיינע באַוועגונגען זענען געוואָרן שווערע, גלייך וואָלט ער מיטאַמאָל דערפילט די בלייערנע משא פון אַ צוועקלאָזן לעבן, וואָס האָט זיך אים אַרויפגעוואָרפן אויפן האַלז און געלאָזט זיך טראָגן נישט=באַוווסט צו=וואָס און ווו=אַהין.

אַ מאָדנע טעמפקייט האָט זיך אים געלייגט אויף זיינע געדאַנקען. ער האָט קיין זאַך נישט געקענט דערטראַכטן ביזן סוף.

אים איז קלאָר געוואָרן, אַז ער טויג נישט פאַרן לעבן, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט און, אַז ער וועט אויך נישט האָבן קיינמאָל אין זיך דעם כח אַקעגנצושטעלן זיך די שטאַרקע אָרעמס פון לעבן, וואָס האָט אים געשליידערט אַהין=און=אַהער.

ער האָט דערפילט ווי מאַכטלאָז ער שטייט איינער אַליין אין דער גרויסער וועלט פון קעגנזאַציקן שטראָמען, ווי נישט פאַראינטערעסירט ער באַציט זיך צו די גרויסע קאַמפן צווישן קלאַס און קלאַס, צווישן פאָלק און פאָלק.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויך זיין אַרבעט אין דער פּאַרטיי איז נישט געווען מער ווי נאָר דער רעזולטאַט פון אַ קאַפּריז; גיכער אַ אויסדרוק פון זיין שוואַכקייט, וועלכע וואָלט געוען זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ שטרויעלע, איידער אמתדיקער ווילן צום קאַמף.

אָבער אויך דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ער נישט דער=טראַכט ביזן סוף.

ער האָט מורא געהאַט צו זען דעם אמת. ער האָט זיך געשראָקן, אַז, ווען ער זאָל מאַכן דעם חשבון=הנפש, וואָלט אים סיידן אויסגעקומען צו מאַכן אַ סוף פון זיין לעבן — — און פאַרן טויט האָט ער געציטערט. דאָס אומבאַוווסטע, וועלכעס

ליגט, ווי אַ טיפער, שוואַרצער, פאַרגליווערטער ים אויף דער גרענעץ צווישן לעבנדיקן היינט און דעם קאַלטן מאָרגן — האָט אים אַנגעפולט מיט פּחד.

אַזוי האָט ער זיך לאַנגזאַם אָנגעהויבן צוגעוויינען צום געדאַנק, אַז ער וועט נישט געפינען אין זיך דעם כּוח צו ענדיקן זיין לעבן דורך אַן אַליין־געוואָלטן טויט.

און כּמעט צו דערזעלבער צייט איז אין אים עפּעס וואַך געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן קוקן אין זיך, זיין אינסטינקט צו לעבן האָט צו אים גערעדט מיט טויזנטער שטימען.

ער האָט אויסגעפונען ראיות, וועלכע האָבן פאַרענטפערט פאַר אים — כּאָטש טיילווייז — זיין באַרעכטיגונג נישט צו שטאַרבן פאַר דער צייט.

זיין פּחד פאַרן טויט האָט אין אים אויפגעוועקט אַ נישט באַגרינדעטע, איבערגעטריבענע ליבע צו זיין מאַמען. ער האָט זייער אָפט איצט געטראַכט וועגן זיין מוטער און שטענדיק זענען אים דערביי געקומען טרערן אין די אויגן.

ער האָט זיך איינגערעדט, אַז איר צוליב, זיין מאַמען, טאָר ער נישט שטאַרבן, ווייל זיין טויט וואָלט אויך געווען איר טויט. אינם דאָזיקן געדאַנק האָט ער זיך אָנגעכאַפּט מיטן גאַנצן לעבנס־כּוח פון זיינע יונגע יאָרן. ער האָט געשריבן אָפטע בריוו צו זיין מוטער, בריוו, וועלכע זענען געווען מער די וידוי פון אַ שטאַרבנדיקן, איידער די אויסגוסן פון ליבע, וועלכע עס האָט אַ זון צו אַ מוטער.

פולע זייטלעך פּאַפּיר, באַשריבענע מיט זיין נישט רעגולירן צעפלאָסענעם כּתב, האָט ער אין גרויסע קאָנווערטן אַוועקגעשיקט צו זיך אַהיים.

ער האָט דאָרט געוויינט איבער זיין גורל, זיינע בריוו האָבן געטעטעמט מיט דער ליבע נישט פון אַ זון צו זיין מאַמען, נאָר פון אַ געליבטן צו זיין געליבטער.

אָבער, ווען ער האָט דערהאַלטן די ערשטע פּאָר ענטפערס פון זיין מוטער, האָט ער אויפגעהערט צו שרייבן.

פרוי פוילאַ האָט אים געשיקט בריוו אַדורכגעווייקטע פון טרערן. זי האָט אפילו — אַזוי האָט זי געשריבן — נישט פאַרשטאַנען דאָס מערסטע אין זיינע בריוו, אָבער איר האַרץ פון אַ מוטער האָט געפילט, אַז איר זון שוועבט אין אַ סכנה, אין אַ פיל־גרעסערער, ווי דעמאָלט, ווען מען האָט אים טאָג־פאַר־טאָג געזוכט אין אירע צימערן, כדי אים צו אַרעסטירן.

אויך זי האָט אים געענטפערט מיט לאַנגע בריוו, אָבער איר פּראַקטישקייט אין לעבן האָט זי אויסגעלערנט צו זען דאָס פּראַקטישע, דאָס אויבנאויפיקע, דאָס, וואָס מען קען באַנעמען מיט די חושים, אָנטאַפּן מיט אַ האַנט.

און אירע לאַנגע בריוו האָבן זיך שטענדיק געענדיקט מיטן וועלבן אויסלאָז: אַז ער זאָל מאַכן אַן ענדע צו זיין בע־וונד־זיין ער זאָל אַוועקוואַרפן דאָס טעאַטער, וואָס עס פּאַסט זיך נישט צו זיין גאַנצן וועזן, אַלס זון פון באַלעבאַטישע טאַטע־מאַמע, אַז ער זאָל אַרויספאָרן אין אויסלאַנד, ענדיקן זיינע מעדיצינישע סטודיעס און — חתונה האָבן.

זי, די מאַמע מיט איר פּראָסטן ליבנדיקן האַרץ האָט נישט געקענט פאַרשטיין זיינע ספקות, זיין שוואַכקייט און אָפּהענטיקייט.

זי האָט אים געענטפערט מיט פּראַקטישע פאָרשלאַגן, פון וועמען און ווו ער וועט קענען קריגן דאָס נויטיקע געלט, וויאַזוי ער וועט קענען באַקומען דעם פּאַספּאָרט און ווו און ביי וועמען ער זאָל וווינען אין אויסלאַנד.

זי האָט אים אפילו אָנגערופן דעם נאָמען פון אַ רייכער, גאַליצישער משפחה אין ווין וווייטע קרובים פון טאַטנס צד, וועלכע וואָלטן זיך גערן פאַראינטערעסירט מיט זיין גורל, אים אויסגעהאַלטן דורך דער צייט פון זיין אוניווערזיטעט־סטודיום און אים געגעבן זייער טאָכטער, אַ שיין, געבילדעט מיידל, וואָס באַ־

הערשט מערערע, פּרעמדע שפּראַכן, שפּילט פּיאַנאָ, זינגט און מאָלט"...

אין ווערדערן האָבן די דאָזיקע בריוו אַרויסגערופן אַ געפיל פון עקל. אין זיין גערייצטקייט האָט ער נישט פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן דעם גוטן ווילן פון זיין מוטער.

ער האָט מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט מיטן שרייבן איר בריוו און ווען פרוי פּוילאַס בריוו האָבן נישט אויפגעהערט צו קומען, האָט ער זיי צוריקגעשיקט נישט געעפנטע.

אין אַ קורצן פּאָסט-קאַרטל האָט ער איר בלויז פון צייט צו צייט צו וויסן געגעבן, אַז ער איז געזונט, און אַז עס גייט אים „נישט שלעכט".

מער גאָר נישט.

אין אים איז צו יענער צייט ווידער וואַך געוואָרן זיין אַמאָליקע ליבשאַפט צו מעדיצין. ער האָט זיך געלאָזט פון דער מאַמען צושיקן אַלע זיינע ביכער, מיט וועלכע ער האָט זיך באַנוצט בעתן סטודיום אויפן אוניווערזיטעט, אָבער גיך איז אים נמאס געוואָרן דאָס סיסטעמאַטישע לערנען.

ער האָט אויסגעפונען, אַז עס איז נישט-אַזוי-פיל אינטערעסאַנט די פּראַקטישע מעדיצין, וועלכע „מאַכט אַ וועזן" — אַזוי האָט ער געטראַכט — פון קליינגקייטן און ווערט דערדורך מער נישט ווי אַ „וויסנשאַפט פון קליינלעכקייט".

ביי אים איז אויסגעקומען, אַז עס איז וויכטיקער צו דערגיין די „גאַנצקייט", דעם „סוד פון לעבעדיקן אָרגאַניזם" און פון די געהיימע קרעפטן, וועלכע באַוועגן דאָס נאָך נישט געבוירענע און מאַכן עס לעבעדיק.

ער האָט דעריבער אַוועקגעוואָרפן די ערנסטע וויסנשאַפטס-ביכער.

זיין וועג האָט אים געפירט צו די פּאָפּולערע וויסנשאַפט-לעכע אָפּהאַנדלונגען פון — צומערסט דייטשע — געוועזענע אוניווערזיטעטס-פּראָפעסאָרן, וועלכע האָבן אין זייערע ביכער אַרויס-

צוזאַגס משונהדיקע געדאַנקען וועגן וועלט און לעבן.

אזוי איז אים אויך געפאַלן אין די הענט אַ בוך פון אַ דייטשן פּראָפעסאָר, וועלכער האָט דאָס גאַנצע לעבן אויף דער וועלט, סיי אין דער נאַטור, דאָס לעבן פון טויטע און לעבעדי־קע אָרגאַניזמען דערפירט צו געשלעכטלעכקייט. ווערדער, ביי וועמען צוליב זיין געשלעכטלעכער צוריקהאַלטונג, איז געבוירן געוואָרן עפּעס אַ קראַנקהאַפטיקע נייגונג צו אַלעמען, וואָס „טע־אָרעטיזירט איבער געשלעכטלעכקייט", האָט זיך שטאַרק פאַראינ־טערעסירט מיט דער דאָזיקער „טעאָריע" פון דייטשן פּראָפעסאָר.

עס איז אים געפעלן געוואָרן דער דרייסטער אַוועקשטעל, אַז אויב די לבנה איז אַ „ער", דאַן איז דער ים אַ „זי", אַ סימן דער אָפּ־און־צופלוס פון ים, וועלכער חזרט זיך איבער יעדן טאָג און פאַרוועלכן די „געלערנטע" — דער פּראָפעסאָר האָט וועגן די געלערנטע בערעדט מיט אַ חוזק — געפונען ניט קיין אויפקלערונג.

לויטן זעלביקן פּראָפעסאָר איז אויסגעקומען, אַז אויך צווישן הימל און ערד זענען פאַראַנען געשלעכטלעכע באַציונגען, דער הימל איז אַ „ער", די ערד אַ „זי", דער רעגן, שניי און האָגל איז דער אויסדרוק פון „הימלישער ליבע" אין אמתדיקן מיין פון וואָרט.

נישט האָבנדיק מיט וועמען זיך צו טיילן מיט זיינע גע־דאַנקען, האָט ווערדער אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן די „טעאָריע" פון דייטשן פּראָפעסאָר אין דער טרופּע פון „יאַנקל שיקסעניק".

ווערדער אַליין פלעגט דאַן ליגן אין בעט און פאַרטייטשן די נאַאיווע אַקטיאָרן די טעאָריע וועגן געשלעכטלעכקייט אין דער נאַטור".

זיין לימוד האָט דערפירט צו גאָר מאָדנע רעזולטאַטן.

אין דער טרופּע פון „יאַנקל שיקסעניק" האָבן זיך אָנגע־הויבן אָפּשפּילן „ליבעס" צווישן די איינצלנע מיטגלידער פון דער טרופּע. מאַדאַם פוטער איז מעוברת געוואָרן, לויט ווי מען

האָט דערציילט, פונם קאָמיקער ברעטלער, „יאַנקל שיקסעניק״ האָט זיך „ערקלערט אין ליבע״ צו מאַדאַם ראָזנקראַנץ און די „דירעקטאָראָווע״ האָט זיך עפּעס פאַרדעכטיק געשושקעט אין די ווינקעלעך מיטן „געשעפט־פירער״ מעכל לאַפּאַצאַן.

אָבער ווערדער האָט זיך לאַנג נישט געהאַלטן ביי דער טעאָריע פון „געשלעכטלעכקייט״. ער האָט זיך באַלד געוואָרפן לייענען ביכער איבער מיסטיק, ספּיריטיזם, אָקולטיזם און ער איז געקומען צו נישט־געוויינטלעכע אויספירן.

ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן איבער די פאַרוויקלטסטע פּראָבלעמען פון מענטשלעכן „זיין״, ער האָט זיך באַמיט צו דערגיין דעם סוד פון חלום אין דער נאַכט. וואָס איז חלום? וואָס איז וואָר? — האָט ער זיך געפרעגט אַליין און קיין ענטפער האָט ער נישט געפונען.

ער האָט ערגעץ־ווו אין אַ בוך פון אַ מאָדערנעם פילאָזאָף־מיסטיקער געלייענט וועגן דעם, ווי שווער עס איז צו זאָגן אויף קלאָר, אַז דאָס מענטשלעכע לעבן אויף דער וואָר, איז אין דער אמתן דאָס „לעבן אויף דער וואָר״ און, אַז קיינער קען עס נישט באַהויפּטן מיט באַשטימטקייט.

און אפשר זענען גאָר אונזערע חלומות, וועלכע מיר לעבן אדורך ביי נאַכט, דאָס אמתדיקע לעבן? בעת דאָס לעבן ביי טאָג, אויף דער וואָך, איז גראָד בלויז אַ חלום?

ווערדער האָט אַרויסגעפילט, אַז אַזאַ מין טעאָריע איז פּונקט, ווי באַשאַפן פאַר אים, אום צו פאַרענטפערן, צו באַגרינדן זיין ווילן־שוואַכקייט, צו געבן איר אַ טעאָרעטישע באַרעכטיקונג, צו באַשטאַרקן אים אין דער באַהויפּטונג, אַז ער איז צו גאָר־נישט מחויב, אַז ער מעג פאַרבלייבן ביי זיין אַפּאַטישער אָפּהענטיקייט.

ער איז געקומען אויפן טעם פון פוילקייט, פון גאָר־נישט טון, גאָר נישט וועלן.

ער האָט זיך צורעכט געמאַכט אַ טעאָריע וועגן נירוואַנאַ פון מאָדערנעם אייראָפּעאישן מענטש.

זיין נייגונג צו באַקוועמלעכקייט האָט אים פאַרשטעלט דעם בליק אויף אַלץ וואָס אַרום, ער האָט פאַרלוירן דעם חוש פאַר דער טאָג=טעגלעכקייט.

ער האָט געפּרוּווט טראַכטן וועגן דער אייביקייט אַלס באַגריף פון דער צייט אָן אַ גרענעץ, אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף. וואָס איז דאַן דאָס מענטשלעכע לעבן אינגאַנצן, אַקעגנאיבער דער אייביקייט?

אַזוי האָט ער געפרעגט, ווען עמעץ פון די חברים אין טרופּע האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ער „לאָזט זיך אָפּ אינגאַנצן".

ער האָט איצט געלעבט בלויז מיט זיינע חלומות.

ער איז אומגערן אויפגעשטאַנען פון בעט און נאָר, ווען ער האָט דאָס געמוזט טון אומבאַדינגט. ער האָט אויסגעפונען אַ באַזונדערן אופן צו חלומען, וואָס מער און וואָס שענער.

אין די האָטעל=צימערן, אין וועלכע ער האָט געוווינט, זענען געשטאַנען פיל בלומענטעפּ, וועלכע ער האָט מיט זיך געפירט פון שטאָט צו שטאָט.

ער האָט זיך געלאָזט ברענגען אָן אַ שיעור שמעקנדיקע קרייטער, ער איז געוואָרן באַזונדערס בקי אין די פאַרשידנסטע בשמים.

אונטערן קאָפּ=קישן האָט ער געהאַלטן יאַדלאָווע=שישקעס. דאָס האָט ער געוווּסט, העלפט צו האָבן שיינע חלומות.

אַ שווערער ריח איז געלעגן איבער זיין צימער, פאַרשיכּורנדיקער, גיפט=געמיש פון פאַרשידנסטע גערוכן.

די וועלקנדיקע בלומען האָט ער קיינמאָל נישט דערלאָזן אַרויסצונעמען פון צימער. וועלקנדיקע בלומען, האָט ער געזאָגט פאַרשטאַרקן די מעגלעכקייט פון טרוימען.

אין דער צייט, אין וועלכער ער איז געווען מחוצן בעט — און דאָס זענען געווען בלויז עטלעכע שעה א טאָג — האָט ער געלעבט בלויז מיט דעם, וואָס ער האָט געחלומט. ער האָט נישט באַמערקט, ווי ער האָט לאַנגזאַם גענומען אָנווערן דעם זינען פאַרן לעבן, וואָס אַרום אים.

★ ★ ★

אין אַזאַ מצב איז ווערדער געווען, ווען צו אים האָט זיך דערנענטערט קלאַרע.

דאָס מיידל, וועלכע האָט אים נאָך אַלץ געליבט מיט אַלע קעמערלעך פון איר יונגען האַרץ, האָט געקוקט מיט שרעק אויפן אומבייט, וועלכער איז מיט אים פאָרגעקומען.

אין אָנפאַנג האָט זי געפילט אַ געוויסע באַפרידיקונג, אַ מין סאַטיספאַקציע, וואָס מיט ווערדערן „שטייט עס נישט גוט"...

זי האָט אים נישט געקענט אַזוי גיך מוחל זיין די שווערע באַליידיקונג, וועלכע ער האָט איר אָנגעטון, איבערלאָזנדיק זי איינע אַליין.

— ער האָט מיך אויסגעקוועטשט ווי אַ ציטרין — האָט זי אָפטמאָל געזאָגט צו זיך אַליין — ער האָט מיך אויסגעזויגן, ווי אַ שפין זויגט אויס אַ פליג און דאַן האָט ער מיך אַוועקגעוואָרפן!

ערפאַר האָט זי נישט געלייגט קיין אכט אויף אים. ער איז איר פאָרגעקומען פרעמד, ווי נישט דערזעלבער, וועלכן זי האָט געקענט אַמאָל.

זי האָט גוט געוווּסט וועגן זיינע איבערלעבונגען, וועלכע ער האָט געהאַט זינטן טאָג, וואָס ער האָט זי פאַרלאָזן. זי האָט זיך דערמאַנט מיט ביטערקייט אין דעם, אַז זי האָט אים באַלד, ווי זי איז געוויר געוואָרן וועגן טויט פון זיין פאָטער, צוגע=

שיקט אַ האַרציקן בריװ פול מיט טרייסט און ליבשאַפט, אויף װעלכן װערדער האָט אַפילו נישט געענטפערט.

זי האָט געקלערט װעגן דער שװערער צייט, װעלכע זי האָט איבערגעלעבט, װען זי האָט געפילט אין זיך דאָס װערן פון אַ נייעם באַשעפעניש, פאַר װעמענס קומען אויף דער װעלט זי האָט געציטערט אין טויט=שרעק.

און זי האָט אויסגעמידן װערדערן.

װען זי האָט אים צום ערשטן מאָל װידער=געזען נאָך זיין צוריקקומען אין טרופּע פון „יאַנקל שיקסעניק", האָט איר דאָס האַרץ אויף אַ קורצער רגע אויפגעהערט צו קלאַפּן.

זי האָט געפילט, װי די פיס אונטער איר בויגן זיך, װי זי ציטערט איפן גאַנצן לייב. עס איז איר אַדורכגעלאָפן אַ קאַלטקייט אונטער דער הויט, די האָר אויפן קאָפּ, האָט זי ממש געפילט, שטעלן זיך איר אויף, אַ בלאַסקייט האָט זיך איר גע=לייגט אויפן פנים, װי אַ װייסער צודעק.

זי איז אַנטלאָפן אין איר צימער, זי האָט זיך געװאָרפן װי אין פיבער און האָט זיך אָפּגעזאָגט מיט אים צו טרעפן.

אָבער לאַנגזאַם איז אין איר װאָס אַמאָל מער װאָך גע=װאָרן די אַלטע איבערגעגעבנקייט צו איר געליבטן, פאַר װעלכן זי איז גרייט געװען אַמאָל מקריב צו זיין איר לעצטן טראָפּן האַרץ=בלוט.

דאָס איז נישט געװען מער די פייערדיקע ליבע פון אַמאָל, װאָס האָט געברענט אין איר מיט אַלע פלאַמען פון דער ער=שטער ליבשאַפט, װאָס האָט איר פאַרצויגן פאַר די אויגן דעם פוירהאַנג פון תּאוהדיקן פאַרלאַנגען נאָך איר געליבטן, אַחוץ װעלכן זי האָט כמעט גאָרנישט געזען, אויף װאָס עס װאָלט זיך איר אויסגעװיזן כדי אָפּצושטעלן.

די ליידן, װעלכע האָבן זיך געשאָטן אויף איר, נאָכדעם װערדער האָט זי פאַרלאָזט, האָבן זי געלייטערט און צוגעװיינט צו קוקן װי מיט עלטערע אויגן אויף די געשעענישן פון איר

לעבן; מיט אויגן, וועלכע רייסן זיך שוין נישט אויף אין א דערשטוינונג, נאָר וואָס קוקן אויף אַלץ ווי אויף עפּעס, וואָס אויב מען האָט עס נאָך נישט איבערגעלעבט, האָט מען עס דאָך געדאַרפט דערוואַרטן א יעדע ווײַלע, אַז עס קען קומען.

און צוזאַמען מיט דעם רויקערן קוק אויף וועלט און מענטשן, איז אויך איר אינערלעכע וועלט געוואָרן מער געפּעס־טיקט אין זיך.

זי האָט זיך, כאָטש אירע יונגע יאָרן, אויסגעלערנט זיך נישט צו וווּנדערן איבער גאָרנישט: דאָס איז דער ערשטער שריט צו מענטשלעכער דערהויבנקייט און פולקאָמנקייט.

און ווען זי האָט שוין אריבערגעטראָגן די ביטערע טעג, ווען זי האָט שוין געפילט, אַז איר לייב איז פריי געוואָרן פונם שרעק פון דער פּרוכט, וועלכע האָט איר געדראָט צו צעוואַקסן זיך אין איר — איז זי רויקער געוואָרן.

אירע אויגן האָבן אָנגעוווירן דאָס זוכערישע, דאָס נישט זיכערע.

זי איז אינגאַנצן ווי צײַטיק געוואָרן מיטאמאָל.

זי האָט אין די קורצע פּאָר וואָכן פון אומבאַשרייבלעכע לײַדן, פון שרעק פאר דעם, וואָס זי האָט געפילט, אַז עס מוז קומען, פארלוירן איר מיידלישע צעטראָגנקייט, איר בענקשאַפט נאָך עפּעס, וואָס עס וואָלט איר שווער געווען אָנצורופן ביים נאָמען און וואָס עס האָט איר נישט געלאָזן דורכשלאָפן רויק די נעכט, דעמאָלט ווען זי האָט נאָך ווערדערן נישט געהאַט דערקענט.

זי איז שענער געוואָרן און זי האָט דאָס געפילט און גע־זוכט.

זי איז נישט מער געווען דאָס מיידל פון אַמאָל, אויף וועלכער די אַקטיאָרן האָבן געקוקט, ווי אויפן אומצײַטיקן פּרילע, וואָס בליט און וואָס מען וואַרט דאַרויף, מען זאָל עס קענען אראָפּרייסן פון בוים.

דאָס קינדערישע, דאָס שטיפערישע איז פֿון איר אַראָפּגעפֿאַלן ווי אַ הויט, וועלכע זי האָט נאָר צייטווייליק געטראָגן.

זי האָט געזען, ווי מאַנסבילישע בליקן אַנטקליידן זי ביז צו נאַקעטקייט, אָבער זי האָט זיך נישט פֿאַרויטלט מער.

זי האָט געשפּילט מיט איר קערפּער, ווי מיט אַ בויגעוודיקער קאַץ. יעדע באַוועגונג אירע איז געוואָרן אַ אויסגערעכנטע, יעדער ריר פֿון אַן אבר, אַ טייל פֿון דער גרויסער, מענטשלעכער, פּרוויאַישער סימפֿאָניע, וואָס האָט זיך גערופֿן איר קערפּער.

אירע קורצע שוואַרצע האָר, וועלכע זי האָט געטראָגן פֿריער אָפּגעגלעט און ציכטיק צוגעקעמט איבער איר פֿיינעם קאָפּ, זענען איצט געוואָרן אומוויליק צו געהאָרכן און האָבן אויף איר קעפּל געשאַפֿן אַ שיינעם בילד פֿון צופֿעליקער אומאָרדנונג, אין וועלכער עס איז געלעגן דער רייץ פֿון נישט געוואָלטער, האַרבער שיינקייט.

אויך אירע הענט האָבן איצט, ווי אָנגענומען אויף זיך אַן אַנדערע געשטאַלט. דאָס זענען נישט געווען מער די אומרויִקע הענט פֿון אַ יונג מיידל, אין וועמענס פֿינגערשפּיצן עס ציטערן נאָך די שטראָמען פֿון אומגעשטילטע פֿאַרלאַנגענס, וועלכע באַאומרויִקן אַ יונגען קערפּער.

אירע הענט זענען איצט געוואָרן ווי שלאַנגען און אין זייער שלאַנקייט איז געלעגן אַ מין פֿאַרגליווערונג. אַלעמען, וואָס האָבן געקוקט אויף די ווייסע, אומבאַשרייבלעך שיינע ליניעס פֿון אירע הענט, איז אַדורכגעגאַנגען אַ שוידער.

עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַזעלכע הענט זענען גלייך, ווי באַשאַפֿן נאָר צום אַרומנעמען און צו דערשטיקן אין דער אַרומנעמונג.

אירע פֿינגער אויף וועלכע זי האָט איצט אָנגעטון פֿילע רינגען מיט שטיינער, גלאַנציקע און לענגלעכע ווי קעפּערס, זענען געווען ווי דורכזיכטיק אין זייער בלאַסקייט און האָבן אויסגעזען, ווי גלאָז אַזוי צערברעכלעך.

אָבער אונטער אירע ראָזע נעגל האָט זיך אַרויסגעפּילט דאָס בלוט, וואָס ווערט געטריבן דורך די אָדערן פון קערפּער ביז אין די שפּיץ-פינגער.

איר בלוט האָט איצט געשטראָמט דורך איר קערפּער פיל לאַנגזאַמער ווי פריער איידער זי האָט דערקענט דעם מאַן, אָבער אויך פיל וואָגיקער, פיל שווערער.

זי האָט אויסגעזען ווי אַ זעלטענע פרוכט, וואָס איז אונטער אַ ברענענדיקער זון פון דרום געקומען צו אַ נישט-געהאָפּטער פולקייט און זאַפטיקייט.

אירע קערפּערלעכע פאָרמען האָבן זיך פאַרפולט און זי האָט אָפּגעוואָרפן פון זיך אַ יעדע קאַנטיקייט, כאָטש זי איז געבליבן שלאַנק, ווי געוועזן.

מענער, וועלכע האָבן זי דערזען, זענען שטיין געבליבן אין גאַס און האָבן איר נאָכגעקוקט.

פרויען האָבן אָוועקגעדרייט די קעפּ און געפילט צו איר אַ נישט-פאַרשטענדלעכע קנאה, פאַר וועלכער זיי האָבן נישט געקענט געפינען אין זיך קיין באַרעכטיקונג.

אין די שטעטלעך, אין וועלכע עס האָט געשפּילט די טרופּע פון „יאַנקל שיקסעניק”, איז עס אָפטמאָל געקומען צו בהלות צוליב איר.

די שטענדיקע טעאַטער-געסט פון „יאַנקל פּאָגעלס טרופּע” האָבן זיך באַקלאָגט פאַרן דירעקטאָר — אויף קלאַרען: „זי איז צופיל חוצפּהדיק” -- האָבן זיי געזאָגט און ווען דער דירעקטאָר האָט געפרעגט אין וואָס אַזעלכס עס באַשטייט די דאָזיקע „חוצפּה”, האָבן זיי נישט געקענט געבן קיין ענטפער.

די פרויען האָבן זייערע מענער נישט געלאָזט גיין אין טעאַטער. זיי זענען געקומען אַליין און נישט איינמאָל איז דער גאַנצער זאַל געווען אויסגעפולט כמעט פון פרויען. זיי זענען געקומען מיט די טעאַטער שפּעקטיוון. נאָכגעגאַנגען אַ יעדער באַוועגונג פון קלאַרען אויף דער בינע און זיי האָבן געוואָלט

אויסגעפונען דעם סוד פון דעם נישט פאַרשטענדלעכן צויבער, וועלכן זי האָט געוואָרפן אויף אַלעמען.

זיי האָבן געמיינט צו אַנטדעקן אויף איר עפּעס אויסטערלישע קליידער, געוואָלט אָראָפּנעמען אויף זיך דעם „מאָדעל" און לאָזן זיך מאַכן פּונקט דיזעלבע קליידער — אָבער אויך די דאָזיקע האָפנונג זייערע איז נישט צו-וואָר געוואָרן. קלאַרע האָט געשפּילט אויף דער בינע אין די פּראָסטעסטע קליידער, וואָס האָבן אָבער אויף איר אויסגעזען ווי געטאָקטע און גלייך, ווי מיט צערטלעכ-קייט פון אַ געליבטן זיך געטוליעט צו איר לייב.

עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז גאַנצע שטעטלעך פרויען האָבן זי געהאַסט און צו דערזעלבער צייט געגעבן צו פילן זיי-ער ליבשאַפט.

מענער האָבן זיך נישט געוואַגט דערנענטערן צו דער זעלטענער שיינקייט פונם מיידל, אָבער פרויען האָבן אָנגעהויבן צו באַמיען זיך ווען איר סימפּאַטיע. זי האָט יעדן אָוונט אַרויפ-באַקומען אויף דער בינע פילע קאָרבן בלומען — פון פרויען. זי האָט באַקומען די שענסטע מתּנות, וועלכע עס האָבן איר צוגעשיקט פרויען „צום צייכן פון אָנערקענונג פאַר דער גרוי-סער קינסטלערין" — ווי דאָס איז געווען אָנגעשריבן אויף די בילעטן, וועלכע זענען געווען צוגעלייגט צו די שאַכטלען מיט חפצים.

ווען מען האָט אויף קלאַרעס פינגער דערזען צום ערשטן מאָל אַ רינג מיט אַ לענגלעכן, גלאַנציקן שטיין און ווען זי האָט אויסגעדריקט איר באַזונדערע „פּאַסיאָן" צו רינגען מיט אַזעלכע שטיינדלעך, האָט זי אין אַ קורצער צייט אַרום אויף אַלע אי-רע פינגער געטראָגן אַזעלכע רינגען, וועלכע זענען איר צוגע-שיקט געוואָרן פון פרויען.

אין וואָס עס איז באַשטאַנען דער דאָזיקער רייץ אירער פאַר פרויען — וועגן דעם האָט מען זיך צו אָפט געמוטשט אין דער טעאַטער-טרופּע „יאַנקל שיקסעניק", וועלכער האָט זיך

געהאַלטן פאַר אַ זעלטענעם „מבין אויף פרויען־הערצער", האָט אַמאָל אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז „קלאַרע זעט אויס ווי אַ יינגל און דערפאַר לויפן איר נאָך די פרויען ווי משוגענע"...

קלאַרע האָט ביי דער גאַנצער פרויאישקייט אירער אין דער אמתן טאַקע אויסגעזען ווי אַ יונגער בחור.

„דירעקטאָר פאָגעל", וועלכער האָט ווי געוויינטלעך, פאַרשטאַנען אויסצונוצן אַ יעדע מעגלעכקייט צו מאַכן „זבאָרן", האָט זי דעריבער געלאָזט צומערסט אויפטרעטן אין הויזן־ראָלן.

זי האָט דאַן געשפּילט קליינע יינגעלעך, וואָס זענען לויט די טעאַטער־טעקסטן אויסגעקומען אַלס גרויסע „לאָבוזלעך", וועלכע פירן אָן מיט דער גאַנצער אַקציע אויף דער בינע און פירן צו דערזעלבער צייט אַלעמען פאַר אַ נאָז.

קלאַרע האָט זיך אויך אַם בעסטן „געפילט" אין די הויזן־ראָלן, זי האָט די בינע אָנגעפילט מיט אַ זאָרגלאָזער פריילעכקייט, זי האָט זיך באַוועגט פריי און זי האָט מיט אַ נאַאיווער צערלאָזקייט אויפגעוועקט אין טעאַטער־עולם אָנגענעמע קיצלונגען.

זי האָט נאָכגערעדט די טעאַטער־פּראָזע פינקטלעך, ווי דאָס האָט פאַרגעשריבן דער טעקסט, אָבער דער עולם, וועלכער האָט געזען אַ צווייידייטיקייט אינם אויפטרעטן פון אַ פרוי אַלס אַ מאַנסביל, האָט אין אירע ווערטער אייביק אַרויסגעפונען יענע צווייידייטיקייט, וואָס ער האָט געזוכט.

מען איז פון טעאַטער אַהיים געגאַנגען אויפגערעגט, אונטער דער הויט האָט זיס געקיצלט דער רייץ פונם יונגען מיידל אין מענערישע קליידער און דעם אַנדערן טאָג איז דאָס טעאַטער ווידער פול געווען, צו דער בעסטער צופרידנקייט פון „יאַנקל שיקסעניק" און זיינע אַקטיאָרן.

זי האָט געפילט דעם וואַרעמען שטראָם פון פאַראינטערעסירונג, וועלכער האָט זיך געטראָגן פון פובליקום צו איר אַרויף אויף דער בינע. זי האָט איבערגעלעבט יענע מאָמענטן פון העכסטער

נמפפינדלעכקייט, וועלכע עס מאַכט דורך אַן אַקטיאָר אויף דער בינע, בעת דער שוואַרצער תּהום פון זאַל, געדיכט אויסגעפּילט מיט אַן עולם, שיקט אַרויף אויף דער בינע דעם נישט־זעבאַרן אָטעם פון באַוווּנדערונג.

זי איז געוואָרן אין איר אַקטיאָרישער אַמביציע געשטאַרקט דורכן שטראָם, וועלכן עס פילט באַלד אַרויס דער אַקטיאָר, אויב זיינע אַרויסטרעטונגען ווערן אָנגענומען מיט באַגייסטערטער סימפּאַטיע.

אַרום איר איז שטענדיק געווען אויף דער בינע אַן אַטמאָספער פון וואַרעמקייט, וועלכע קומט פון פּובליקום און וועלכע טרייבט דעם אַקטיאָר צו די העכסטע אָנשטרענגונגען צו באַווייזן זיין קונסט אין איר פולסטן אויפבלי: עס איז אַ שפּיל פון קעגנזייטיקייט צווישן אַקטיאָר און טעאַטער־עולם; איינער באַגייסטערט דעם אַנדערן און עס געווינען דערביי ביידע, דער צוזעער און דער אַקטיאָר.

קלאָרע איז וואָס אַ טאָג מער געוואָרן דרייסט אויף דער בינע. איר טאַלענט האָט זיך אַנטוויקלט אין דער פרוכטבאַרער לופט פון ערלעכער באַוווּנדערונג, וועלכע זי האָט אַרויסגערופן ביי די טעאַטער־געסט. זי איז פון דער בינע אַראָפּגעגאַנגען שטענדיק ווי אַ פאַרשיכורטע. זי האָט שפּעטלאַנג נאָכן ספּעקטאַקל, געטראָגן אין זיך עטוואָס פון דעם געצערטלטן אַקטיאָר, וועלכער גלויבט זיך באַרעכטיקט צו פאָדערן פאַראינטערעסירונג פון די אַרומיקע, אויך מחוץ די בינע־ברעטער, אַפילו, ווען ער שטייט שוין נישט מער אין גרעלן ליכט פון די ראַמפּן־לאָמפּן, ווען ער האָט שוין אַפילו אָפּגעווישט דעם שמינק פון פּנים און אַזוי אַרום אָפּגעווישט דעם פיזישן צווישנשייד, וועלכן עס לייגט אַרויף דער אַקטיאָר אויף זיין קערפּער, כדי אָפּצוטיילן זיך פון די זעער.

און אַזוי אַרום האָט זי זיך אַפילו נישט אָפּגעגעבן קיין רעכנשאַפט פון איר פּלוצלינגדיקן באַשלוס צוצוטרעטן נאָך אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג צו ווערדערן.

עס האָט איר אפשר אָנגערירט איר שוישפּילערישע אַמביציע, וואָס דוקא ווערדער האָט נישט ארויסגעוויזן קיין באַטייליקונג אין די שבחים, מיט וועלכע עס האָבן איר איצט נישט געקאַרגט די איבעריקע אַקטיאָרן אין גאַרדעראָב.

ווערדער, וועלכער האָט אין זיין אַפּאַטישער אָפּהענטיקייט געטון זיין בינע=אַרבעט, ווי אַ מלאכה, איז שטענדיק, באַלד נאָך אַ פאָרשטעלונג, פאַרשווונדן געוואָרן צוריק אין זיין האָטעלצימער, ווו ער האָט זיך פאַרנומען מיט לייענען זיינע משונהדיקע ביכער און טראַכטן וועגן זיינע חלומות. אויב אַפילו אין אים האָט זיך, ווען ס'נישט איז, אויפגעוועקט עפּעס, וואָס האָט געקענט פון אים אויפגעטייטשט ווערן אַלס אינטערעס צו זיין פריערדיקער געליבטער, האָט ער עס באַלד באַוווסטזיניק דערשטיקט אין זיך.

ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער טויג נישט מער פאַרן לעבן און האָט געהאַלטן, אַז באַנייען זיינע באַציונגען צו קלאַרען וואָלט געהייסן זיך אַליין ארויסרייסן פון "דער רו, וועלכע ער האָט זיך פאַרשאַפט, אָפּגרענעצנדיק זיך פון אַלץ וואָס איז געשען אַרום אים.

אָבער זיין פּאַסיווע נאַטור איז נישט פעאיק געווען זיך אַקעגנצושטעלן אַ פרעמדן ווילן. און דעריבער איז עס אויך געקומען, אַז ווען קלאַרע האָט אים נאָך דער פאָרשטעלונג פאַרגעלייגט, אַז ער זאָל זי באַגלייטן אין האָטעל, האָט ער ווי זעלבסטפאַרשטענדלעך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ” און ער האָט געדולדיק געוואַרט, ביז זי וועט פאַרטיק ווערן מיטן צונויפנעמען אירע בינע=זאַכן, זיך איבערטון און אָפּוואַשן.

ביידע זענען זיי פּלוצלינג שטיין געבליבן אין דער פינסטערניש פונם האַרבסטיקן דרויסן, וועלכער האָט זיך זיי אויסגעוויזן נאָך טונקלער, נאָך פוסטער, ווייל זיי זענען ארויסגעגאַנגען פון העל=באַלויכטענעם גאַרדעראָב, פונם לעבעדיקן טומל פון טעאַטער=קוליסן — גלייך אין דער שטילער ליידיקייט פון

אַ קליינשטעטלדיקער הארבסט=נאַכט.

דאָס מיידל האָט זיך דערנענטערט צו אים.

ער איז געגאַנגען אַ האַלבן שריט פאַר איר, ער האָט מיט די פיס אויסגעטאַפּט דעם וועג פאַר זיך און פאַר איר און האָט איר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די אומגלייכקייטן פון טונקלען וועג.

דאָס זענען געווען בלויז געציילטע ווערטער, וועלכע זיי האָבן אויסגעטוישט צווישן זיך.

ערשט, ווען עפּעס אַ פאַרבלאָנדזשעטער דאָרפס=הונט האָט זיך אינם טונקל אָנגעשטויסן אין קלאַרעס פיס און דאָס מיידל האָט אויפגעשריגן פאַר שרעק איז ער שטיין געבליבן.

זי האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט.

— פאַרוואָס אַנטלויפסטו פאַר מיר? — האָט זי געפרעגט

— לאָמיך דיר נישט נאָכלויפן! אויב איך בין שוין צוגעגאַנגען צו דיר, מעגסטו מיך דאָך צו באַגלייטן צום האָטעל! עס וועט דיר דאָך חלילה גאָרנישט געשען!

ער האָט איר אויף דעם נישט געענטפערט. שווייגנדיק האָט ער זי גענומען אונטערן אָרעם.

זייער וועג האָט געפירט אונטער אַ קליינעם באַן=טונעל, וועלכער איז געלעגן שוין נישט ווייט פונם האָטעל, וועמענס שפּאַרע ליכטער האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דעם אַרומיקן טונקל.

אינם טונעל איז געווען פינסטער און ווערדער האָט אָנ=געצינדן אַ צינדערל.

ווי צוגעקלעפּט צו דער וואַנט פון טונעל איז געווען אַ הילצערןביידל פאַרן וועכטער.

פאַרן ביידל איז געשטאַנען אַ קליינע באַנק.

זיי זענען ביידע שטיין געבליבן און ווען דאָס צינדערל איז אויסגעגאַנגען, האָבן זיי זיך כמעט אין דער זעלבער רגע אַנידערגעזעצט אויף דער באַנק.

אַזוי זענען זיי אַ ווײַלע געזעסן אין שווייגן און ווערדער

האָט דייטלעך געהערט דאָס נערוועזישע קלאַפּן פון זיין האַנט־זייגערל.

איינס נאָך איינס האָבן זיך אויסגעלאָשן די פענסטער פונעם האָטעל, וועלכעס איז געלעגן פונקט אַקעגנאיבער דעם אויסגאַנג פון טונעל. קלאַרע האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן;

— דאָס גייען אַזוי אויס די ליכטער פון אונזער גליק...

— יאָ, — האָט ווערדער געענטפערט — דאַכט זיך, מיר שטרענגען זיך אָן אומזיסט. דאָס, וואָס איז געווען, וועט זיך נישט אומקערן...

אים האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע ווער־טער האָט ער שוין ערגעץ באַגעגנט אויף דער בינע און ער האָט אָנגעהויבן שטילערהייט לאַכן צו זיך אַליין.

דאָס מיידל האָט זיך אַ וואָרף געטון.

— וואָס לאַכסטו?

— גאָר נישט. מיר קומט צום באַוווסטזיין די גאַנצע קאָ־מישקייט פון אונזער באַציאונג! אָט זיצן מיר צוויי יונגע מענטשן און רעדן נאָך טעאַטער־פראַזן, אָנשטאָט צו געפונען אייגענע ווערטער.

בין איך דאָס שולדיק אין דעם?...

זי האָט גערעדט אונטער טרערן, זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים און ווערדער האָט געפילט די הייסקייט פון איר אָטעם, וועלכער האָט אים געוואַרעמט זיין אָרעם.

מיט זיין האַנט האָט ער זי געגלעט איבערן פנים און ווען ער האָט דערפילט די וואַרעמע גלאַטקייט פון אירע באַקן, האָט ער זיך אַריבערגעבויגן איבער איר קאָפּ און זי געקושט אין די אויגן.

זי האָט אויפגעשוידערט:

— זאָג, יולעק, וועט שוין ווידער זיין גוט?

ער האָט איר נישט געענטפערט. ער איז פויל געווען צו עפענען דאָס מויל.

ער האָט זיך געפילט ווי אין אַ האַלב־דרימל, ווען מען האַלט שוין ביים אַנטשלאָפן ווערן, ווען דער ווילט־ג פון נאָענטן שלאָף פאַרטרייבט אַ יעדן ווילן צו אַן אומנויטיקער באַוועגונג.

אים איז גוט געווען צו וויסן נעבן זיך דעם קערפּער פונם מיידל, וועלכער האָט אים געוואַרעמט.

אין זיינע גלידער האָט זיך גענומען פאַרשפּרייטן אַ שלאָפ־קייט, יענע אָנגענעמע ווילנלאָזיקייט און שלאַפקייט פונם שלאָף, וועלכער דאַרף באַלד קומען.

— איך בין שלעפעריק — האָט ער זיך געפּיעשטשעט ווי אַ קינד, צוגעדריקט זיך צו איר, איינגעניורעט זיך אין דער וואַרעמקייט.

— נו, גוט, שלאָף מיין יינגעלע. דיין מאַמעלע וועט דיך איינוויגן...

זי האָט אים זיין קאָפּ אַנידערגעלייגט אויף איר שויס, זי האָט אים געגלעט מיט אירע שמעקנדיקע הענט און געזונגען מיט אַן איינגעהאַלטענער שטים אַ וויג־לידל.

ער איז באַלד איינגעשלאָפן.

זי האָט געהערט זיין אָטעם, זי האָט געפילט די וואַרעמ־קייט פון זיין הויך אויף איר האַנט, וועלכע האָט אים אונטער־געהאַלטן דעם קאָפּ. זי איז געזעסן נישט־גערירט און האָט אין דער פינסטערניש געפּרוּווט אַרויספילן די באַזונדערע טיילן פון זיין קערפּער, וועלכן זי האָט אַמאָל אַזוי געליבט.

דער רעגן איז שטאַרקער געוואָרן.

זי האָט געהערט דאָס פּאַטשן פון די רעגן־שנורן אויף דער נאַסער ערד.

עס איז געווען אַ רוישן אין דער לופט פון ווינט און רעגן.

זי האָט געוואָלט אַדורכדרינגען די פינסטערניש, וועלכע האָט זיך געלייגט ווי אַ שווערער צודעק אויף אַלץ און איר פאַרשטעלט דעם אויסקוק.

זי האָט שוין נישט געקענט אונטערשיידן, ווו עס געפונט זיך דער אויסגאַנג פון טונעל.

דאָס טונקל און דאָס מאָנאָטאָנע רוישן פון רעגן האָט זי ווי פאַרוויגט אין אַ קאָשמאַרדיקן דרימל.

איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן. זי האָט זיך אַ וואָרף געטון און זיך אויפגעכאַפּט.

— ווי לאַנג בין איך געשלאָפן — האָט זי געפרעגט בײַ זיך — אַ שעה, אַ רגע?

זי האָט געפילט דעם שלאָפנדיקן חערדער אויף זיך, אַלץ שווערער און שווערער.

נאָר איינס האָט זי געדענקט, אַז זי טאָר זיך נישט רירן, כּדי אים נישט אויפצוּוועקן.

אַ קעלט איז איר געגאַנגען אין די אבֿרים פון דער פייכטער ערד.

די פיס זענען איר פאַרשטאַרט געוואָרן:

די קעלט איז איר געגאַנגען פון אונטן אַרויף, העכער און העכער.

זי האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ אויף איר ברוסט, געוואַרעמט זיך מיט איר אייגענעם אָטעם.

— עס איז גוט אַזוי — האָט זי געקלערט — עס וועט מיר שוין ווערן וואַרעמער.

חערדער האָט זיך איבערגעדרייט אין שלאָף. ער האָט אַ פאַרשלאָפענער, אַלץ מער אַראָפּגעשלעפּט פון איר דעם מאַנטל, מיט וועלכן זי האָט צוגעדעקט אים און זיך.

— אָרעם קינד מיינס — האָט זי געטראַכט מיט ליבשאַפט — אים איז קאַלט...

זי האָט פון זיך אַראָפּגענומען דעם מאַנטל און צוגעדעקט אים אינגאַנצן:

— שלאָף, שלאָף טייערינקער.

אזוי איז זי אָפּגעזעסן אין דער נאַכטיקער קעלט עטלע־כע מינוט.

אירע אויגן האָבן זי געברענט.

דער פעטער שמינק, וועלכער איז איר, כאָטשן אָפּווישן, גע־בליבן ליגן ערגעץ אין די קליינע פעלבלעך פון די אויגן־דעק־לעך, האָט גענומען שמעלצן, אריינרינען איר אין די אָפענע אויגן און ברייען.

זי האָט געוואָלט אדורכרייבן זיך די אויגן, זי האָט שוין האַלב אויפגעהויבן די האַנט, אָבער זי האָט זיך געכאַפּט, אז דאָס קען אויפוועקן דעם שלאָפנדיקן.

זי האָט פארמאַכט די אויגן.

ערגעץ אין דער ווייטקייט פונם שלאָפנדיקן שטעטל האָט בעקרייעט אַ האָן.

— ער האָט אַ טעות, — האָט קלאָרע געטראַכט — אים דאַכט זיך אויס, אַז עס איז שוין באַגינען.

דעם האָן האָט אָפּגעענטפערט דאָס בילן פון אַ הונט.

דאַן איז ווידער געוואָרן שטיל.

אזוי איז זי געזעסן מיט פארמאַכטע אויגן, אָבער זי האָט זיך אויסגעהיטן איינצושלאָפן.

לייכט, לייכט האָט זי פון אונטער ווערדערן אַפּירגעשלעפּט די לינקע האַנט, וועלכע האָט איר אָנגעהויבן אַנטשלאָפן ווערן.

מיט אירע פינגער האָט זי אים געגלעט: אַט־אָ־דאָס זע־נען די אויגן, די שיינע. דאָס די אויערן. די נאָז, די ווייכע קינדערישע ליפּן. די הענט. די ברוסט. די שענקלען.

אויף אַמאָל האָט זי זיך דערמאָנט:

— ווער ווייסט, צי ער האָט מיך נאָך ליב? ער האָט מיך דאָך פארלאָזט!

טרערן זענען איר געקומען אין די אויגן, זי האָט זיי גישט אָפּגעווישט און געפילט די ריבענדיקע הייסקייט איבער אי־רע באַקן.

— פאַרוואָס האָסטו מיר געטון אַזעלכעס? פאַר וועלכן? מיט וואָס האָב איך זיך פאַרזינדיקט אַקעגן דיר?

דורך איר מוח האָבן זיך איצט געיאָגט בילדער, ווי אויף דער ליינווַנט פון אַ קינאָמאַטאָגראַף.

דער פרימאָרגן, ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, געפונענדיק דאָס בעט ליידיק, זיין צעטעלע אויפן שטול נעבן בעט.

די שווערע טעג פון דערוואַרטונג, פון האָפן, אַז היינט וועט ער קומען און ווען דער היינט איז פאַרגאַנגען — ער וועט קומען מאָרגן.

איר בענקשאַפט אָן אַ גרענעץ און איר שרעק.

אין טרופּע האָט מען אויף איר געקוקט, ווער מיט באַדויערן, ווער מיט אָפּשפּעטעריי.

דער פּחד, ווען זי האָט שוין געוווּסט אויף באַשטימט, אַז זי וועט ווערן מוטער.

זי שרייט אויס זיין נאָמען אין די שלאָפלאָזע נעכט מיט פאַרמאַכטע ליפּן.

זי רופט אים צו זיך איבער דער ווייטקייט פון שטעט און שפּעט-זומערדיקע פעלדער.

— ער מוז עס דערפילן, אַז איך רוף אים! ער מוז מיך דערהערן...

בריוו זענען געבליבן אָן אַן ענטפער.

זי האָט זיך מודה געווען פאַר די פרויען אין טרופּע.

„ער האָט פון דיר חוזק געמאַכט, נאַרעלע. ער איז פּונקט ווי אַלע. אויסגעזויגן און אַוועקגעוואָרפן"...

מאַדאַם פּוטער האָט זי געפירט צום קליינשטעטלדיקן דאָקטאָר.

איר שעמעוודיקייט זיך צו אַנטבלויזן.

ער איז געווען אַ גוטער, דער דאָזיקער דאָקטאָר. מאַדאַם פּוטער האָט אים געבעטן און ער האָט מסכּים געווען.

דער שרעקלעכער שמערץ, וואָס האָט איר זיך פּלוצלינג אַריינגעביסן אין אַלע אירע גלידער.

די קאַלטקייט פון די שטאָלערנע אינסטרומענטן, די קאַלטקייט פון דער צעראַטע אויף דער קאָסעטקע אין דאָקטאָרס צימער.

ער האָט עפּעס אַרויסגענומען פון איר, אַ פאַרבלוטיקטס אַריינגעלייגט עס אין אַ צייטונג=פּאַפּיר, וועלכעס איז אָנגעלאָפן רויט. מאַדאַם פוטער האָט דאָס אַריינגעוואָרפן אין אַ קויט-גרוב. זי האָט דאָס אַליין געזען.

און דאַן זענען געקומען די שלעפנדיקע טעג פון ליגן נישט גערירט.

טעג, ווען אַ יעדע רגע האָט געדראָט מיט שאַנד און טויט.

און ער איז נישט געווען דערביי.

ער האָט איר אפילו נישט געשיקט אַ וואָרט פון טרייסט.

ווערדער האָט זיך צורעכט געמאַכט אין שלאָף. ער האָט איבערגעדרייט דעם קאָפּ.

דאָס מיידל האָט עפּעס געפילט פאַלן אויף איר האַנט עפּעס וואַרעמס און קלעפּריקס.

זי האָט אים מיט אירע פינגער אָנגערירט דאָס מויל.

אַ שפּייכל איז אים געריבען פון זיין מויל=ווינקל.

זי האָט מיט אַ ריס אַוועקגענומען איר האַנט.

זיין קאָפּ איז איר שווער געפאַלן אויפן שויס.

אין איר האָט זיך מיטאַמאָל ווי עפּעס אָפּגעריסן.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט און זיין קאָפּ האָט האַרט אַ קלאַפּ געטון אין דער באַנק.

אַן עקל אין איר איז געוואַקסן.

זי האָט אין אירע שפּיץ=פינגער דערפילט דעם חשק אים אָנצונעמען פאַרן האַלז און צו וואַרגן.

זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן שלאָפנדיקן און האָט

מיט די פינגער אָנגעטראָפן אויף זיין בישט ראַזירטער באָרד:

— ווי אַ חזיר ליגט ער! — איז איר אַדורכגעלאָפן דער געדאַנק און זי איז אַוועקגעגאַנגען פון אים.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער אויפגעציטערט אונטער דער קעלט פון דער האַרבסטיקער נאַכט.

מיט פאַרגליווערטע פינגער האָט ער אָנגעצינדן אַ ציגאַרעל, דאַן האָט ער זיך צוריקגעלייגט.

ער איז געשלאָפן צום ערשטן מאָל זינט פילע טעג רויק, פעסט און אָן חלומות.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז עס שוין געווען באַגינען.

XIX

אויפֿן אייז פֿון גרענעץ־טייך

די האַרבע קעלט פֿונם פֿרימאָרגן האָט אים דערפֿרישט.

ער איז געגאַנגען אין דער ליכטיקייט אַ פֿריילעכער, אַן אויפֿגעלעבטער.

ער האָט זיך געפֿילט, גלייך וואָלט ער פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן אַ משא, וועלכע האָט אים געדריקט.

מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ האָט ער אַ מונטערער געשפּרייזט איבערן וועג.

ווען ער איז צוגעקומען צום עק שטעטל, איז ער אַראָפּ פֿון וועג און האָט זיך געלאָזט גיין איבער דער ווייכער ערד פֿון נאַקעטע פֿעלדער.

די ערד האָט זיך געקלעפּט צו זיינע שיך, ער האָט שווער געהויבן די פֿיס. אַלעמאָל איז ער שטיין געבליבן און האָט אַראָפּגעקראַצט דעם ליים פֿון זיינע זוילן.

די פֿעלדער זענען געלעגן שטילע, ווי אָפּגעגאָלענע פֿון שניט.

די ראָסע, וועלכע איז פֿאַרפֿרוירן געוואָרן פֿון דער קעלט פֿון שפּעט־האַרבסטיקן באַגינען, האָט זיך געלייגט, ווי אַ זילבערנער טיול אויף די צעאַקערטע גרודעס.

עס האָט געבלאָזן אַ ווינט, וועלכער האָט אים אַריינגעטראָגן אין דער נאָז דעם ריח פֿון פֿייכטקייט און די שמעקנ־

דיקע געזאַלצנקייט פון ערשטן פראָסט.

פון די פעלדער איז געגאַנגען אַ פּאַרע, וואָס האָט זיך אים צוגעקלעפּט מיט אַ פייכטער איינגעשפּאַרטקייט צו זיינע קליידער, ער האָט אויף דער הויט געפילט די פרישקייט פון פרימאָרגן, ווי אַ קאַלטן באָד נאָך אַ שלעכט-אַדורכגעשלאָפענער נאַכט.

דער ווינט האָט אויפגעהערט און עס האָט אָנגעהויבן וואַרעמען די זון. זיינע קליידער האָבן געדאַמפט, דער הויך פון זיין מויל האָט זיך געטראָגן פאַר אים אין דער לופט, ווי אַ קליין וואָלקנדל רויך.

ווען ער האָט דערזען פאַר זיך אַ קליין בערגל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון צווישן די נאַסע אַקערוועגן, איז ער אַרויפגעגאַנגען. ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט אויפן סאַמע שפּיץ, האָט אַריינגעלייגט צוויי פינגער אין מויל און האָט גענומען פייפן. קורץ, שאַרף און הילכיק. פון אַ דאָרף, וואָס איז געלעגן הינטער די פעלדער, האָט אים אָפּגעענטפערט דאָס בילן פון אַ הונט. ער האָט זיך צעלאַכט און האָט זיך געוואָרפן אויף דער ערד.

ער איז געלעגן מיט די הענט צוקאָפּנס, די פיס אויסגעשטרעקט פאַר זיך און האָט געקוקט אויפן הימל, ווו עס האָבן זיך געיאָגט וואָלקנס.

די זון, וועלכע האָט אין איר אויפגאַנג זיך אַלעמאָל מער דערנענטערט צום בערגל, האָט אים געשיינט אין פּנים אַריין.

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. אונטער די דעקלעך האָט זיך אים געלייגט אַ רויטער שיין. ער האָט זיך געפרייט מיט דער דאָזיקער ליכטיקייט. ער האָט עטלעכע מאָל די אויגן צוגעמאַכט, אויפגעעפנט און ווידער פאַרמאַכט.

פיל-פאַרביקע פייערלעך, גרינע פיר-קאַנטלעך דרייען זיך אין אַ ראָד, בלויע רינגלעך שאַפן געאָמעטרישע פיגורן, פלימערן באַלד רויט און באַלד גרין, לויפן אין לאַנגע שורות, צעטיילן

זיך, דערנענטערן זיך ווידער און פארקניפן זיך אין א גרויסן רינג. פיאָלעטע ראָמבן, טראַפּעזן און דרייקאַנטלעך פירן אויס עפּעס א ווילדן טאַנץ. און אַלעמאָל לויפן אָן פרישע פייערלעך און ווידער אין נייע געשטאַלטן, אין נייע פאַרבן. ביז אַלע נעמען זיך אָן ווי פאַר די הענט, ווערן א לאַנגע שלאַנג, וועלכע דרייט זיך אָן און אָנהויב, אָן א סוף אין ספּיראַלדיקע פיגורן, אַלץ שנעלער און שנעלער. אין די אויגן איז געבליבן בלויז איין גרויסער פייערדיק=געלער רינג, וועלכער האָט זיך עליפּטיש געקנייטשט און געשלענגלט, ביז ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אינגאַנצן.

ער האָט זיך אויפגעזעצט.

אַזוי ווייט ער האָט דערלאַנגט מיט זיין בליק, האָט ער געזען די אויסגעשפּרייטקייט פון פעלד, וועלכע האָט זיך געוואַרעמט צו דער זון. אויפן סאַמע ברעג פון האָריזאָנט האָט ער באַמערקט א קו, וואָס האָט אַריינגעמרוטשעט אין דער שטילקייט א לאַנג=געצויגענעם ברומען.

אים איז געפעלן געוואָרן זיין איינזאַמקייט. עס איז אין אים וואַך געוואָרן דער ווונטש, ער זאָל שטענדיק אַזוי בלייבן אַליין, דערווייטערט פון מענטשן.

ער האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן פאַרשטיין דעם רייץ פון וואַנדערן אָן א ציל, נישט האָבנדיק פאַר זיך קיין ווו=אַהין, נישט האָבנדיק הינטער זיך קיין צוריק.

ער האָט באַנומען דעם איינגעשלעפערטן און מאָדערנעם מענטשן, חשק צו וואַגאַבונדעריי, צו גייען און צו גייען, צו שלעפּן זיך איבער דער וועלט, נישט באַשווערט פון זאָרג, נישט געדריקט פון פליכטן און פאַרפליכטונגען.

ער האָט מקנא געווען די בעטלערס, די דאָרף=און=שטאָט=גייערס, וואָס טראָגן אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגן אויף זייער אייגענעם לייב, וואָס האָבן קיין היים, קיין קישן, ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, קיין דאַך איבערן קאָפּ.

ער האָט פאַרשטאַנען אין יענע רגע דעם זינען פון רייהייט. דעם זעלטן-שיינעם חן פון באַפרייטן יחיד.

אָבער, ווען ער האָט דערהערט דאָס בענקנדיקע לידל, וועלכעס עמעץ האָט אויסגעפייפט אויף אַ דאָרפישן פייפערל, איז ער אויפגעשטאַנען און האָט זיך געלאָזט גיין צו דעם אָרט, פון וואַנען צו אים האָט זיך געטראָגן דאָס פייפן.

ער האָט האַסטיק געשפאַנט איבער די קלעפיקע גרודעס, זיינע פיס זענען אים אָפטמאָל איינגעזונקען געוואָרן אין ליים, אָבער ער איז געלאָפן, כאָטש דער שווייס האָט אים אָנגעהויבן באַגיסן, כאָטש ער האָט געפילט, ווי דער ווינט טרוקנט אים די פייכטע הייסקייט פון זיין פנים, פון זיין נאַקן.

אַ קליין, אוקראַאיניש שייגעצל איז געשטאַנען, האָט געהיטן די קו און האָט געציטערט פאַר קעלט. זיינע באָרוועסע פיסלעך זענען געווען בלוי-און-בלאָ און ווערדערן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער שאַרפער ווינט וועט אַ יעדע ווילע אַרויספרעסן פון אונטער דער דיגער, קינדישער הויט רויטע בלוט-שטרייפן. דאָס איז געווען דער שפּילער אויפן פייפערל.

ווען ער האָט דערזען דעם אָנלויפנדיקן, האָט ער אויפגעהערט צו שפּילן.

דאָס פייפערל האָט ער באַהאַלטן אונטערן בוזעם.

ער האָט געקוקט אויף ווערדערן מיט דערשראָקענע אויגן מיטן אומצוטרוי פון אָרימע דאָרף-קינדער. ווערדער האָט מיט אים געפרווט פאַרפירן אַ שמועס, אָבער יענער האָט אים נישט געענטפערט.

ער האָט בלויז געקוקט אויף ווערדערן פון דער זייט. זיינע בלויע אויגן האָבן זיך ווערדערן אויסגעוויזן צו זיין קאַלט און נאַריש, ווי בלויע, גלעזערנע גאַלקעס.

אַ פונק פון פרייד און גיריקייט האָבן די אויגן אַרויסגעוויזן ערשט דאַן, ווען ווערדער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין טאַש. האַסטיק האָט ער אַרויסגעריסן פון ווערדערס האַנט

דעם באַנקנאָס. ער האָט אַ שמיץ געטון דער קו מיט אַ צווייג. האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַוועקגעגאַנגען.

ווען ער איז שוין געווען אַ פּאָר שריט ווייטער, האָט ער זיך אומגעקוקט און האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן לויפן. די קו איז אים נאָכגעלאָפן. ווערדער איז ווידער געבליבן אַליין.

ער איז אַראָפּ פון פעלד און איז געגאַנגען אַנטלאַנג דעם באַן=אויפשיט. אַ סחורה=צוג איז פאַרבייגעפאָרן.

צו מערסט זענען דאָס געווען רויט=לאַקירטע וואַגאָנעס, מיט רוסישע אותיות, וועלכע מען האָט נאָך נישט באַוויזן איבערצומאָלן אויף פויליש.

„עראָבערטע וואַגאָנעס ביי די באָלשעוויקעס, בעת דער לעצטער מלחמה" — האָט זיך דערמאַנט ווערדער.

ער איז שטיין געבליבן פאַר די וואַגאָנעס, וועלכע זענען פאַרבייגעפאָרן נעבן אים, איינער נאָכן אַנדערן אין אַ לאַנגער שלעפּנדיקער שורה, קלינגענדיק מיט אייזן און האָלץ.

די רויטקייט פונם צוג האָט אים געבלענדט.

ער האָט נישט געקענט קוקן לענגער און ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, ווי פאַר דער זון.

ער האָט שטיל פאַר זיך איבערגעחזרט די אויפשריפט, וואָס האָט זיך אים אָנגעהויבן איינהאַקן אין זכרון; ווייסע אותיות אויסגעמאָלן אויף דער רויטקייט פון די וואַגאָנעס.

— ר. ס.פ. ס. ר.*)

ער האָט זיי גערעדט צום טאַקט פון פאָרנדיקן צוג:

ער=עס=עפּ=עס=ער! ער=עס=עפּ=עס=ער! ער=עס=עפּ=עס=ער"!...

אַזוי לאַנג ער האָט נאָך געהערט דאָס קלאַפּן פון די רעדער, האָט ער ווי אין אַ רויש גערעדט די נעמען פון די

*) דער פריערדיקער נאָמען פון סאָוועט=רוסלאַנד.

אותיות. דער צוג איז שוין געווען ווייט אוועקגעפאָרן, אָבער ווערדער איז אים נאָכגעגאַנגען.

זיינע שריט האָט ער געשטעלט צום טאַקט:

— „ער=עס=עפּ=עס=ער! ער=עס=עפּ=עס=ער!

אַזוי איז ער אָנגעקומען צו דער דאָרפישער באַן=סטאַציע.

דער מאָרזע=טעלעגראַף האָט געקלאַפּט.

ווערדער, וועלכער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק אונטערן פענסטער פון דער באַן=קאַנצעלאַריע, האָט דייטלעך געהערט דאָס ריטמישע קלאַפּן פונם טעלעגראַף=שליסל, מיט וועלכן דער יונגער באַן=באַאַמטער האָט אוועקגעשיקט זיינע מעלדונגען צו דער ווייטערדיקער סטאַציע וועגן אָנקומען פונם רייטן סחורה-צוג.

דער באַנהאָף איז געלעגן אַ פאַרלאָזענער. בלויז די מאַשין האָט גערוישט און האָט אַרויסגעשיקט אין דעם מאָרגן אַריין איר אומגעדולדיקן פייפן, גלייך וואָלט דער צוג זיך געריסן צו דער ווייטקייט, ווי ס'וואָלט אים נמאס געווען צו וואַרטן אויף דער אָפּגעלעגענער סטאַציע.

ווען דער באַאַמטער האָט שוין פאַרענדיקט זיין טעלעגראַפירן, איז ער אַרויסגעגאַנגען.

ער האָט דערזען דעם זיצנדיקן ווערדער און האָט אויף אים געקוקט מיט חשד.

— דער באַנטסטער פערזאָנען-צוג גייט ערשט אין עלף שעה אַרום — האָט ער געזאָגט.

ווערדער האָט זיך געלאָזט גיין צו פוס אין דאָרף אַריין.

פאַרן ערשטן קרומען פּלויט, וועלכער האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער איז צוגעגאַנגען נענטער צו דעם קליינעם באַדרוקטן צעטעלע, וועלכעס איז געהאָנגען צוגעקלעפּט צו אַ פאַרפוילטן ברעט.

דער ווינט האָט געריסן דאָס צעטעלע און ווערדער האָט עס גענומען אין האַנט.

דאָס איז געווען אַ פּראָקלאַמאַציע אויף אוקראַאיניש.

דער ווינט האָט זי אים אויסגעריסן פון דער האַנט.

ווערדער האָט נאָכגעקוקט דעם פליענדיקן בלעטל; עס האָט זיך געדרייט אין ווינט, וועלכער האָט עס אויפגעכאַפּט און געטראָגן אין דאָרף אַריין.

ער איז נאָכגעגאַנגען דעם פליענדיקן פּאַפּיר, אַזוי לאַנג ביז עס איז געפאַלן אין וואַסער.

אויפן טייך האָט זיך דאָס רויטע בלעטל אויסגעשפּרייט און איז מיטגעשווומען מיט די כוואַליעס.

★ ★ ★

גאַנצע טעג איז ער איצט געגאַנגען אַנטלאַנג דעם טייך, צוזאַמען מיטן שווימנדיקן וואַסער, קיין מזרח צו.

ווען ער האָט באַגעגנט אַ דאָרף אויף זיין וועג, האָט ער עס אויסגעמיטן.

אין די קליינע שטעטלעך איז ער געקומען בלויז אָוונט־צייט, האָט אַדורכ־געשלאָפן די נעכט אין אָרימע, יידישע שטובן און צו מאָרגנס האָט ער זיך געלאָזט ווייטער גיין זיין וועג.

ער האָט פאַרלוירן דעם חוש פאַר דער צייט, די טעג און נעכט האָבן זיך אים אויסגעמישט צו אַ לאַנגער קייט פון דער־וואַרטונג און פרייידיקער האָפנונג.

דער הארבסט האָט זיך געענדיקט. די פרימאָרגנס זענען אויפגעשטאַנען, וואָס אַמאָל מער טונקלערע.

זיינע וועגן האָבן זיך געשפּרייט פאַר אים באַשאָטענע מיט די ערשטע שנייען. די פאַרפרוירענע ערד האָט אָפּגעקלונגען זיי־נע שריט.

אַזוי איז ער געגאַנגען און געגאַנגען גאַנצע טעג ביז ער האָט דערפילט אַ מידקייט אין זיינע גלידער. דאַן האָט ער

אַ־געקלאַפּט אין דעם ערשט־ בעסטן, יידישן הייזל, וועלכעס איז געשטאַנען אין וועג.

ער האָט דערפילט די אָרעמקייט, וועלכע האָט אים גע־דריקט מיט האַרטע גלעגערס, צעשטאָכן אים זיין לייב מיט שפּיציקע שטרויען פון אדורכגעפוילטע שטרויזעק.

ער האָט דערפילט דעם ריח פון האָפנונגסלאָזן דלות, דעם שטינקנדיקן ריח פון סטענכלע שמאַטעס אין קבצנישע, יידישע שטובן.

ביז ער האָט איינמאָל נישט געקענט אויפשטיין פון בעט.

עס האָט אים צענומען די אָנשטרענגונג פון זיינע וואַנ־דער־טעג, דער שאַרפער ווינט איז אים געלעגן אין די אברים און האָט זיך געשפּאַרט פון אונטער זיין צעהיצטער הויט.

ער איז געלעגן אין אַ הויכן פיבער. דער קאָפּ האָט אים געשמאַרצט צום צעשפּרונגען ווערן. דאָס בלוט אין זיינע אָדערן האָט זיך געיאָגט מיט האַסטיקייט; אין די לונגען האָט עס אים געשטאָכן. די צונג איז אים אויסגעטרוקנט געוואָרן ווי אַ שטיק לעדער. אין קאָפּ האָט עס אים געהאַמערט.

ער האָט זיך דערשראָקן.

ער האָט געוווּסט, אַז איבער אים לאָקערט אַ שווערע קרענק.

ער איז אריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג. ער האָט זיך שטאַרקער איינגעהילט אין דער קאָלדרע, פון וועלכער די וואַטע האָט זיך געשטופּט פון הונדערטער לעכער. ער האָט געקוקט די ברודיקע, צעקנייטשטע האַנט פון דער יידענע, וועלכע האָט אים צוגעטראָגן הייסע טיי אין אַפּגעהאַקטע טעפּלעך.

ער האָט מורא געהאַט צו שטאַרבן און האָט אָנגעשטרענגט זיין גאַנצן ווילן אום גובר צו זיין די היץ, וועלכע איז אים באַפאַלן אין די אָונטשעהן, ווי אַ גרויסער, ווילדער פויגל, וואָס האָט געפלאַטערט מיט צעשפּרייטע פליגל, אָניאָגנדיק אויף אים הייסע ווינטן.

ווען ער האָט געפילט, אַז אים דראָט צו פאַרלירן דאָס
באַוווסטזיין, האָט ער געשריגן.

אַזוי אַרום איז עס נישט איינמאָל געלונגען אויסצומיידן
דאָס שרעקלעכע; ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער קרענק.

ביז זי האָט אים גובר געווען.

ער האָט געפילט, אַז לענגער וועט ער נישט קענען ביי=
קומען דער הינטערליסטיקייט פון פיבער און ער האָט זיך אונ=
טערגעגעבן; פאַרמאַכט די אויגן.

ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם ווילדן טאַנץ פון די
שטוב=זאַכן, וואָס האָבן אין זיין צערפיבערטער פאַנטאַזיע זיך גע=
דרייט אין אַ ווילדן ראָד; דער טיש האָט זיך געדרייט אינמיטן
שטוב מיט אַ קאָפּפאַרדרייערישער שנעלקייט, ווי אַ ווילד צעיאָגט
ראָד.

די בענקלעך האָבן זיך אָנגענומען פאַר די פיס, איינס
פאַרפלאָנטערט אין אַנדערן און האָבן זיך געהויבן אין דער לופטן,
טאַנצנדיק איבער דעם טאַנצנדיקן טיש.

דאָס בעט האָט זיך אָנגעהויבן דרייען מיט אים אַלץ שנע=
לער און שנעלער.

עס האָט אים געטראָגן אין די לופטן און דאַן ווידער האָט
אַלץ אָנגעהויבן פאַלן. מיט אַ קלאַפּ איז עס צוגעפאַלן צו דער
ערד און ווערדער האָט אויפגעמאַכט די אויגן.

די שטוב איז געווען ליידיק, ער איז געלעגן אייגער אַליין
אין דעם פרעמדן בעט.

ביי דער טיר האָט געצאַנקט אַ קליין נאַפט=לעמפּל.

עס איז געווען אָוונטצייט און זיין אָרעמע באַלעבאָסטע
איז אַוועקגעגאַנגען, פאַרשליסנדיק הינטער זיך די טיר.

ווערדער האָט דערהערט דאָס קלאַפּן פונם קליינעם, ניקל=
נעם זייגערל, וועלכעס איז געהאָנגען אויף אַ קייטל איבער זיין
בעט. ער האָט זיך געוואָלט אויפהויבן אַ קוק טון, וויפל ס'איז

דער זייגער, אָבער ער האָט נישט געקענט. ער האָט געפילט אַ אָנמאַכט אין זיין גאַנצן קערפּער.

דאָס שטילע קלאַפּן פון זייגערל איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן און שטאַרקער. עס האָט אָנגעהויבן קלינגען מיט קליינע זילבער־גלעקלעך, וואָס האָבן געקלונגען ווי גלאָז. די זילבער־גלעקלעך זענען געוואָרן צו אַלץ גרעסערע און גרעסערע גלאָקן, וואָס האָבן זיך געוויגט אויף הויכע טורעמס.

ביז עס האָבן אים אין די אויערן גענומען קלינגען אַלע גרויסע קלויסטער־גלאָקן פון דער וועלט.

אַ יעדער קלינג האָט זיין אויער געטראָפן ווי אַ דונער. דער דונער איז געוואָרן צו אַן אומאויפהערלעכן ברויזן פון שטורמווינטן.

די טורעמס זענען איינגעפאַלן, אומגעוואָרפענע פון שטורם, די גלאָקן האָבן זיך געטראָגן אָפּגעריסענע אונטער שוואַרצע הימלען, אין אַ לאַנגער, ווילדער שורה ווי בלעטער, וואָס עס טראָגט דער ווינט.

איין גלאָק האָט זיך אָפּגעריסן פון דער שורה און איז אַנידערגעפאַלן אויפן קראַנקן.

ער האָט זיך געפּרוווט ווערן מיט די הענט, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן.

איין גלאָק נאָכן אַנדערן איז געפאַלן איבער אים מיט אַ מוראדיקן קלינג, וואָס האָט אים פאַרטויבט.

ער האָט זיך אונטערגעגעבן דער מאַכט פון פיבער.

* * *

ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל נאָך זיין קרענק אַרויס אין דרויסן, האָט ער זיך געשאָקלט אויף די פיס.

ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט אין דער צעפּאַלטענער וואַנט פונעם הייזל. דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט און

ער האָט געמוזט אָפּוואַרטן אַ לאַנגע רגע, ביז ער האָט זיך ווי־דער געשטאַרקט און זיך געלאָזט גיין אין וועג אַריין.

עס איז שוין נישט געווען ווייט פון דער רוסישער גרע־נעץ. אָוונט־צייט איז ער אָנגעקומען אין דעם גרענעץ־שטעטל.

ער איז צוגעגאַנגען צום גרויסן איינפאָר־הויז, וואָס איז געלעגן אין סאַמע מיטן פון מאַרק.

פורן זענען אַרומגעשטאַנען דאָס שטאַרקע, פּירקאַנטיקע געבײַ, פויערן און יידן זענען געגאַנגען אַ־ויס און אַריין.

אַלעמאָל האָט זיך פון הויפן וואָגנס אָפּגעריסן אַ פור אָנגעפּאַקט מיט שיכורע פויערן, וואָס האָבן די ווינטערנאַכט אָנ־געפולט מיט זייערע געשרייען און געזאַנגען.

ער איז אַריין אין גרויסן „זאַל" פון דער קרעטשמע.

בײַ דער טיר איז אים אַקעגנגעקומען אַ יונגער, אויס־געדאַרטער בחור מיט אַ סאַמעטענעם רעקל, מיט אַ „קינסטלער־שלייף" אויפן לאַנגן האַלז.

— ביטע, בעצאָלן זי „ענטרע", מיין הער! הויטע איסט היר איינע גראָסע „קונסט־פאָרשטעלונג".

ווערדער האָט באַצאָלט און האָט זיך אַנידערגעזעצט בײַ אַ טישל נעבן דער אָפענער „בינע". אויף פעסער זענען געווען אויפגעלייגט עטלעכע נישט געהיבלטע ברעטער. דער אַריינגאַנג צום „גאַרדעראָב" איז געווען פאַרשטעלט מיט ליילעכער.

ער האָט געלאַכט צו זיך אַליין:

— אַפנים, אַז דאָס דאַרף הײַנט זיין מיין „געזעגענונג־אָוונט" פון טעאַטער.

איינער פון די „קינסטלער" האָט דערקענט ווערדערן. ער איז אַרויס פון הינטער דעם גאַרדעראָב־ליילעך און האָט אים געבעטן אַריינצוקומען אין דער „אַבאָרנע".

— פאַרוואָס האָט איר באַלד נישט געזאָגט בײַ דער טיר, אַז איר זענט אַן אַרטיסט? מען וואָלט דאָך בײַ אייך נישט געטאָרט נעמען קיין „ענטרע".

װערדער האָט זיך געלאָזט אַנרעדן און איז אַרײַן אין גאַרדעראָב פֿון די „בראָדער זינגער". דער אַרטיסט, װעלכער האָט אים געקענט פֿון זײַנע פֿריערדיקע אויפֿטריטן בײַ „יאַנקל שיקסעניק", האָט אים פֿאָרגעשטעלט פֿאַר די איבעריקע אַרטיסטן.

— דאָס איז דער באַרימטער קינסטלער, יוליאַן װערדער!

— האָט ער געזאָגט — אַ מענטש, װאָס שפּילט ליטעראַריש און האָט דעם אמתדיקן טאַלאַנט...

די „בראָדער זינגער" האָבן געקוקט אויף װערדערן מיט דרך ארץ. זײ זענען געװען שטאַרק צעטומלט צוליבן „הויכן גאַסט". די שמינק איז זײ אַרויסגעפֿאַלן פֿון די הענט, װען זײ האָבן זיך באַרעכנט, אַז דער „באַרימטער ליבהאָבער" װערדער װעט זײַן אָנװעזנט בײַ זײערס אַ פֿאָרשטעלונג.

זײ האָבן זיך עפּעס באַראָטן אין ענגן װינקל פֿון „גאַר־דעראָב".

זײ זענען צוגעגאַנגען צו װערדערן:

— מיר האָבן צו אײַך אַ גרויסע ביטע!

װערדער האָט באַלד פֿאַרשטאַנען און ער האָט מסכּים געװען:

— אדרבא! איך װעל מיט פֿאַרגניגן הײַנט שפּילן מיט אײַך צוזאַמען.

דער דירעקטאָר פֿון די „בראָדער זינגער", אַן אַלטער „ברעטלזינגער" מיט אַ װײַסן קאָפּ האָט װערדערן געטרײסט:

— און װעגן מוזיק דאַרפֿט איר זיך נישט זאָרגן, פּאַניע װערדער! אונדזער צימבלער שפּילט פֿון געהער װי אַ ציגײַנער. איר דאַרפֿט בלויז אָנהײבן זינגען און ער װעט אײַך אונטער־האַלטן װי געשמירט! װאָס מײנט איר? די „בראָדער זינגער" זענען שוין גאָרנישט?

דער „דירעקטאָר" איז באַלד אַרויס אויף די ברעטער און האָט אָנגעהויבן אַנאָנסירן:

— הויך געערטעס פּובליקאָן! מיר האָבן זיך מיט אײנען

צו טיילן מיט איינעם פריידיקן ערייגעניס! דער באַרימטער העלדן-טענאָר, דעם צירדע פאָן דער בינע, דער באַרימטער אַקטיאָר יוליאַן ווערדער, האָט מסכים געווען היינטע אָנטיילצונעמען ביי אונזערער פאָרשטעלונג! וואָס איז איין ליטעראַרישער אַקטיאָר און ער וואר אַ פריינד פאָן אונזער גראָסן דיכטער שלום עליכם עליו השלום!

מאַן ווירד דערפיר גאָר נישט בעדאַרפן צוצאָלן, וואָס מאַן ווירד אים קענען הערן! נור גיטיגע וואוילטעטיקע גאַבן ווירד געבעטן פאָן דער דירעקציאָן! ווען דער הער ווערדער ווירד ענדיגן מיט זיינעם געזאַנגע, וועל איך אַליין אַרומגיין מיטן טעלער וועגן דעם בענעפיס פון אונזער הויכן גאַסט!

אַ שטראַלנדיקער פאַר פרייד איז ער אַראָפּ פון די ברעטער, איז אַריין צו ווערדערן און האָט אים געדריקט די האַנט:

— איך האָב אייך אַנאָנסירט, פאניע ווערדער, ווי אין פסוק שטייט. דאָס פובליקאָן איז ענטציקט!

ער האָט אָנגעכאַפּט אַ גלעקל און האָט דריימאָל געקלונגען.

אַלע זענען אַרויס אויף די ברעטער, האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ גלייכער שורה און מען האָט אָנגעהויבן זינגען דעם באַגריסונג־שפרוך":

„גריסט אייך גאָט, מיינע ליבע געסטע!
מיינע ליבע געסטע!
מיינע ליבע געסטע!
גריסט אייך גאָט!

דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די „פאָרשטעלונג". מען האָט געטאַנצט, מען האָט געזונגען, אינם „סקעטש", וועלכער איז געווען דער העכסטער פונקט פון גאַנצן „פּראָגראַם" איז אויפגעטרעטן דער דירעקטאָר אַליין, ער האָט געשפילט „מיט פייער" און אַלעמאָל איז ער צוגעגאַנגען צו ווערדערן, וועלכער איז געשטאַנען הינטערן לייַעך:

— נו וואָס זאָגט איר עפּעס? געפעלט אייך עפּעס מיין שפּיל?

נאָך אים איז אויפגעטרעטן זיין ווייב, א דיקע עלטערע יידענע, וואָס האָט געזונגען צוויידייטיקע קופּלעטן אין געוויזן אירע גראָבע פיס. דער „דירעקטאָר" איז געשטאַנען הינטערן ליילעך און האָט אכטונג געטון, צי גייט נישט אַוועק א „גאַסט", ווען ער האָט באַמערקט, אַז פון די אונטערשטע טישלעך הויבט זיך עמעץ אויף און נעמט זיך צוריסן אונטערווייַלעכץ, האָט ער אַרויפגעפּליסטערט צו זיין ווייב אויף די ברעטער;

— נעבעך אייג טימן לעטער! דער דויל ליץ אַנטריפלען!

זיין ווייב האָט דאַן איבערגעריסן איר לידל אין מיטן, האָט געכאַפּט דעם טעלער, איז אַראָפּ פון די ברעטער, האָט זיך אַדורכגעשטופּט דורך די טישלעך און האָט נאָך געכאַפּט דעם „דויל" ביי דער טיר;

— ביטע איינע געפעליגע גאַבע, פיר די אָרימע אַרטיסטן!

בעת ווערדער האָט געזונגען, זענען אַלע אַרטיסטן געווען אויפן זאַל מיט די טעלערס אין די הענט און האָבן געזאַמלט צווישן עולם „פירן בענעפיס פאַן אונזער הויכן גאַסט".

זיי זענען געגאַנגען פאַרוויז, צוליב „קאָנטראָל".

— די קאָנטראָל, פאַניע ווערדער — האָט דער דירעקטאָר שפּעטער „געגעבן צו פאַרשטיין" — ווערט ביי אונז צוגעווענדט בלויז אום ווינטער. די בעסטע קאָנטראָל איז אָבער זומער־צייט, מיט דער „פליג".

— וואָס עפּעס א פליג? — האָט זיך פאַרוואונדערט ווערדער.

— ווען אַן אַרטיסט גייט אין זומער „מיטן טעלער", גיט מען אים אין איין האַנט א טעלער, אויף וועלכן די „געסטע"

*) נעבעך ביי מיטן טעלער! דער „יאָלד" וויל אַנטלויפן.

דאַרפֿן אַרויף דאָס געלט. אין דער צווייטער פֿאַרמאַכטער האַנט טראָגט ער אַ לעבנדיקע פֿליג; דאָס איז צוליב דעם, אַז ער זאָל מיט דער האַנט נישט אַראָפּנעמען עפּעס פֿון טעלער. ווען ער קומט אַריין אין גאַרדעראָב, ווערט דאָס געלט ערלעך געטיילט צווישן אַלעמען. צוזאַמען מיטן געלט מוז ער אָבער צושטעלן די לעבנדיקע פֿליג, אַ סימן, אַז ער איז אַן „ערלעכער מאַן"...

★ ★ ★

ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט די אַרטיסטן און האָט זיך געלאָזט גיין צו דער גרענעץ. ס'איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט.

דער ייד, וועלכער האָט אים געזאָלט אַריבערפֿירן אויף יענער זייט, איז אַפּגעגאַנגען פֿון אונטער דער חורבה, וווּ ווערדער האָט זיך מיט אים אָפּגעשמועסט צוזאַמען צו טרעפֿן.

דער פֿראָסט האָט געברענט. זיי זענען ביידע געשטאַנען נעבן דער געוועזענער בראָנפֿן־ברענעריי, וואָס איז צעשאָסן געוואָרן אין די אָפּטע קאַמפֿן, וואָס האָבן זיך דאָ געפֿירט בעת מלחמה.

בלויז אַ פֿאַרויכערטער, הויכער קוימען האָט אַרויסגעשטאַרט פֿון דער קופּע מיסט און ציגל. אויף אַלעמען איז געלעגן אַ פֿרישער שניי, וועלכער איז געפֿאַלן דורכן גאַנצן טאָג.

ביי נאַכט האָט עס אויפֿגעהערט שנייען. די לופֿט איז געווען שטיל און דאָס מינדסטע שעפּטשען האָט מען אין פֿראָסט געהערט, ווי דאָס שאַרפֿע קלינגען פֿון שטאָל.

— נו, גייען מיר? — האָט געפֿרעגט ווערדער.

דער שמוגלער האָט זיך געקראַצט אין זיין פֿוטערנעם היטל. ער האָט געשוויגן און איז מיט די שווערע שטיוול איבערגעטרעטן פֿון אַ פֿוס אויף אַ פֿוס.

— איך ווייס? ס'איז היינט אַ ליכטיקע נאַכט. דער שניי ליגט. מען זעט אַ מענטשן אויף אַ מייל די ווייט...

— און וואָס גייט עס אייך? רעדט קלאָרע דבורים; איר ווילט מיך אַריבערפירן, צי ניין?

— וואָס הייסט, פאַניע לעבן, צי איך וויל? פאַרוואָס זאָל איך עפּעס נישט וועלן? וועלכער ייד וויל דאָס נישט פאַרדינען?

— נו, אַלזאָ! לאָמיר גיין!

— עי, פאַניע־לעבן, פאַרוואָס זאָלט איר זיין אַזאַ איילנדיקער, איר זאָלט מיר לעבן! גלויבט מיר, איך ווייס, וואָס איך רעד! אַז איך זאָג, ס'איז נישט, דאַרפט איר וויסן, אַז ס'איז נישט...

— הייסט דאָס, אַז אירווילט נישט?

דער ייד האָט וועדערן אָנגעקוקט פון אונטן אַרויף. ער האָט געטראָגן אַ גוישע „פּאַפּאַכע", אַ זכרון פון די „פּעטליוראָווצעס" און זיינע שוואַרצע פּאות האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער וואָל פון דער שאַפּענער פּעל.

ער האָט אויסגעשפּיגן אין שניי אַריין, און האָט גענומען קרעכצן:

— וואָס מיינט איר, ס'איז עפּעס פון די גרינגע זאַכן? גענומען און געגאַנגען און שוין? אַ, פאַניע־לעבן ס'רעדט זיך באַר אַזוי... איר וועט צולייגן פינף רענדלעך...

ווערדער איז געוואָרן אין כעס:

— איר האָט דאָך מיט מיר שוין אָפּגעמאַכט דעם פּרייז!

— נו, איז וואָס, פאַניע? און אַז איך האָב אָפּגעמאַכט, איז וואָס דערפון געדרונגען? איך האָב גערעכנט, איך וועל האָבן נאָך עטלעכע „פּאַסאַזשירן". נו, און דערווייל האָט זיך געמאַכט, אַז איר זענט איינער אַליין... ס'איז אַ מהלך רב, פאַניע! און געבן דאַרף מען אויך! דעם קאָמיסאַר באַזונדער, דעם עלטערן סטראַזשניק... דעם סטראַזשניק... און מיר אַליין דאַרף דאָך אויך עפּעס בלייבן... מען דאַרף דאָך עפּעס לעבן,

פאניע... ווי זאָגט דאָס שפּריכוואָרט: „לעבן אונד לעבן לאַסען, מיין הער"! יאָ, יאָ!

— אַלזאָ כאַפּט עס דער טייוול! איך וועל אייך צוגעבן די פּאָר „רענדלעך" און לאָמיר גיין!

— שאַ היצט אייך נישט אַזוי — האָט אים באַרויקט דער שמוגלער — וואַרט דאָ צו, איך גיי זיך אַדורכשמועסן מיטן „אוזשענדניק"... אַז אויסרייסן זאָל עס זיי! נעמען געלט פאַר אומזיסט און אומנישט!

ער איז אַוועקגעגאַנגען נאָכשלעפּנדיק די פיס אין שניי.

ווערדער איז געבליבן אַליין.

די ווייסע, פּראַסטיקע נאַכט האָט געגלאַנצט ווי זילבער.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ פאַרשנייעטער קופּע שטיינער, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געוואַרט.

עפּעס האָט זיך געשאַרט איבערן שטילן שניי.

אַ הונט איז פאַרבייגעלאָפן, איבערגעדרייט אויף אים דער קאָפּ מיט אַ שטייפן נאַקן. ווערדער האָט אים צוגערופן מיט אַ שטילן פייף דורך די ציין.

טריט־ביי־טריט איז דער הונט צוגעקומען נענטער און האָט זיך אים געלייגט צו זיינע פיס.

ווערדער האָט אים געגלעט איבער די מאָגערע ריפּן, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרט פון אונטער דער אָפּגעריבענער פעל.

די שטילקייט האָט ווערדערן געקלונגען אין די אויערן.

זי האָט גערעדט צו אים מיט באַקאַנטע שטימען.

דער פאָטער רעדט צו אים, פּונקט ווי ער וואָלט נאָך געווען אַ קינד.

ער דערציילט אים די מעשה וועגן די „צוויי ברידער":

„אַמאָל זענען געווען צוויי ברידער. איינער איז געווען אָרים דער צווייטער רייך. אָבער דער רייכער איז געוואָרן אַ שלעכטער".

דער מאַמעס זינגען מישט זיך אויס מיט דער שטים פון פּאָטער.

זי זינגט אים אַ דייטש לידל וועגן „צוויי רייטערס, וואָס פאָרן אַרויס פון זייער שטאָט. אין זיינע אויערן בויערט זיך אַריין דער טרויריקע רעפריין פון דעם אַלטן לידל; „ווער ווייסט, צי מיר וועלן זיך נאָך ווידערזען“?

קלאַרע רעדט צו אים ווערטער פון אַ גרענעצלאָזער ליבשאַפט. מיט אירע הענט נעמט זי אים אַרום, און פליסטערט אים אַריין אין די אויערן זעלטענע ווערטער פון צערטלעכקייט און איבערגעבנקייט.

וולאַדזיא קומט אין איר העלן זומער=קליידל. זי קוקט אויף אים מיט בלויע, קלאָרע אויגן. דאַן צעלאַכט זי זיך און אַנטלויפט.

פונדערווייטנס הערט זיך נאָך דאָס זינגען פון דער מוטער.

אַ פידל שפּילט.
עס ווערט ווידער שטיל.
די שטימען ווערן אַנטשוויגן.

ווערדער האָט אויפגעציטערט פאַר קעלט און האָט גענומען גיין אַרום דער צעפאַלענער חורבה.

– פאַרוואָס קומט ער נישט, דער ייד? ווי לאַנג זאָל איך אויף אים וואַרטן?

אַ ווינט האָט זיך צעיאָגט איבער דער ווייסער, קאַלטער פלאַך.

ער איז געקומען פונם וועלדל, וואָס אויף יענער זייט גרענעץ, ביים צווייטן ברעג פונם טייך.

אין ווערדערס אויערן האָבן זיך אָפּגעשלאָגן עטלעכע אָפּגעריסענע ווערטער, וועלכע עס האָט געבראַכט צו טראָגן דער ווינט. די ווערטער האָט ער געהערט, ווי זיי וואָלטן געקומען פון אונטער דער ערד.

נאָכאַמאָל די זעלבע ווערטער.
אויף רוסיש.
ווערדער האָט פאַרשטאַנען.
— די וואַכן בייטן זיך.
ער האָט אָנגעהויבן גיין איבערן ווייסן שניי.
ער איז געגאַנגען און אין אים האָט זיך צעזונגען די פרייד פון נאָענטער באַפרייונג.
מיט פאַרמאַכטע ליפּן האָט ער געברומט אַן אַלט אַרבע־טער־ליד, וועלכעס ער האָט נאָך געדענקט פון פריער:
— „נאַ באַריקאַדי, לודי ראַבאָטשי״!
די גלייכע פלאַך האָט זיך געענדיקט.
ער איז שטיין געבליבן.
ער דאַרף איצט אַראָפּגיין דעם אָפּהאַנג.
הינטן ליגט דאָס פאַרפרוירענע טייכל.
אויף דער אַנדערער זייט — די צווייטע גרענעץ.
לאַנגזאַם האָט ער זיך געפּרוווט אַראָפּשאַרן פון דעם אָפּהאַנג, אָבער ער האָט זיך געקאָלערט מיט אימפּעט.
מיט די הענט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין די גרויסשטאַרנ־דיקע צווייגלעך פון אונטערן שניי.
די צווייגלעך האָבן זיך געריסן.
ער איז געפאַלן אָן אַן אויפהאַלט.
ביז ער איז אַראָפּגעקומען. מיטן שטערן האָט ער זיך אָנגעקלאַפּט אָן דעם פּוילישן גרענעץ־סלופּ.
ער האָט זיך געריבן דעם שמאַרצנדיקן קאָפּ.
— אויף דער זייט איז קיינער נישטאָ.
ער האָט זיך געלייגט אויפן בויך און זיך געשלעפּט אי־בער דער אייז־דעק פון טייכל.
אַ שוויס האָט אים באַגאָסן.
דאָס וועלדל אויף יענער זייט איז געשטאַנען אַ שווייגנ־דיקס אין שניי.

אַ ווינט איז דורכגעפאָרן.
עפּעס הערן זיך שטימען.
ער איז פאַרגליווערט געוואָרן אין אומבאַוועגלעכקייט. איבערגעוואַלט.
— ניין, ס'איז גאָרנישט.
ער איז שוין געווען אינמיטן פון טייכל, ווען ער האָט דערהערט דאָס קנאַקן פון טרוקענע צווײַגלעך. אַ געשטאַלט איז אַרויסגעשווומען פון צווישן די בוימער.
ווערדער האָט דערקענט, אַז דאָס איז אַ רוסישער גרע־נעץ־סאָלדאַט.
זײַן האַרץ האָט אין אים אויפגעציטערט פאַר פרייד און ער האָט הילכיק אויפגעשריגן.
ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף גלײַכע פיס, אויסגע־שטרעקט די הענט. גרייטע צום אַרומנעמען.
ער איז געלאָפן מיט גרויסע שפּאַנען, אַז דאָס אייז האָט אַזש אָנגעהויבן צו קנאַקן.
יענער האָט אָנגעשטעלט זײַן ביקס און געשריגן דער־שראָקן:
— פּאַסטאָי! פּאַסטאָי! פּאַסטאָי!
און האָט אויסגעשאָ...